STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06904

HEYMLAND

Mordekhai Dantsis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

היימלאַנד

פון מרדכי דאַנציס

ספעציעלע צייכנונגען
פון שאול ראַסקין

פאַרלאַג „היימלאַנד"
ניו יאָרק, נ. י.

אַ מתּנה דעם אַרויסגעבער

פֿון "טאָג"

בודלאַפּיאָ

ORIOM PRESS, INC.

224

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט 7
מיט אידן פון ארבע פנות אמעריקע 9
מיט דר. חיים ווייצמאַן קיין ארץ־ישראל 19
א נאַכט פאר די ברעגן פון חיפה 27
דאָס לאַנדן — פון שיף צום חיפהער האַפן 33
חיפה, די אַלטע — און די נייע 37
אויפן שאָסיי ביי די פיס פון כרמל 41
נהלל — דער טויער פון „עמק" 47
צווישן היסטאָרישע בערג אין ארץ־ישראל 53
עפולה — „די גרעסטע שטאָט אין ארץ־ישראל" 59
דער וואונדער פון די קבוצות אין עמק יזרעאל 65
די נשמה פון די ארבעטער קבוצות אין ארץ־ישראל 69
מיט די קינדערלעך און עלטערן אין אן ארבעטער קאָלאָניע 77
דאָס קאָכיקע לעבן אין דער גרעסטער קבוצה אין עמק 85
צווישן אראַבישע זומפּן און בליענדע אידישע קבוצות 91
דגניה — איינע פון די עלטסטע קבוצות 95
אויף אן אַלט טערקישן טראַקט קיין חולדה 103
צווישן די ארבעטער יוגנט אין חולדה 107
באר טוביה — דער וואונדער מיט א ברונעם 111
ביים קבר פון יוסף טרומפּעלדאָר 115
די „הסתדרות" פון די אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל 123
די רוטענבערג סטאַנציע — דער לעבנס נערוו פונם נייעם
ארץ־ישראל 131

אין דער פרומער חסידישער קאָלאָניע „בני ברק" 143
א באַזוך אין „עמק השרון" — דער שטאָלץ פון ארץ־ישראל
קאָלאָניעס 151
פתח תקוה, א גאַליציאַנער שטעטל, אריבערגעטראָגן
קיין ארץ־ישראל 159
אין דער שטאָט וואו מען טרינקט ווײַן אומזיסט 167
אין א „קאפעטעריע" אין רחובות 173
אויפן שאָסיי קיין תל־אביב 177
אין דער וואונדער שטאָט — תל־אביב 179
אויף א פורים קארניוואל אין תל־אביב 193
דאָס פיל פארביג לעבן אין דער אַלט־נײַער ירושלים 203
א נײַע ארץ־ישראל ווערט געשאפן דורך די דײַטשע אידן 215
אונטערן בוים וואו אברהם אבינו איז געזעסן 229
א באַזוך ביי דער „מערת המכפלה" 233
די אַלטע שטאָט יריחו 239
טבריה — די אַלטע אידישע שטאָט 243
אויף „קבר אבות" 251
ביים קבר פון ר. מאיר בעל הנס 255
אין אן אראבישן „קאבארעט" 261
א פרײלעכע נאַכט אין א פרײלעכער שטאָט 265

פאָרוואָרט

א באַזוך פון אַכטצן טעג אפילו אין א קליין לאַנד ווי ארץ ישראל, די היינטיגע ארץ ישראל, די איינגעשרומפענע, פון א פרעמדער, בייזער האַנט צעריסענע און אויף צוויי צעפּאַלמעסטע, איז פאַר־ברעכעריש־ווינציג, אויב מען נעמט זיך אונטער צו דערציילן פון אלצדינג וואָס אין דעם לאַנד טוט זיך און פון די אלע וואונדער וואָס שפילן זיך דאָרטן אָפּ.

האָט אָבער מיין בוך כלל ניט די פּרע־טענזיע צו זיין אַן אומפּאַסנדיקע שילדע־רונג פון דער היינטיקער ארץ ישראל. עס איז ניט מער ווי א זאַמלונג פון דורכלויפּנ־דיקע אימפּרעסיעס, בליציקע אָנווארפן פון איינדרוקן וואָס מיין אכטצנטאָגיקע, שווינדלענדיקע אויטאָמאָביל־רייזע אי־בער די קבוצות, קאָלאָניעס און שטעט פון אונזער לאַנד האָט ביי מיר ארויס־גערופן. דאָס און ניט מער.

און זאָל דאָס דינען פאר אן אנטשול־דיקונג, אויב עס איז נויטיק, פאר די אומ־פּינקטלעכקייטן וואָס האָבן זיך אפשר אריינגעכאפּט אין מיין בוך.

מ. דאנציס

9

מיט אידן פון ארבע פנות אמעריקע

ניין, איך וועל אייך דאס מאל ניט דערקלערן ווי דער ים האט אויסגעזען. איך וועל אייך אפילו ניט מאכן די גרויסע אנט־פלעקונג, אז די כוואליעס האבן געברויזט און געביטן זיך אין פארבן, אט גרוי ווי צעשמאלצענער בליי און אט בלוי ווי די אויגן ביי דעם סינסינעטער מיידל אדער ווייבל, וואס דערציילט מיר, אז זי פארט שטודירן מוזיק אין איטאליע און האלט מיט מיר אין איין איינטענהן, אז דער גרעסטער קאמפאזיטאר פון אלע צייטן און דורות איז געווען באך. איך בין מסכים מיט אלצדינג וואס זי זאגט. זי קאן ביי מיר אלץ פועלן.

וואס איך וויל אייך יא דערציילן איז פון דער קליינער, אי־דישער מלוכה, וואס שווימט דא צווישן הימל און ים. ס'איז כדאי, ווארים ס'איז אן אויסטערלישע מלוכה, אויסטערליש און רעגנבויגיק ווי דאס אידישע לעבן, ווי אונזער קיום אויף דער וועלט. עס זיינען פאראן א צוויי הונדערט און פופיצק אידישע פאסאזשירן אויף דער וואונדערלעכער „קאנטי־די־סאוואיא". פאראן אויך עטלעכע הונדערט קריסטן, ווערן זיי אבער בטל בששים. די אידן דאמינירן. זיי האבן זיך איבער אלע קלאסן צעשפרייט, אויף אלע דעקן זיך אויסגעלייגט, אלע צימערן און זאלן אנגעפילט, אין יעדן ווינקל זיך פארקליבן. עס פעלט נאר, אז די וויים־בלויע פאן זאל פלאטערן איבער דער „קאנטי־די־סאוואיא", און אז דער ארקעסטער זאל אנשטאט מאצארט און שוברט און גונא שפילן אינדערפרי און פארנאכט „עוד לא אבדה", „א שטיקעלע כל נדרי" און פארבראקן מיט אידישע טעאטער־לידלעך. אזוי ווייט איז עס אבער נאך ניט געקומען. דערווייל האלטן מיר ביי כשרע מאכלים, וואס צוויי ספעציעלע משגיחים פארזארגן די אידן, וואס היטן כשרות; און געפילטע פיש פרייטיק־צו־נאכטס, און א שפייז־קארטע געדרוקט אין העבראיש; און א מנין מיט א בעל־

תפילה, און וכוחים וועגן אידישקייט, וואָס האַלטן אָן ביזן ווייסן טאָג אריין; און אפילו פּאַרטיי-דיסקוסיעס וועגן ארץ-ישראל, ציוניזם; און צי מ׳דאַרף דעם יאָר אָפּהאַלטן דעם אידישן וועלט-קאָנגרעס אָדער אפשר אָפּלייגן אויף שפּעטער.

די מערסטע אידן זיינען טוריסטן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס פאָרן נאָר צוליב דער רייזע. דער טור שליסט איין אויך אַ פיר-טאָגיקן באַזוך אין ארץ-ישראל. דאָס איז אָבער ביי זיי אַ זייטיקער ענין. עס וואָלט זיי ניט אויסגעמאַכט, ווען אָנשטאָט ארץ-ישראל וואָלט די שיף זיך אָפּגעשטעלט אויף פיר טעג אין פּאַטאַגאָניע. איינער האָט ביי מיר אַ פרעג געטאָן גאַנץ נאַאיוו:

— און וואָס וועל איך זען אין ארץ-ישראל? די זון? שיינט זי אויך אין פלאָרידע.

האָב איך אים אָנגעקוקט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ווארים וואָס קאָן ע ר טאַקע זען אין ארץ-ישראל? די זון? האָט ער רעכט. זי שיינט אויך אין פלאָרידע.

זיינען פאַראַן אין ערשטן קלאַס הונדערט אידן, וואָס האָבן באַצאָלט, יעדער אַ מינימום פון טויזנט דאָלאַר פאַר דעם טור אַליין. אַנדערע האָבן באַצאָלט נאָך מער. און נאָך זאָגט מען, אַז צייטן זיינען שלעכט אין אַמעריקע, און מיינע קאָלעגן פּלפּולן זיך אין זייערע שרייבערייען וועגן דער „דעקלאַסירונג" פון אמערי-קאַנער אידן. צו די אידישע פּאַסאַזשירן אויף דער „קאָנטי-די-סאַוואָיאַ" האָט די דעקלאַסירונג נאָך ניט דערגרייכט. זיי פאָרן דערווייל ערשטע קלאַס, פאַרנעמען קעניגלעכע צימערן, עסן קאַוויאַר און געבראָטענע קאַפּ-הינדלעך און פּאַרטרינקען מיט שאַמפּאַניער. זיינען זיי אָבער מידע מענטשן, מיד און אַלט און פיל הנאה פון לעבן קאָנען זיי ניט האָבן. שווין אַביסל שפּעטלעך...

וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, און דאָס גראָד צווישן די ניט-אידישע פּאַסאַזשירן, איז די גרויסע צאָל אַלטע מענער מיט יונגע ווייבלעך. שלעפּן זיך אום זקנים איבערן דעק, אויסגעפּוצט ווי צוואַנציק-יעריקע ספּאָרטס און ביי זייער זייט יונגע, עלעגאַנטע פרויען. מיט ספּרוזשינעס אין די געטאָקטע פיסלעך און מיט הונ-געריק-אויפגעבליצטע אויגן. די זקנים טאַנצן נאָך, מאַכן אַ יונג-

בחורשן אָנשטעל, קאוואַליערעווען ווי ווייט דאָס ביסל פאַרבליבענע כוחות לאָזן. אין די אָוונטן טאַנצן זיי אפילו אויף דעם שפּיגלדיקן פּאַרקעט פון גרויסן, באַגילדעטן זאַל, דעקאָרירט אין קלאַסישן סטיל. עס איז אָבער „ניט געדאַוונט, נאָר געפּאַנפּעט", ווי מ'זאָגט אין מיין אוקראַינע. די אַלטע פּיס באַוועגן זיך ליימיק, די שווערע פיגורן איינגעקראַמפּט אין טאַקסידאָס דרייען זיך בעריש-שווער, און ס'איז אַ רחמנות צו קוקן אויף די יונגע פרויען, וואָס פלאַטערן נאָך ביי זייער זייט. איר האָט דעם געפיל ווי זיי חלשן זיך אַ ריס־טאָן, ווי פייגל פון אַ שטייג, און לאָזן זיך פליען אַליין איבערן זאַל אומגעצוימט און פריי.

אין אָנפאַנג האָב איך אין מיין נאַאיוויטעט געדענקט, אַז דאָס זיינען טאַטעס און טעכטער, אָדער אפשר גאָר זיידעס און אייניק־לעך, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ניין. דאָס זיינען טאַקע פאַרהייראַטע פּאָרלעך, און די אַלטיטשקע פאָרן עס מיט זייערע יונגע ווייבלעך אויף אַ „האָניק־חודש" אָדער גלאַט אויף אַ לוסט־רייזע. מילא...

*   *   *

פאַראַן אידן אין ערשטן קלאַס, וואָס פאָרן טאַקע לשם ארץ־ישראל. אָט פאָרט אַ ברוקלינער פאַבריקאַנט מיט זיין פרוי צו זען זייער זון, וואָס לערנט אין דער ביראַם־שול אין חיפה. דאָס איז שוין זיין צווייטע רייזע און ער קען דאָס לאַנד און רעדט וועגן „אונדזער לאַנד", „אונדזער היים". ער פאַבריצירט פּאַפּיר. דאָס אַליין שטעלט אים אָבער נישט צופרידן. ער כאַפּט אויך גאַנץ אָפט אַ קוק אויף דעם, וואָס איז געדרוקט אויפן פּאַפּיר, איבערהויפּט ווען עס איז העברעאיש. ער רעדט צו מיר פון יצחק בער לעווינזאָן און פון ביאַליקן. פון יצחק בער לעווינזאָן, ווייל ער איז אַ קרעמע־ניצער און ער אַליין קומט אויך פון קרעמעניץ, איז ער זייער שטאָלץ מיט זיין „לאַנדסמאַן". און ביאַליק — וואָס פאַר אַ העברעער רעדט נישט פון ביאַליקן? איבערהויפּט ווען ער, דער ברוקלינער פאַבריקאַנט, איז טאַקע געוועזן אַליין ביי ביאַליקן אין הויז אין תל־אביב.

אַן אַנדער איד, אַ מר. האָראָוויטץ, וואָס איז אַן איידעם ביי

די ניו יאָרקער לעמפּאָרטס, פּאָרט מיט זיין פרוי אויף קבר אבות. מיט עטליכע יאָר צוריק האָט מען אוועקגעפירט דעם אלטן נתן לעמפּאָרט מקבר זיין אין ארץ־ישראל. ער פּאָרט מיט דער פרוי, דעם אלטן לעמפּאָרטס א טאָכטער. איז מר. האָרוויטץ אויך א איד א משכיל. ער טראָגט זיך אום מיט א „בחינות עולם" אויפן דעק, מיט א תהילימל, און פון דער ראָק־קעשענע שטעקט ארויס דער „הדואר". און אנדער איד דרימלט איבער „אנטאָני עדווערס". ער איז א קליידער־פאַבריקאנט און פּאָרט אויף פּסח קיין ארץ־ישראל... ווי קומט צו דעם אידן, וואָס רעדט צו מיר אין מינסקער אידיש, „אנטאָני עדווערס"? דערקלערט ער מיר, כאָטש איך פרעג עס ביי אים נישט:

— דאָס האָבן מיר מיינע קינדער מיטגעגעבן ביכער צום לייענען, אז איך זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן אויף דער רייזע... — און ער גיט צו מיט א שמייכל: — ס'פעלט מיר ווי א לאָך אין קאָפּ... און א קערטל איז שלעכט? וואָס זאָגט איר, האַ?

און אויך דער זיבעציק־יאָריקער זקן, וועמען די רייכע קינדער האָבן געשיקט אויף א רייזע קיין ארץ־ישראל, זיצט אויף דעם שטול איינגעוויקלט אין אן ענגלישן פּלעד און כאַפּט א דרימל איבער אן ענגלישן בוך. אים האָבן די קינדער מיטגעגעבן סינקלעיר לואיסעס לעצטן ראָמאַן, „וואָווירק אָוו אַרט". ער דערזעט מיך, וואַרפט אוועק דעם בוך אין א זייט און לאָזט זיך אריין מיט מיר אין א שמועס וועגן די „אמאָליקע צייטן". די „אמאָליקע צייטן", דאָס זיינען די יאָרן, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע. ס'איז שוין א האַלבער יאָרהונדערט אין דעם. ער האָט אָנגעהויבן אלס פּעדלער, געשלעפּט דעם פּאַק אויף די פּלייצעס, צוערשט אומגעוואַנדערט צווישן די אָפּגעלייגנטע דערפלעך און פאַרוואָרפענע פאַרמס פון ניו דזשויר־זי, דערנאָך אָפּגעשלאָגן די שוועלן און געקלאַפּט אין די טירן פון די ניו יאָרקער טענעמענטס. גאָט האָט אָבער געהאָלפן, מ'האָט זיך ארויפגעארבעט, גענומען פירן גרויסע געעשפטן. היינט איז ער שוין א „צוריקגעצויגענער".

— די קינדער רודערן — זאָגט ער מיר — זאָלן זיי... איך פּאָר מיט דער אלטיטשקער כאַפּן א קוק אויף ארץ־ישראל... מ'דער־

ציילט זיך אָן פון דאָרטן אַזעלכע נסים ונפלאות, ווײַל איך עס זען מיט די אייגענע אויגן איידער ס'ווערט שפּעט.

און אויך די רייכע, עלטערע אלמנה פון ברוקלין פּאָרט זען די נסים ונפלאות אין ארץ־ישראל. זי האָט שוין דאָרטן אַ חלק. איר פאַרשטאָרבענער מאַן האָט געקויפט מיט יאָרן צוריק אַ שטיקל לאַנד אין „רעננה" און באַזעצט דאָרטן אָרימע קרובים. ווייזט זי מיר די בריוו, וואָס זיי שרייבן איר: „קומט, טייערע מומע, און איר וועט האָבן פיל נחת פון אונדז... ס'איז ביי אונדז פרייליך, איבערהויפט דער פּורים־קאַרניוואַל און די אויסשטעלונג אין תל־אביב"... די אלמנה דערציילט מיר וואָס פאַר אַ רייך הויז זי האָט אין ברוקלין, און אַז ערשט נישט לאַנג האָט זי אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן אויף נייע דעקאָראַציעס און מעבל. קאָנטיק אָבער, אַז עס איז איר נישט באַזונדערס פרייליך אין דעם דאָזיקן הויז, פאָרט זי זוכן אביסל נחת אין ארץ־ישראל.

און מיר האָבן אויך אין ערשטן קלאַס דעם ראַבינער לעווינטאַל פון ברוקלינער אידישן צענטער און זיין פרוי. ער, זאָגט ער מיר, פאָרט אביסל זיך „אָפּפרישן אין ארץ־ישראל". ער ברענגט, אַגב, מיט זיך עטלעכע טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט געזאַמלט פאַר אַ נייער שול, וואָס מ'גייט בויען אין ירושלים. פון אים ווער איך געוואויר דעם טשיקאַוון פאַקט, אַז אין ירושלים זיינען נישטאָ גענוג בתי תפילה... אין אָנהויב זעט עס אויס חדושלעך, טראַכט מען זיך אָבער אריין און עס ווערט פאַרשטענדלעך: איז דאָך ירושלים איין גאַנצע ריזיקע שול, פון וואַנען עס גייען אויף די תפילות פון אַלע פעלקער און רעליגיעס.

און נאָך אַ טשיקאַווע זאַך געפין איך אויס פון ראַבי לעווענטאַל, וואָס קלערט מיך אויף פון וואַנען עס נעמען זיך אַזויפיל אַלטע מענער און יונגע ווייבלעך אויף דער שיף:

בײַ מיר איז עס כלל קיין חידוש נישט — זאָגט ער מיר. — אין די לעצטע עטליכע יאָר איז כמעט יעדער פּאָרל, וואָס איך האָב געגעבן חופּה וקדושין, באַשטאַנען פון מענער צווישן פערציק און פופציק, אָפּטמאָל נאָך עלטער, און יונגע מיידלעך... ס'איז גאַנץ

פשוט: א יונגער בחור קאָן זיך היינטיקע צייטן נישט פאַרגינען דעם לוקסוס פון הייראַט.

איינע פון די ווייבלעך, וואָס האָט זיך איינגעהערט אין אונדזער שמועס, האָט פון איר זייט צוגעגעבן דעם באַקאַנטן פירוש: „בע־סער צו זיין א קעצעלע ביי אן אלטן מאַן איידער א שקלאַפין ביי א יונגענמאַן". ווי ווייט ס'איז בעסער, האָב איך מיינע ספקות. איך האָב א חשד, אז דאָס האָפּערדיקע ווייבל טיילט זיי מיט מיר.

* * *

די אמתע ארץ־ישראלדיקע אידן טרעפט מען אָבער אין די אַנדערע קלאַסן, אין „טוריסטן קלאַס", אין „ספּעשעל", און נאָך מער אין דריטן קלאַס. צווישן די הונדערט און אכציק אידן, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער די דאָזיקע קלאַסן, געפינען זיך ארום פינף און דרייסיק, וואָס פאָרן זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין ארץ־ישראל. דאָס זיינען אידן געשעפטסלייט, ארבעטער. פאראן א פּאָר „אינטעליגענטן". זיי האָבן נישט קיין אילוזיעס וועגן ארץ־ישראל. זיי ליגן זיך נישט קיין פייגעלעך אין בוזעם. זיי פאָרן אהין, ווייל „ס'ווערט אלץ שווערער און שווערער צו לעבן אין אמעריקע", און אויך ווייל די מערסטע האָבן א גאַנץ לעבן געחלומט פון ארץ־ישראל, געווען ציוניסטן, געגעבן געלט, אז אנדערע זאָלן זיך קאָנען באַזעצן דאָרטן. פאר זיי אליין איז אָבער ארץ־ישראל געווען ניט מער ווי א חלום. עס האָט טאַקע געגעבן אינהאַלט צו זייער לעבן, רייכער געמאַכט זייער נשמה, אָבער פאָרט א חלום. דאָס לאַנד האָט אויסגעזען ווי א מיראַזש, ווי עס וואָלט זיך געפונען ערגעץ אויף אן אנדערן פּלאַנעט. אין די לעצטע יאָרן איז עס אָבער געוואָרן א לעבעדיקע, פּולבלוטיקע רעאַליטעט. מ'פאָרט קיין ארץ־ישראל און מ'קומט צוריק, און מ'הערט און מ'לייענט פון דעם נייעם, קאָכיקן לעבן, וואָס גייט דאָרטן אָן; אידן פּלאַנצן דאָרטן, בויען, מאַכן גע־שעפטן. הייסט דאָך, אז עס איז טאַקע א ממשותדיקער ענין. ארץ־ישראל איז טאַקע א לאַנד און נישט נאָר „ובא לציון גואל" אָדער א געפּליגלטע ציוניסטישע דרשה. און אויב דאָס איז אזוי, דאַרף מען פאָרן און זען וואָס מען קאָן דאָרטן טאָן...

פאָרן די פינף און דרייסיק אידן מיט זייערע ווייבער און קינ־

דער זיך באַזעצן. מ׳פירט אביסל געלט, וואָרים מ׳ווייסט גאַנץ גוט, אז אָן געלט קאָן מען דאָרטן גאָר נישט אויפטאָן. א סך זיינען נשרפים פון קריזיס. אין די גוטע צייטן האָט מען געפירט גרויסע געשעפטן. עס האָט זיך אָבער נאָך איינגעגעבן ארויסצוראַטעווען אביסל קאַפּיטאַל פון פייער און מ׳פאָרט אָנהויבן א נייַ לעבן. אַנ־דערע האָבן יאָרן און יאָרן געשפּאָרט דאָלאַר צו דאָלאַר, געאַרבעט אין פאַבריק, געהאַט קרעמלעך. האָט איר צווישן זיי אידן מאַרבע פינות אמעריקע. אָט זיינען אידן פון שיקאַגאָ און פון סט. לואיס, פון פּיטסבורג, פון קענזעס סיטי, פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע, פון באַלטימאָר, פון ניו יאָרק.

און א פּאָר צענדליק חלוצים פאָרן אין דריטן קלאַס. יונגע בחורים, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט אין אמעריקע די „הכשרה”. זייער וועג איז אָנגעצייכנט: אַרבעט, קאַמף, ווען נויטיק, אָפּגעבן דאָס לעבן. גייען זיי אום פון פריידן־אָנגעצונדענע און מיט ארץ־ישראל־לידער אויף די ליפּן. לאָזן זיי זיך אַוועק אין די אָוונטן, אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל אין א קאָכיקן האָראַ־טאַנץ, טאַנצן מיט די שטערן, וואָס זיינען אַזוי געדיכט באַזעצט אויף דעם ווייך־סאַמעטענעם טוך, וואָס שפּרייט זיך איבער אונדזער שיף, ווי דאָס וואָלטן געווען ניט שטערן, פּלאַנעטן גאַנצע, וועלטן באַזונדערע, נאָר פייערפליגלעך, וואָס שטיפן אום אין דער נאַכט. און אַז עס טאַנצן מיט די כוואַליעס דאַרף איך נישט דערציילן, וואָרים איר ווייסט מן הסתם, אַז כוואַליעס האָבן שוין א טבע אַזאַ — רק זיי הויבן די פיסלעך און טאַנצן.

מאָנטיק ביינאַכט האָט דער עולם, וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל, אָפּגעהאַלטן א פאַרזאַמלונג אין „טוריסטן־זאַל”. צו וואָס א פאַר־זאַמלונג? האָט מיר דער אַלטער ציוניסטישער טוער, מר. לוריע, דערקלערט:

— אָט גלאַט אַזוי... זאָל מען זיך אביסל דורכריידן, און, אגב, פאַרברענגען אינאיינעם. מ׳פאָרט דאָך עפּעס קיין ארץ־ישראל, דאַרף זיין מער התקרבות, מער וואַרעמקייט...

האָב איך און אונדזער אַרויסגעבער, מר. שאַפּירא, אַוועקגע־לאָזן זיך איבער די גלות־לאַנגע קאָרידאָרן פון דער „קאָנטי־די־

סאַוואָיאַ" צו דער פאַרזאַמלונג. דער זאַל איז שוין געווען געפּאַקט, מענער, פרויען און קינדער. איינער א מר. טשערטאָוו איז דער פאָרזיצער און עס הויבן זיך אָן רעדעס. א מרס. ראַבין רעדט וועגן די אויפטואונגען פון דער „הדסה". זי רעדט אין א באַהאַרצטן אידיש און פאַרענדיקט מיט א פּאָעמע, וואָס זי אַליין האָט פאַר־פאַסט. דאָס ליד האָט שוין נישט צו טאָן מיט דער „הדסה", נאָר מיטן שטורם, וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט א פּאָר נעכט פריער. און מר. סילווערמאַן, מיר דוכט א פּיטסבורגער, האַלט א רעדע אין ענגליש. ער דערציילט:

— שוין פינף און דרייסיק יאָר ווי איך שטיי אויף יעדן טאָג און לייג זיך יעדע נאַכט מיט ציוניזם.

רוימט מיר איין מר. קאַפּלאַן פון בראָנקס:

— א גרויש נעבעך אָדער אן אַלמן, אָדער אפשר גאָר אן אַלטער בחור, א רחמנות...

פאַראַן אָבער א סך רירענדיקע פּשטות אין מר. סילווערמאַנס רייד. און מר. לוריע און אַנדערע האַלטן דרשות.

די פאַרזאַמלונג איז אַריבער און מ'סערווירט טיי. מ'זאַמלט געלט פאַרן „נאַציאָנאַל־פאָנד". מ'זינגט ארץ־ישראל־לידער. דאָס שיקאַגאָער ווייבל, וואָס איז „געכאַפּט אויף ראַדיקאַלעכץ" און פאָרט „פאָרשן די סאָציאַלע באַדינגונגען", גיט צו מיר א זאָג:

— איז עס נישט מערקווירדיק? די זין און טעכטער פון צוויי נאַציאָנאַליטעטן פאָרן אַהיים, איטאַליענער און אידן, און דאָך ווי גרויס דער אונטערשייד. ביי די איטאַליענער קאָנט איר אַזוינס נים זען.

דאָס ווייבל פון שיקאַגאַ איז, אַגב אַליין אויך א מערקוויר־דיקס: לעבט מיט ציוניזם, אָטעמט מיט ציוניזם און אידישע פראַגן בכלל.

און מיר האָבן דאָ דר. איזראַעל וועקסלער. ער לעבט און אָטעמט מיט דער העברעאישער אוניווערזיטעט. ער פאָרט טאַקע אַהין צוליב א שפּיטאָל, וואָס מען גייט בויען ביי דער אוניוועוער־זיטעט.

— א משוגעת אַזאַ ביי מיר די אוניווערזיטעט — זאָגט צו

מיר דער ליבער דאָקטאָר, וואָס איז, אגב, א באַרימטער נערוון־ספּעציאַליסט, און איז דערפאַר א מבין אויף משוגעת.

און דער יונגער, הויכער דר. גליק פון סינסינעטי פאָרט קיין ארץ־ישראל צוליב אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ערגעץ ארום יריחו. איך האָב אים געראָטן זיין פאָרזיכטיק, אז ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן אויף רחב הזונהן. פאר א יונגנמאן איז עס א היפשע ריזיקע... ער פירט מיט זיך א מאָטאָר־טראָק, א מאנוסקריפּט אויף וועלכן ער ארבעט און דעם גליקלעכן שמייכל פון איינעם, וואָס גייט אנטפּלעקן אלטע, פארגעסענע וועלטן.

די שפּיצן פון גיבראַלטאר נעמען זיך ארויסשיילן פון האָריזאָנט. ריזיקע פראָזשעקטאָרס שניידן דורך די דיקע כמארעס ווי מיט בלאנקענדיקע פייערדיקע שווערדן.

מיט דר. חיים ווייצמאַן קיין ארץ ישראל

די עטלעכע הונדערט פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען געפאָרן אויף דער „קאָנטי די־סאַוואָיאַ" קיין ארץ־ישראל, האָבן מיט אמאָל גע־קראָגן אן אומדערוואַרטעטן גאַסט — דר. חיים ווייצמאַן.

געשען איז עס אין נעאַפּאָל. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך שוין צוריקגעקערט פון די רייזעס, וואָס זיי האָבן געמאַכט א גאַנצן טאָג, — ווער צו די אויסגעגראָבענע חורבות פון דער אמאָליקער, פאַר־שייט-בליענדיקער פּאָמפּעי, ווער צו די וואָלקנדיקע שפּיצן פון אמאַלפי און סאָרענטאָ, און ווער צום פלאַמיק־רויכיקן וועזואַוויוס, וואָס האָט זיך דאָס מאָל געהאַלטן אונטער פורפור־נעפּלען, און ווי געררייצט זיך מיט נעאַפּאָל, וואָס האָט שוין גענומען זיך צינדן מיט אירע נאַכטיקע פייערן. פאַרשפּרייט זיך פּלוצים א קלאַנג צווישן די פּאַסאַזשירן: דר. ווייצמאַן איז אויף דער שיף. איינער זאָגט: ער האָט אים אליין געזען ארויפגיין אויפן הענגענדיקן לייטער. א צווייטער זאָגט: אים דוכט זיך, אז ער האָט געזען ווייצמאַנען שטיין מיט וואַליזן אויפן האַפן; זיכער איז ער אבער נישט. א דריטער קומט ארוים מיט אן אנדער פּזמון.

ווייס איך פון מיין לאַנגער רייזע־דערפאַרונג, אז שיפס־קלאַנגען דאַרפן שטענדיק גענומען ווערן מיט אביסל זאַלץ; א שיף איז ווי א שטאָט, גיכער ווי א קליין שטעטל, מענטשן געפינען זיך טעג און נעכט אין איינגן קאָנטאַקט, ס'שאַפט זיך א מין קליינשטעטל־דיקער קאָמונאַלער לעבן, און אין אזא אטמאָספערע ווערן געבוירן פאַרשיידענערליי מעשיות און גוזמאות. איינער דערציילט, אז ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען א וואַלפיש; א צווייטער פאַר־זיכערט, אז דער עלעגאַנטער יונגערמאַן פון ערשטן קלאַס, וואָס גייט אום שטענדיק מיט א באַנליייטער אויפן דעק, איז נישט קיין אנדערער ווי דער פּרינץ אוו וועילס. און איינמאָל, פאָרנדיק אויף א פראַנצויזישער שיף, האָט מיר איינער אָנגעוויזן אויף אן עלטערן,

דיקלעכן מאַן, מיט נעדיכטע וואָנצעס, און אַ זאָג געטאָן: „איר זעט אָט דעם מאַן, דאָס איז דער פראַנצויזישער פּרעמיער־מיניסטער בריאַן און ער פאָרט אינקאָגניטאָ". שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער „פראַנצויזישער פּרעמיער בריאַן" איז דער אייגנטימער פון אַ מעבל־געשעפט אין הארלעם, און האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ מין מענטש ווי בריאַן. דאָס שענסטע איז געווען, וואָס אָט דער איד האָט זיך גאָרנישט געפילט געשמייכלט ווען מ'האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ענלעך אויף בריאַנען: „איך קוק אויס ווי — איך!", האָט ער אויסגערופן ברוגזלעך.

האָט זיך עפּעס דערפאַר נישט געגלויבט, אַז ווייצמאַן איז ווירקלעך איינער פון די פּאַסאַזשירן אויף אונדזער שיף. ס'פאָרן מיט אונדז אַ פּאָר באַקאַנטע ציוניסטן, „וואָס וויסן", און קיינער פון זיי האָט מיר נישט געזאָגט, אַז מ'דערוואַרט ווייצמאַנען; ס'איז גאָר קיין רייד נישט געווען דערפון.

אָט גיי איך אָבער אריין אין דעם שפּייז־זאַל פון ערשטן קלאַס און דערזע, נישט ווייט פון אריינגאַנג, ביי אַ טיש די טונקעלע פיגור פון דעם עקס־פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַר אַ סך ציוניסטן נאָך אַלץ דער פירער פון דער באַוועגונג.

איך גיי צו אים צו און באַגריס אים און מאַדאַם ווייצמאַן, וואָס באַגלייט אים אויף דער רייזע. ער דערקענט מיך באַלד און באַמערקט מיט אַ שמייכל: "אָ, אָ, אַ ניו יאָרקער איד... מ'זאָגט מיר, ס'זיינען פאַראַנען אַ סך ניו יאָרקער אויף דער שיף"...

איך באַמערק אויף זיין טיש פרישע בלומען אין אַ וואַזע מיט אַ צוגעשפּילעט קאַרטל, וואָס זאָגט: „פון די ציוניסטן אויף דער „קאָנטי די־סאַוואָיאַ" — ווילקאָמען!" איך געפין אויס, אַז די בלומען אין דער וואַזע, ווי אויך אַ ספּעציעלער בוקעט פאַר מאַ־דאַם ווייצמאַן, האָט באַזאָרגט אַ שיקאַגער ציוניסטקע, מאַדאַם דייכעס, וואָס פאָרט מיט אונדז. זי איז אַ רירעוודיקע ווייבל, און

אזוי גיך ווי זי האָט דערזען ווייצמאַנען, איז זי אַרונטער פון דער שיף, אַוועק צום האַפן און געקראָגן די בלומען.

איך באַטראַכט אים א ווײַלע שווײַגנדיק. איך זע פאַר זיך א מידן מענטשן. ער האָט זיך אביסל געעלטערט. די הויכע פיגור, וואָס האָט פאַרמאָגט א סך עלאַסטישקייט, איז געוואָרן דיקלעך די לעצטע יאָרן. איך האָב אים אָבער, שפּעטער אין אוונט, באַגעגנט אויפן דעק שפּאַצירן אין קורצע הויזן, מיט א ברייטן ענערגישן טראָט. האָב איך אים אָפּגעשטעלט און א זאָג געטאָן: „כ'וואָלט אײַך געוואָלט שטעלן א פּאָר פראַגעס".

„אן אינטערוויו ?", האָט ער אויסגערופן כמעט א דערשראָקע־נער, און זיין פּנים האָט מיט אַמאָל אָנגענומען א פיינלעכן אויס־דרוק.

„יאָ,אזוי רופט מען עס אין דער ציטונגס־וועלט."

ליינט ער אַרויף זיין האַנט אויף מיין אַקסל און הויבט אָן :

„הערט, איך בין זייער מיד... איך קום איצט פון רוים..."

„פון רוים ?", שלאָג איך אים איבער, „געזען זיך מיט מוסאָ־ליניז ?"

„נו יאָ", ענטפערט ער מיר און גייט אָן ווייטער : „ווי איך האָב אײַך געזאָגט, בין איך זייער מיד, איך וויל אויסנוצן די צוויי טעג, איידער מיר קומען קיין ארץ־ישראל, אויף אָפּרוען זיך אביסל..."

זיין טאָן איז כמעט א בעטנדיקער. איך הויב זיך אָן פילן ווי א גזלן, וואָרים ביי מיר איז קיין ספק נישט, אז ער זוכט נישט אויסנוצן זיין מידקייט פאַר א תירוץ, כדי זיך אויסצודרייען פון אן אינטערוויו. ווייצמאַן איז א דירעקטער מענטש, און ווען ער זאָל נישט וועלן געבן קיין אינטערוויו וואָלט ער דערקלערט קלאָר און שאַרף און אָן צערעמאָניעס.

דער זשורנאַליסט אין מיר לאָזט מיך אָבער נישט רוען, און איך רוף אויס : „ס'וואָלט אָבער געווען כדאי איבערגעבן דורכן „טאָג" אייער מיינונג וועגן א פּאָר ברענענדיקע פראַגן וואָס באַ־שעפטיקן איצט די מוחות פון א סך אַמעריקאַנער ציוניסטן און גלאַט אידן, ווי למשל : אייער שטעלונג צום אידישן וועלט־קאָנגרעס.

ווי איר ווייסט האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין אמעריקע זיך ארויסגעזאָגט פאר דעם, אז דער וועלט־קאָנגרעס זאָל אפגעלייגט ווערן. אין געוויסע קרייזן ביי אונדז באהויפּטעט מען, אז דאָס רעפּרעזענטירט אויך אייער שטעלונג.״

„האָט איר דאָך שוין א פּארטיקן ענטפער פון פריער״, גיט ווייצמאן א זאָג, און א ברייטער שמייכל לעבט אויף מיט אמאָל זיין מיד פּנים און ברעכט זיך דורך שפּילקעדיק אין דעם אויסדרוק פון זיינע שאַרפע, דורכנעמנדיקע אויגן. ער גיט אבער באַלד צו מיט אן ערנסטן טאָן: „מיר איז אוממעגלעך איצט צו דיסקוטירן די פראגע מכמה וכמה טעמים... מיר וועלן זיך זען אין ארץ־ישראל און ריידן וועגן די פראגן, וואָס אינטערעסירן אייך. חוץ דעם, קום איך באַלד נאָך פּסח צו אייך קיין אמעריקע...״

וועגן איין ענין האָט ער יאָ מיט מיר גערעדט, און דאָס איז: וועגן די דייטשע אידן. האָט ער גערעדט מיט א סך צער: „ס׳איז נישט גוט... נישט גוט מיט די דייטשע אידן״, האָט ער ווי צו זיך אליין גערעדט, אָנשטעלנדיק זיינע אויגן אויף דעם ים, וואָס האָט זיך נישט מער געקנייטשט און פרידלעך אונטערגעמורמלט, און אויף דער זון, וואָס איז פארגאנגען אין פלאַמען, ארונטער־לאָזנדיק זיך אלץ נידעריקער, נידעריקער, ביז די בלוי־גאָלדיקע וואַ־סערן האָבן זי איינגאנצן פארשלונגען. פון זיינע ווייטערע באמער־קונגען איז געווען קלאָר, אז ער איז זייער פּעסימיסטיש בנוגע דער צוקונפט פון די אידן אין דייטשלאנד. ער טיילט כלל נישט די באהויפטונג פון א סך צווישן די הונדערט טעלעבע און זעכציק דייטשע אידן, וואָס די „קאָנטי דע־סאַוואָיאַ״ האָט אויפגע־נומען אין נעאַפּאָל, אז די לאַגע פון די דייטשע אידן ווערט טיילווייז בעסער, און אז די נאַצים לאָזן זיי צורו. וועגן די דייטשע אידן אויף אונדזער שיף וועל איך אָבער אביסל ווייטער דער־קלערן.

ווייצמאן איז מיט דער מיינונג, אז די קאַטאַסטראָפע פון דייטשן אידנטום איז א מוראדיקע. פאר א סך איז די איינציקע האָפנונג ארץ־ישראל. איז אָבער דאָס פּראָבלעם אומגעהויער שווער, וואָרים ס׳איז נישט נאָר א פראַגע פון שאַפן די נויטיקע

מיטלען, די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, נאָר אויך געפינען א וועג ווי אזוי די דייטשע אידן זאָלן זיך קאָנען ארײַנפּאסן אין דעם פּאלעסטינער לעבן. די מערסטע דייטשע אידן, וואָס קומען קיין ארץ־ישראל, זיינען פּראָפעסיאָנאלן, געוועזענע געשעפטסלייט, דאָס לאנד האָט אָבער גענוג דאקטוירים, אפשר אביסל צופיל. אויך מענטשן פון אנדערע העכערע פּראָפעסיעס, און געשעפטס־לייט. דארפן געשאפן ווערן די נויטיקע באַדינגונגען פאר זיי. זיכער איז, אז ווייצמאן קומט מיט באשטימטע פּלענער בנוגע דער איינוואנדערונג פון דייטשע אידן קיין ארץ־ישראל. זיכער איז אויך, אז זיין באזוך אין רוים האָט געהאט צו טאָן מיט די עסטרייכישע אידן, וואָס זיינען אין דער געפאר צו טיילן דעם ביטערן גורל פון זייערע ברידער אין דייטשלאנד. און זיכער איז אויך, אז ווייצמאן גיט אוועק א מאָסע צייט און ענערגיע פאר אָט דער טעטיקייט, און דערפון זיין פיזישע מידקייט.

* * *

ווי איך האָב פריער דערציילט, האָבן מיר אויפגענומען אויף אונדזער שיף הונדערט עטלעכע און זעכציק דייטשע אידן.

די מערסטע פאָרן „באטראכטן" ארץ־ישראל, זען וואָס פאר א מעגלעכקייטן ס'זיינען דאָרטן פאראן צו באזעצן זיך. אנדערע פאָרן באזוכן קינדער, וואָס שטודירן אָדער ארבעטן דאָרטן.

איז די באַגעגעניש צווישן זיי און „אונדזערע אידן" געווען א רירנדיקע ביז טרערן. נאָך דעם ערשטן שלום עליכם האָט מען זיך שטום איבערגעקוקט; דאָס שווייגן האָט אָנגעהאלטן א לאנגע צייט; מ'האָט עפּעס קיין ווערטער נישט געפונען, עס איז געווען ביי יעדן פון אונדז א געפיל ווי מ'וואָלט זיך באגעגנט מיט אבלים, וואָס קומען נאָר־וואָס פון א בית־עולם.

דער עולם איז א געמישטער: סוחרים, סטודענטן, פּראָפעסיאָנאלן, מענטשן באַיאָרנטע, מיט אומעטיקע, טיף־צעקארבטע פּנימער, וואָס טראָגן אין זיך א צער, וואָס לאָזט זיך אין ווערטער נישט איבערגעבן, און יונגעלייט און מיידלעך מיט פרישע, לעבעדיקע פּנימער, און מיט א מונטערקייט, וואָס אפילו היטלער איז נישט געווען בכח צו דערשטיקן.

שפּעטער, ווען דאָס געדריקטע שווייגן איז ביסלעכווייז צערו־נען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שמועס. מ׳האָט זיך דערגענטערט, דער פּאָדים, וואָס פאַרקניפּט אונדז, איז געוואָרן איינגער. האָט עס אָבער אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ווי דער שמועס איז געווען אַן אַלגע־מיינער: אַמעריקע, ארץ־ישראל אָדער סתם אידישע צרות. האָט מען אָבער נעפרואווט פאַרקירעווען די רייד אויף דער לאַגע אין דייטשלאַנד, און די ווערטער האָבן זיך מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט. די ליפּן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און אַ פּחד האָט זיך באַוויזן אין זייערע אויגן. זיי האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם, וואָס האָט זיי געשטעלט פראַגעס, מיט פאַרדאַכט; זיי האָבן זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי מורא האָבנדיק, אַז שפּיאָנען זאָלן זיך נישט איינהערן. ס׳איז געווען אַ צער צוצוזען זייער דערשראָקנקייט, דעם טויט־פּחד, וואָס האָט פון זייערע אויגן ארויסגעקוקט.

ריידן נישט די מערסטע פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען און אויך נישט פון דער אַלגעמיינער אידישער לאַגע אין דעם פאַר־שאָלטענעם לאַנד פון וואַנען זיי קומען. זייער שווייגן רעדט אָבער פאַר זיי, זייער שווייגן און דער אויסדרוק פון זייערע אויגן.

פאַראַנען אָבער אַ פּאָר, ביי וועלכע ס׳כאַפּן זיך ארויס באַמער־קונגען, וואָס דערציילן מער ווי לאַנג־לאַנגע שילדערונגען. איינער, אַ בערלינער סוחר, אַ ציוניסט, גיט צו מיר אַ זאָג: „לייענט גרעצן וועגן דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שפּאַניע אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע, און איר וועט אַלץ וויסן...״

אַ צווייטער, אַ יוריסט, האָט עס נאָך קירצער און בילדליכער אויסגעדריקט: „פאַרוואָס פרעגט איר? איר ווייסט דאָך...״

אַ דריטער, אַ געפּאַקט, מיטליעריקער איד, מיט אַ פיין פאַר־קאַמט בערדל, אַן אגודת ישראלניק, האָט מיין פראַגע פאַרענט־פערט מיט דער מעשהלע וועגן די הינט, וואָס זיינען באַפאַלן אַ אידן און אים ניט געלאָזן זאָגן דעם פּסוק, מיט וועלכן ער האָט געגלויבט, ער וועט זיך פון זיי קאָנען ארויסראַטעווען. „דער הונט לאָזט נישט זאָגן דעם פּסוק... איר פאַרשטייט?״, האָט דער איד אַ זאָג געטאָן, און מיר אריינגעקוקט אין פּנים מיט זיינע קלוגע, אומעטיקע אויגן.

כ׳האָב פאַרשטאַנען און מער גאָרנישט געפרעגט.

אַנדערע זוכן אפילו צו פאַרזיכערן, אַז די לאַגע ווערט בעסער. „די נאַצים זיינען צופיל פאַרנומען מיט אייגענע צרות, לאָזט מען צורו די אידן...״ — באַהויפּטן זיי. אַן אַלטער אידישער פּראָפעסאָר פון בערלין, וואָס פאָרט באַזוכן אַ זון, אַ געוועזענעם סטודענט, וואָס איז איצט אַ שאָופער אין ארץ־ישראל, האָט זיך שטאַרק באַמיט צו איבערציינגן מיר און אַנדערע, אַז „ס׳איז פיל בעסער״. איז אָבער געווען גענוג צו באַטראַכטן דעם מענטשן, ווי ער איז דערנאָך געבליבן זיצן אין אַ ווינקל מיט אַ מיד, אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, צו פאַרשטיין ווי „בעסער״ עס איז געוואָרן.

פאַראַנען צווישן די דייטשע אידן אַ סך פרומע, פון פראַנקפורטער שניט, מיטגלידער פון דער „אגודת ישראל״. ציטערן זיי איבער דער כשרות אויף דער שיף, כאָטש מיר האָבן אַ כשרע קיך ביי אַלע קלאַסן, מיט צוויי משגיחים און „פּאַר־משגיחים״. דאָס זיינען בכלל שטייפע אידן, פאַרעקשנטע, אַביסל ביוזליכע, גרייט צו פירן אַ מלחמה מיט דער וועלט, איבערהויפּט מיט דער אידישער. אַ פּוילישער בחור, אַ חלוץ, האָט געזונגען העברעאישע לידער, האָט זיך איינער פון די אידן אויף אים אויסגעבייזערט: „העברעאיש אָן אַ היטל!״... ענטפערט אים דער יונגערמאַן: „איך בין נישט רעליגיעז״. פרעגט ביי אים דער איד: „וואָס זיינט איר?״ „אַ נאַציאָנאַליסט״, רופט אויס דאָס פּוילישע בחורל און שטעלט אַרויס שטאָלץ די ברוסט. דער איד גיט זיך אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ, שרייט אויס אין אויפגעציטערטער: „אַ נאַציאָנאַליסט! די נאַצים זיינען דאָך אויך נאַציאָנאַליסטן!״... אָט אַזוי איז עס...

מ׳נעמט אָבער אויך אָפּ „פרייליכע גרוסן״ פון דייטשלאַנד. איין איד האָט מיר דערציילט וועגן דער גרויסער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, וואָס היטלעריזם האָט אַרויסגערופן ביי די דייטשע אידן. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישע מעשהלע: דער איד קומט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אין דער בערלינער סינאַגאָגע. ס׳איז שבת, דערקלערט דער ראַבינער פון דער בימה, אַז מ׳גייט היינט פייערן די בר־מצוה פון אַ אינגל, וואָס האָט זיך „פרייוויליק אָנגעשלאָסן אָן אידישן גלויבן״. ביי זיין זייט שטייט אַ הויך בחורל מיט בלאָנדע

האָר און א פּנים פון א נאָרדיק מלידה ומבטן. ווייזט זיך ארויס, אז די מאַמע פון דעם בחורל איז טאַקע א דייטשע, דער פאָטער איז אָבער א איד. די חברים אין שולע האָבן דעם בחורל גענומען רודפן און פייניקן: „יודע, שמוציקער יודע!" איז ער געקומען איינמאָל אהיים צום פאָטער און דערקלערט: „כ'וועל ווערן א איד". מען האָט אים מל געווען, צוגעגרייט צו דער בר־מצוה און געפייערט דערנאָך די שמחה אין דער סינאַגאָגע... איז עס אזוי היינט אין דייטשלאנד: זעלבסטמאָרדן פון איין זייט, און צוריק־געקערטע אידן פון דער צווייטער זייט. דער חשבון באַלאַנסירט זיך. אויב איר ווילט — נעמט עס אָן פאר א טרייסט.

* * *

שבת אוונט, צוויי טעג איידער מיר זיינען אָנגעקומען קיין חיפה, האָבן די אידישע פּאַסאַזשירן פון צווייטן און דריטן קלאַס (פון די רייכע אידן אין ערשטן קלאַס זיינען ווייניק געקומען) אָפּגעהאלטן א מין אָפּשייד־פאַרזאַמלונג. דער זאַל איז געווען גע־פּאַקט קאָפּ־אויף־קאָפּ. די באַגייסטערונג האָט יעדן ווינקל פאַר־פלייצט. ס'האָבן גערעדט דר. ווייצמאַן און דער שרייבער פון די שורות. דר. וויצמאַנס רעדע איז געווען ליריש, שטימונגספול. ער האָט געוואָרנט פאר אנטוישונגען. ער האָט דערציילט, אז די בוי־אונגס־ארבעט איז א שווערע. „ס'איז שוין מיין צוויי־און־צוואַנ־ציקסטע רייזע קיין ארץ־ישראל, איך האָב אבער יעדן מאָל דעם געפיל ווי איך וואָלט געפאָרן צום ערשטן מאָל... ארץ־ישראל בייט זיך פון יאָר צו יאָר... לעצטן יאָר זיינען אריינגעקומען פער־ציק טויזנט אידן, צווישן זיי צען טויזנט פון דייטשלאנד... איך בין נייגעריק צו זען וואָס פאר א נייע שטריכן די דאָזיקע צען טויזנט דייטשע אידן האָבן צוגעגעבן צום פּנים פון לאנד..."

און נאָך די רעדעס: געזאנג, טענץ, האָפּקעס ביזן ווייסן טאָג אריין...

אָט אזוי פאָרן אידן קיין ארץ־ישראל.

אַ נאַכט פאַר די ברעגן פון חיפה

מ׳האָט אונדז געזאָגט אין דער לעצטער נאַכט, ערב אונדזער אָנקום קיין ארץ ישראל: אויב איר וועט זיין צוועלף אזייגער אויפן דעק און וועגדן אייערע אויגן צום מזרח, וועט איר זען די פייערן פון לייכט־טורם פון חיפה.

און געזאָגט האָט עס אונדז דר. חיים ווייצמאן, וועלכער האָט זיך געפונען אויף אונדזער שיף.

דארף ער דאָך וויסן; וואָרים ווי ער אליין האָט אונדז דער־ציילט, איז עס שוין זיין צוויי־און־צוואַנציקסטע רייזע קיין ארץ־ישראל.

„כ׳פאָר שוין דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן מאָל, און אפשר איז עס דאָס איין־און־צוואַנציקסטע מאָל, איך געדענק שוין אליין ניט, — האָט ער דערקלערט. — יעדע רייזע איז אָבער ניי, ווי צום ערשטן מאָל. דערזעלביקער פרישער נשמה־אויפציטער. וואָרים ארץ־ישראל האַלט זיך אַלע וויַיל אין באַנייען, עס גייט דאָרטן אָן א שטענדיקער פּראָצעס פון „פּושט צורה ולובש צורה... און ס׳ציטערט אויף דאָס האַרץ יעדעס מאָל אויפדאָסניי..."

און אויב ביי אים אזוי, מכל־שכן ביי איינעם וואָס מאַכט זיין ערשטע, לאַנג־לאַנג גע׳חלום׳טע רייזע קיין ארץ־ישראל.

בין איך שוין צוועלף אזייגער אויפן דעק. די נאַכט איז קיל און שטיל. דאָס ריטמישע פּליעסקען פון די כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך אָן די ווענט פון שיף, טראָגט זיך צו די אויערן. מילי־מיליאַסן שטערן איבערן קאָפּ, זיינען געדיכט אָנגעפּיקעוועט אין דער טיף־בלויער טיפעניש וואָס לייגט זיך נידעריק, כאָטש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. די ריזיקע שיף, וועלכע מאַכט, פּונקט ווי איך, איר „מיידל־וועג" קיין ארץ־ישראל, טראָגט זיך, ניט ווי פון מעכטיקע דיסל־מאָטאָרן באַוועגט, נאָר ווי אויף פליגלען, לייכט, שוועבנדיק, קוים באַרירנדיק די שוימיקע און ווי פון פּאַספּאָר דורכ־געלויכטענע פלאַך.

חוץ מיר איז קיינער נישטאָ אויף דעם דעק. די אַנדערע זיינען אין דעם גרויסן זאַל, וואו דער טאַנץ גייט נאָך אָן, אָדער אין דער „באַר“, וואו פראָבקעס פון שאַמפּאַניער־פלעשער שיסן־אויף מיט א רעוואָלווער־קנאַק, און געטראַנקען פינקלען אין גלעזער און באָקאַלן.

שטיי איך און וואַרט, ווי הושענה־רבה ביינאכט אויף דער הימל־שפּאַלטונג, אז די ערשטע פייערן פון דעם חיפה'ער לייכט־טורעם זאָלן זיך נעמען ארויסשיילן.

זיי באַווייזן זיך אָבער ניט.

דער לעצטער טאַנץ איז שוין פאַרענדיקט. דער עולם איז ארונטער אין די קאַיוטן זיך פּאַקן, וואָרים מאָרגן, כאור הבוקר, דאַרף מען לאַנדן. דער דעק־דינער נעמט אויסדרייען די לאָמפּן. בלייבט די שיף ווי א פאַרלאָזענע. איך האָב דעם געפיל אז איך בין דער איינציק־פאַרבליבענער, דער איינציק־וואַרטנדיקער אויף דער אשמורה.

ניט לאַנג בין איך אבער דער איינציקער. א שאָרכען; אימיצער באוועגט זיך. איך קוק זיך איין: ניט ווייט פון מיר האָט א פּאָרל זיך פאַררוקט אין א ווינקל. ער האַלט זי פעסט ארומגענומען ארום דער טאַליע און זי האָט פאַרוואָרפן דעם צעשויבערטן קאָפּ אויף זיין אַקסל. און זי פרעגט ביי אים שטיל, ווי איך פרעג ביי דער נאַכט:

וואו זיינען די פייערן?

ער ענטפערט איר עפּעס אין דייטש. וואָס — ווייס איך ניט. איך הער נאָר, אז זיי ריידן דייטש. ווייס איך, אַז זיי באַלאַנגען צו דער גרופּע דייטשע אידן, וואָס געפינען זיך אין א היפּשער צאָל אויף דער שיף. פאַראַן צווישן זיי א סך יונגע מענטשן: בלאָנדע, אַטלעטישע בחורים, קורצהויזיקע און קורצגעשוירענע, די קעפּ ווי אָפּגעגאָלטע; און מיידלעך ברייטהיפטיקע און פולבוזעמדיקע, מיט קאַרע, לאַכעדיקע אויגן און קרעפּטיקע ציין.

עס באַווייזן זיך נאָך מענטשן אויפן דעק. זיי שאַרן זיך ארויס פון טונקעלע ווינקלען, ווי זיי וואָלטן פון געהיימע לעכער ארויסגעקראָכן. זעט מען ניט קיין געשטאַלטן נאָר שאָטנס, סילועטן,

וואָס טראָגן זיך דורך און שמעלצן זיך צונויף מיט דער ווייכער, וויברירנדיקער נאַכט.

און פּלוצים דערהערט זיך פון ערגעץ:

פייער, פייער!

האָט דער אויסגעשריי פון דעם מאַטראָס אויף קאָלומבוסעס שיף: „ערד, ערד!” ניט אויפגעציטערט אַזוי דאָס האַרץ פון זיינע חברים ווי אָט דער שטילער אויסרוף: „פייער, פייער!” אין דער לעצטער נאַכט ערב אונדזער אָנקום קיין ארץ־ישראל.

איך האָב זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דער ווייטקייט און דערזען אַ שמאָלן פייער־פּאַס, וואָס האָט דורכגעלעכערט ווי אַ שפּיז דעם פאַרנעפּלטן פאַרהאַנג, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל אַרונ־טערגעלאָזן. דער פייער־פּאַס האָט זיך פון היפּהער לייכט־טורעם געצויגן. אויפגעלויכטן און געלאָשן זיך. אויפגעלויכטן אויף איין זייט און אויפגעבליצט מיט אַמאָל אויף אַן אַנדער זייט. אומגע־טאַנצט אין זיגזאַגן, געוואָרן אַלץ שאַרפער, קענטיקער.

און אונטער דעם לייכט־טורעם — לאַנד, ערד, ארץ־ישראל!

האָט אָבער גענומען נאָך לאַנג ביז מ'האָט געקאָנט זען לאַנד. די נאַכט האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, איז געלעגן ווי אַן איינגע־קנורעטער בער צווישן הימל און וואַסער. עס האָט אָבער ניט אויסגעמאַכט; ווארים די נאָענטקייט פון לאַנד האָט זיך שוין איבערגעגעבן. דאָס אויג האָט עס ניט געזען, אָבער דאָס אויפ־צאַפּלענדיקע האַרץ האָט געפילט, אַז דאָרטן אונטער דעם פייער־טורעם שפּרייט זיך לאַנד, ערד, ליגט ארץ־ישראל.

פאַרטאָג, ווען די זון האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט די גרויע, נאַכטיקע טומאַנען, האָבן מיר לאַנד דערזען. צעזרשט בערג, נידע־ריקע און פליכעוואַטע; דאָ און דאָרט גרינס, וואָס שפּאַרט אַרויס פון ווייס־זאַמדיקער ערד; אַ וועלדל אַ יונגס, וואָס נעמט ערשט די צווייגיקע פליגל אויסשפּרייטן; עטלעכע אַלטע, צעוואָרפענע בוי־מער, און פלעקן ווייסע און וויסטע אָן אַ גרעזל און בלימל, און פעלזן, שפּיציק־נאַקעטע; דערנאָך די דעכער פון הייזער. ערגעץ־וואו ביים האָריזאָנט דערהויבט זיך אַ פיל־פענסטערדיקער בנין. וואַגאַ־נעס, קליינינקע רעלסן. דער לאָקאָמאָטיוו, אויך אַ קליינינקער,

לויפט פאַראויס, ווי א קאָמישער ליליפוטל, סאָפּעט שווער, ווי ער וואָלט דעם אָטעם ניט געקאָנט אָפּכאַפּן, שניידט זיך אריין אין די בערג מיט א הילכיקן פייפן, און לאָזט הינטער זיך שווארצע וואָלקנס רויך.

אָט אזוי גייט־אויף פאר מיר אין פייכטן, נעפּלדיקן פרימאָרגן דאָס לאַנד פון מיין חלום, — ארץ־ישראל.

ווינציק פּאַסאַזשירן אויפן דעק. חוץ מיר — דער דייטשער יונגערמאַן און דאָס מיידל. ער האַלט זי אַלץ פעסט ביי דער טאַליע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זי צו פארלירן. זי האָט אבער אוועק־גענומען דעם קאָפּ פון זיין אַקסל. אירע אויגן זיינען אין דעם ברעג איינגעגעסן און אין די בערג. פּלוצים א שלוכצען, צוערשט שטיל, פארשטיקט, דערנאָך העכער, אירע אַקסלען ציטערן ווי אין קאָנ־וואולסיעס. דער בחור גלעט צערטליך איר צעשויבערטן קאָפּ, זאָגט איר עפּעס, ציט זי צו זיך.

וואָס וויינט זי, דאָס ליבע, נארישע מיידל?

און וואָס זיינען מיינע אויגן מיט אמאָל אָנגעפּילט געוואָרן מיט טרערן?

אויף אמאָל איז אַלץ פארשוואומען. די בערג, די דעכער, — זיי האָבן זיך ווי אויפגעלייזט אין דער ווארימער פליסיקייט, וואָס טריפט ניט נאָר פון די אויגן נאָר אויך פון הארץ, פון דער נשמה; טריפן און צעשמעלצן ווי אין א קאָכיקע לאַווע, די אָנגעווייטאָגטע בענקענישן, האָפענונגען, חלומות, וואָס האָבן דורך א גאַנץ לעבן זיך אָנגעקליבן.

אימיצער זינגט אויף „עוד לא אבדה”. דאָס זינגט דער דיי־טשער בחור. דאָס מיידל כאַפּט־אויף די ווערטער. עס דערהערן זיך נאָך שטימען פון מענטשן וואָס איך האָב ניט באמערקט. עס ווערט א גאַנצער כאָר, דאָס אַלטע האָפענונגס־ליד צעקלינגט זיך, קריגט פליגלען, נעמט זיך טראָגן אַלץ העכער און העכער. האַלב־פאר־שלאָפענע פּאַסאַזשירן באווייזן זיך און הערן זיך איין מיט אן אויס־דרוק פון פארוואונדערונג. עטליכע אידן פון ערשטן קלאַס זינגען מיט, אנדערע שטייען שווייגנדיקע מיט א שמייכל אויף די פּנימער. העכער טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון צווייטן און דריטן קלאַס, וואו

עס פאָרן די מערסטע אידן. פאַראַן צווישן זיי עטליכע צענדליק פאַמיליעס, וועלכע פאָרן זיך באַזעצן. היינט יונגעלייט און מיידלעך — חלוצים פון פּוילן, עסטרייך, דייטשלאַנד, רומעניע, אויך אמע־ריקע. א קיבוץ־גליות אין מיניאַטור. שטייט אָט דער קיבוץ־גליות פאַר די טויערן פון ארץ־ישראל און זינגט „עוד לא אבדה", זינגט אַנטקעגן דער זון וואָס איז שוין איינגאַנצן באַפרייט פון די פּאַר־טאָגיקע נעפּלען און באַגענגט מיט פרי־צעפלאַקערטע פלאַמען אונ־זער שיף.

פון קינדוווייז אָן האָב איך אָט דאָס ליד געהערט, און ווער קאָן געדיינקען וויפיל מאָל? קיינמאָל האָבן אבער אימבערעם פּראָסט־פּשוטע, גאָר ניט געפליגלטע ווערטער אָנגענומען אזא זין און באַדייט ווי דעם פרימאָרגן ביי די טויערן פון ארץ־ישראל.

דאָס לאַנדן — פון שיף צום חיפהער האַפן

דער חיפה'ער האפן איז ניט טיף גענוג פאר אונדזער גרויסער שיף. שטייען מיר פאראנקערט ווייט פון ברעג. א שיפל דערנענ־טערט זיך ארונטערצונעמען די פאסאזשירן. עס איז א מין שלעפ־שיף מיט א בורטשענדיק־ברומענדיקן מאָטאָר. א באַרוועסער אראבער מיט א שמאטע אויפן קאָפ איז דער „קאפיטאַן". עס בא־ווייזן זיך א מחנה אראבישע געפעק־טרעגער. זיי מאכן קולות. געסטיקולירן ווילד מיט די הענט. ווארפן דאָס שווערע געפעק. פילן־אָן די לופט מיט א האלזיק גוגערן, ווי גענז וואָס מען פירט צום שוחט. ס'איז מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט אונדזערע אראַ־בישע קוזינס, וואָס מיר איז שפעטער אויסגעקומען אזוי אָפט צו זען. מיט זיי און מיט די ענגלישע גרענעץ־באאמטע. איז דער איינדרוק פון ביידן געווען גאָר ניט קיין געהויבענער.

די ענגלישע באאמטע, וואָס האָבן די פאספאָרטן איבערגע־קוקט, האָבן אונדז לאַנג געלאָזט שטיין און וואַרטן. די פראַצעדור איז געווען א מאַטערנדיק־אויסגעצויגענע. מען האָט יעדן פאס־פּאָרט ארומגעקוקט, ווי ס'וואָלט געווען א געהיים־געפערליכער דאָקומענט. דער פאספּאָרט איז דורכגעגאנגען דורך א מנין הענט. דערנאָך האָבן די באאמטע, וואָס זיינען געווען אויסגעזעצט ביי א לאַנגן טיש, באטראכט און געפאָרשט יעדן פאסאזשיר מיט זיבן אויגן, פונקט ווי ער וואָלט געווען אן אנטרונענער פארברעכער פון א געפענגניש. און צום סוף פראַגן:

„צו וואָס פאָרט איר קיין פאלעסטינע?"

„ווי לאַנג דענקט איר דאָרט פארבלייבן?"

„ווען קענט איר דאָרטן?"

„וואו וועט איר זיך אויפהאַלטן?"

און ווידער אמאָל:

„צו וואָס פאָרט איר קיין פאלעסטינע?"

גיי דערציייל זיי, צו וואָס איך און די אַנדערע פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

גיי דערציייל זיי, וואָס ביי מיר אויפן הארצן טוט זיך שטייענדיק ביי די טויערן פון ארץ־ישראל.

גיי דערציייל זיי, אַז די פּיס ברענען פון אומגעדולד, אַז דאָס האַרץ האַלט ביים ארויסשפּרינגען, אַז די מינוטן ציען זיך אויס ווי יאָרן.

גיי דערציייל זיי!...

אַט איז אָבער אַריבער די אינקוויזיציע, — אַן אינקוויזיציע, וואָס איך האָב ביים אַריינפאָר אין קיין אַנדער לאַנד ניט דורכגעמאַכט. דאַנקען גאָט, כ׳בין שוין אויפן שיפל, וואָס נעמט זיך רירן.

א בחורל מיט פאַרזשאַווערט־גאָלדענע ציין רירט מיך אָן ביים אַרבל:

„ווילט איר בייטן געלט?" ער טרייסלט דערביי מיט די מטבעות אין זיין גרויסן לעדערנעם בייטל, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבער זיינע אַקסלען.

„ניין, איך דאַרף ניט בייטן קיין געלט"...

לאָזט ער מיך ניט אָפּ. ער פאַרזיכערט מיר, אַז איך קען אים געטרויען. ער האָט א דערלויבניש פון דער רעגירונג צו באַשעפטיקן זיך מיט געלט־וועקסל. ער שלעפּט אַרויס שנעל א ברודיק פּאַפּירל מיט א רעגירונגס־שטעמפּל. דאָס איז די אָפיציעלע באַשטעטיקונג.

איך בייט ביי אים אויס א פּאָר דאָלער אויף פּיאַסטער. באַלוינט ער מיך מיט זיין לעבנס־געשיכטע. ער דערציילט זי גיך, אויף איין פוס, קייענדיק די ווערטער מיט די פאַרזשאַווערטע גאָלדענע ציין. ער איז א פּוילישער. צען יאָר אין לאַנד. געאַרבעט אין א באַנק אין לאָדז; געאַרבעט אין א באַנק אין ירושלים. מיט דריי יאָר צוריק האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַליין א „באַנקיר". זיין קאָנקורענט איז אָט דער אַראַבישער בחורל, אויך מיט א בייטל פול מיט מטבעות, אָבער ניט קיין לעדערנער, נאָר א לייוונטענער. יענער לויפט אום פלינק ווי א האָז פון איין פּאַסאַזשיר צום צווייטן.

דער אידישער בחור׳ל וויל ניט פארלירן קיין צייט, און לאָזט מיך אָפּ.

איך בלייב אָבער לאַנג ניט אליין. א יונגערמאַן מיט לויפּנ־דיקע אויגן און א טונקל־אָפּגעברענט פּנים באַגריסט מיך מיט אמאָל פון דער העלער הויט:

— „שלום!״

ענטפער איך אים:

— „שלום!״

„דאַרפט איר א וועגוויזער?״

„ניין.״

„אויב איר וועט דאַרפן, נאַט אייך מיין קאַרטל״.

נעם איך ביי אים דאָס קאַרטל, וואָס דערציילט מיר, אז דער וועגווייזער הייסט מיט דעם אָריגינעלן נאָמען קאָהען.

איז קאָהען א באַרעדעוודיקער מענטש. ער נעמט זיך באַ־קלאָגן פאַרוואָס דער חיפהער האַפן איז ניט טיף גענוג. „אויב שוין געמאכט א האַפן, האָט מען דאָך אים געקאָנט גראָבן אביסל טיפער, אז גרויסע שיפן זאָלן קאָנען צוקומען צום ברעג...״

„פאַרוואָס־זשע האָט מען טאַקע ניט געגראָבן טיפער דעם האַפן?״

„די פּאַלעסטינער רעגירונג — זי טוט אַלץ לאַנגזאַם, נעמט זיך צייט, האָט מורא ארץ־ישראל זאָל זיך ניט אנטוויקלען צו־ראַשיק... אָט איז אין יפו אינגאַנצן ניטאָ קיין האַפן, און מ׳דאַרף עס דאָרטן נויטיק ווי לעבן... וואָס קאָן מען זיך אָבער העלפן? די רעגירונג...״

קאָהען האָט ניט איבערטריבן. תל־אביב דאַרף א האַפן נויטיק ווי לעבן. איך האָב שפּעטער אליין געזען אין די יפוער וואַסערן א צענדליק שיפן הויערן אויף זייערע אַנקערס ווי פויגל וואָס קאָנען קיין נעסט ניט געפינען. אייניקע זיינען שוין דאָרטן געשטאַנען א פּאָר חדשים און ניט געקאָנט אויסלאָדן די סחורות. איין שיף האָבן די כוואַליעס פאַרוואָרפן אויף שטיינער און מ׳האָט זי גע־מוזט פאַרלאָזן. א צווייטע שיף, א גריכישע, מיט סחורות פון ארץ־ישראל, האָט אומגעבלאָנקעט זעקס וואָכן פון חיפה קיין יפו און פון יפו קיין חיפה. און אַלץ ווייל די רעגירונג וויל קיין האַפן ניט בויען. מ׳האָט מורא, אז ס׳וועט שטערן אין דער אנטוויקלונג פון חיפה.

חיפה, די אלטע — און די נייע

מיר זיינען אויפן ברעג. די ערד פון ארץ־ישראל איז אונטער מיינע פיס. א שטיינער־זאמדיקע, פון דער זון־אויסגעבאַקענע.

כ׳בויג זיך אָן, נעם עטליכע זעמדעלעך אין מיין האנט, רייב זיי צווישן די פינגער, ווייל זיי ניט ארויסלאָזן, ווי יעדעס זעמדל וואָלט געווען א טייערער איידלשטיין.

די ארבעט ארום האפן גייט נאָך אָן. אראַבער גראָבן די ערד. אַנדערע ארבעטן ארום אַן אייזערנעם פּארקאַן. איבערן קאָפּ דער וואַלדיקער כרמל. און נאָך העכער הענגט א גערויש פון שטאָט. האמערן קלאַפּן מיט א געקלינגעריי אָן הארטן שטיין. א הודזשען פון זעגן וואָס עסן זיך איין אין ברעטער מיט די ציין, און א געמיש פון מענשלעכע קולות, לאַנג־אויסגעצויגענע.

און א קאָלירנדיקער געמיש ביים ברעג. א קליינגעוויקסיקער בינעזער, מיט אַן אויסטערליש־לאַנגער באָרד, וואָס קוקט־אויס לענגער פון אים; זיינע נייגעריקע מאַנדל־אויגן לויפן אומרואיק אונטער די דיקע שפּאַקולן. וואָס טוט ער דאָ, דער זון פון דעם ווייט־ווייטן מזרח? און א גרופּע קאַטוילישע מאָנאַכן מיט קליינע יאַרמולקעס אויף די געגאָלטע קעפּ, אין שווערע כאַלאַטן ארומגע־כאַפּט מיט גאַרטל־שטריק. אַן אַראַבערקע מיט א באָרוועסער מייד־דעלע, וואָס זויגט א פינגערל פון איין האנט און שטרעקט אויס די אַנדערע צו די פאַרבייגייער. א געפּאַרבטע מיידל. אַראַבישע פּאָליציי אין רויטע פעסקעס. פּאַסאַזשירן ביי די בערג געפּעק, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן אויפן ברעג. אַן אמעריקאנער איד מיט א שטע־קעלע און נישטערנדיקע אויגן.

ער האָט אונדז דערקענט, פּאַרפירט א שמועס. ער איז געקו־מען אהער „בויען", דערווייל קוקט ער זיך ארום, פּאָרשט. שוין עטליכע חדשים אזוי. ער וואָלט שוין לאַנג זיך געשטעלט בויען, איז אָבער שווער צו קריגן א „מאָרטגעדזש". „ניט ווי ביי אונדז

אין בראַנזוויל״, — גיט ער א זאָג. — „דאָרטן האָט מען אנדערש געבויט, די בענק האָבן געגעבן געלט. כאַטש, צוריקשמועסנדיק, וואָס קומט ארויס? די בענק האָבן סוף־כל־סוף צוגענומען די הייזער. פונדעסטוועגן וואָלט ניט געשאַדט א „מאָרטגעדזשל״... וואָס זאָגט איר?״

בין איך אָבער ניט קיין מומחה אין דעם ענין פון „מאָרטגע־דזשלעך״ און ווייס דעריבער ניט וואָס צו זאָגן.

מיר פאַרלאָזן דעם ברעג און פאַרקירעווען זיך אין די גאַסן פון חיפה. ניט קיין גאַסן, נאָר געסלעך, שמאָלע, פאַרקנוילטע, איינגעקייטלטע איינע אין די אנדערע. ניטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף. א נעץ, וואָס האַלט זיך אין איין פּלאָנטערן און פאַרפּלאָנ־טערן.

ס׳איז דער אַלטער טייל פון שטאָט. א געמיש פון אַראַבער און אידן. אויף ביידע זייטן געסלעך — אידישע און אַראַבישע קרעמלעך. קרעמלעך פון גאַלאַנטעריי, און שפּייז־קרעמלעך, און רעסטאָראַנען. אידישע און העברעאישע אויפשריפטן. טישלעך אינווייניג. אין די פענסטער היימישע מאכלים. די אַראַבישע קרעמ־לעך אָפן אויף דער גאַס. אויף א טישל — בערג מיט „פּיטעס״, פּלעצלעך ווייכע, ווי היימישע פּירפּאַליקעס, און גרויסע שיסלען שעפּסענע און ציגענע זויערמילך. מען צעגיסט עס דערנאָך פאַר־ציעס־ווייז אין טעלערלעך. אויף קויל־אויוועלעך בראָט מען שאַש־ליק, וואָס איז אויף שפּיזן ארויפגעשטעקט.

ס׳איז אַזאַ געדרענג, אז ס׳איז אוממעגליך דורכצוגיין. אַראַבער אויף אייזלען מאַכן זיך א וועג. ווי אַזוי? ווייסן נאָר זיי אליין. א בלינדער אַראַבער ווערט געפירט ביי דער האַנט פון אן אָפּגע־ריסענעם אינגל. אַראַבישע פרויען, אין שוואַרצן און מיט פאַר־דעקטע פּנימער. אידן מיט קוידערישע קאַפּעליושן. אן אַראַבער מיט א בעזים. זיין באַנד ארום דעם אָרבל פון צעריסענעם כאַלאַט דערציילט, אז ער איז א גאַסנקערער. און אָט דערזע איך מאָדנע העברעאישע שילדלעך. שילדלעך אין פראָנט פון אויסגעקרימטע הייזלעך. אין יעדעם הייזל א „משרד״, א ביוראָ בלע״ז. „א משרד לְכְתִיבַת מִכְתָבִים בְּכָל הַשָּׂפוֹת עַל הַמְכוּנָה — מְ. היילמאַן״. אויף

מאמע־לשון מיינט עס: א ביורא, וואו מען שרייבט בריוו אין אלע שפראכן. דער מאדים, וואס קאן שרייבן בריוו אויף אלע שפראכן אויף א שרייבמאשין, הייסט היילמאן. און א „משרד", וואו מ׳קאן קויפן זינגער־מאשינען נייע, ווי אויך אויסבייטן אלטע אויף נייע. און א „משרד", וואו מ׳בייט געלט. און גלאט א חלפן. דאס איז א איד, וואס זיצט אין א שמאל קלייטל פאר א טישל. אויפן טישל ליגט א בערגעלע מטבעות און אביסעלע פאפיר־געלט. דער חלפן קוקט מיט רויט־צעיאטרעטע אויגן און פיפקעט א סיגארעטל.

מיר זיינען ארויס פון די געסלעך — און א נייע וועלט עפנט זיך פאר אונדז; א וועלט, וואס האלט זיך ערשט אין שאפן. גאנצע גאסן מיט ניטפארענדיקטע הייזער. עס מאכט דעם איינדרוק, ווי מ׳וואלט ארייגעפאלן אין א געגנט, וואו ס׳איז פארגעקומען אן ערד־ציטערניש און וואס מ׳האלט אין צוריק־אויפשטעלן. דא איז אבער קיין ערד־ציטערניש ניט פארגעקומען. ס׳איז דא קיינמאל קיין ישוב ניט געווען. ערשט ניט לאנג זיינען אט די גאסן געווען מדבר. סקאלעס נאקעטע און וויסטע, זאמדיקע בערג פארברענט־פארהארטעוועטע. האבן אידן די סקאלעס אויפגעריסן, די בערג אפגעראמט, און מען בויט דארט איצט הייזער אויף דער אויס־געגליכענער ערד.

האבן מיר דערפילט דעם ערשטן בוי־פיבער, וואס מיר האבן שפעטער געזען אין תל־אביב, אין ירושלים, און אפילו אין דער אלטער, אפגעשטאנענער טבריה.

חיפה בויט זיך, וואקסט פון טאג צו טאג. נייע הייזער שפרינ־גען־אויף ווי איבערנאכט, וויסטע געגנטן ווערן אין גאסן פאר־וואנדלט. אט זיינען גאנצע רייען הייזער אן דעכער, אנדערע נאר סקלעטן פון ווענט, אנדער קליידן זיך שוין אן מיט פענסטער און טירן. זיי זיינען נאך ליידיק, זייערע באלעבאטים און קאמארניקעס ווארטן שוין אבער אויף זיי. אזוי גיך ווי ס׳וועט זיין א דאך איבערן קאפ, וועט מען זיך אין זיי ארייגקלייבן, און ס׳וועט אנהויבן קאכן מיט לעבן צווישן זייערע ווענט. ביי יעדן הויז — דער נאמען פון באלעבאס אין העברעאיש אויף א שילדל: „בית קארנגאלד", „בית רובינשטיין". צענדליקער אזעלכע.

חיפה בויט זיך, וואַקסט פון טאָג צו טאָג. זי איז די איינ־ציקע האַפנשטאָט פון לאַנד. אַלע שיפן ציען צו אירע ברעגן. דער נערוו פון האַנדל שלאָגט אין איר. זאָגן אייך אַלע אין ארץ־ישראל: „חיפה האָט אַ גרויסע צוקונפט". די פּאַלעסטינער רעגירונג העלפט אַביסל. זי האָט דערביי אירע אייגענע צילן: קאָמערציעלע, סטראַ־טעגישע. די רעגירונג העלפט חיפה טיילווייז אויפן חשבון פון תל־אביב.

דער אויטאָמאָביל הויבט זיך אויף אויפן „הדר הכרמל", חיפהס שטאָלץ, דער שטאָלץ פון די אידן אין ארץ־ישראל... דאָס האָבן אידן געבראַכט צוריק דעם כרמל זיין אַמאָליקע פּראַכט. איז „הדר הכרמל" ניט אַ מליצה אַזאַ. אַ וואונדערלעכע שיינקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף זיינע גרינע הויכן, וואָס דערהויבן זיך איבערן ים. האָטעלן, הייזער, ווילאַס פאַרלירן זיך צווישן בוימער. פון איין זייט די פעלזיקע שפּיצן פון די שומרון־בערג. פון אַ צווייטער — פעלדער פריש־פאַראַקערטע, און פעלדער איבער וועלכע דער ערשטער גרינער בלי איז שוין אויפגעגאַנגען. און אונטן דער ים, אַ בלוי־דורכזיכטיקער, ווי דער הימל איבער אים.

מיר פאַרווילן אַ קורצע צייט אויף דעם „הדר הכרמל". ניט גענוג אויף קאָנען זיך מיט זיין שיינקייט אָנזעטיקן. מיר לענען אונטער דאָס האַרץ אין דעם נייעם „ווינער קאַפע", וואָס דער־מאָנט אונדז אויף אַ ווייל אָן בערלינער קורפירסטענדאַם און ווינער ערשטן און צווייטן באַצירק.

מיר געזעגענען זיך דערווייל מיט חיפה. דער אויטאָמאָביל טראָגט אונדז דורך עמק יזרעאל, אויפן וועג קיין ירושלים.

אויפֿן שאָסיי ביי די פיס פון כרמל

מיר האָבן א שאָופער, איינער פון די געניטסטע אין דעם אידישן שאָופער־פאַרבאַנד „אגד”. זיין נאָמען איז מאַקס טויבענהויז. דער נאָמען מאַקס איז אָבער פאַר פרעמדע, פאַר טוריסטן. די ארץ־ישראלדיקע קענען אים אלס מאַטיאָס. איינער פון זיינע חברים, ירושלמי, אויך א באַקאַנטער שאָופער, וואָס האָט באַגעגנט מאַקסן, ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין צפת, האָט אים באַגריסט א קלאַפּ־טוענדיק אים אויף דער פּלייצע, מיט דעם אַלט־אַלטן נאָמען מתתיהו. די ארץ־ישראלדיקע אויטאָמאָביל־טרייבערס זיינען בכלל אן אינטערעסאַנטער עלעמענט. דאָס זיינען בחורים — גבורים. זיי זיינען די ערשטע אויפֿן פייער, ווען די אַראַבער צעווילדעוועn זיך. זיי זיינען מייסטערס מיטן רעוואָלווער, פּונקט ווי מיט דעם אויטאָמאָביל־ראָד. די אַראַבער ווייסן עס און האָבן פאַר זיי מורא.

פירט אונדז מאַקס פון חיפה קיין ירושלים. דער „כביש”, אָדער שאָסיי, איז גלייך ווי א ווירע און גלאַנצט קעגן דער זון מיט פריש־ווייכן אספאַלט. דאָס האָבן שוין די ענגלענדער פאַרזאָרגט ארץ־ישראל מיט גוטע אויטאָמאָביל־וועגן. נאַטירלעך, די אידן האָבן באַצאָלט דערפאַר. ביי דער זייט קאָן מען נאָך זען די אלטע וועגן, וואָס די טערקן האָבן געלאָזן. זיינען זיי שמאָל, אז מער ווי איין וואָגן, אָדער אן אייזל, קאָן אויף זיי ניט פאָרן. און מיט שפּיציקע שטיינדלעך זיינען זיי געפלאַסטערט, און לעכער און גריבער רייסן זיי דורך. הויבן זיך וואָלקנס שטויב אונטער די רעדער און די פיס פון די אייזלען און קעמלען. נאָך א רעגן זינקט מען אין בלאָטע ביז איבער די קני.

מאַקס טרייבט ניט דעם באַשיידענעם „שעוראָלעי”, נאָר ער שפּילט אויף אים, ווי א פידל־ווירטואָז אויף זיין אינסטרומענט. ער קירעוועט דאָס ראָד מיט דער געשיקטקייט פון אן אַקראָבאַט.

קאַראַוואַנען מיט קעמלען, מחנות אַראַבער אויף אייזלען, פוס־גייער; פאַרהילטע אַראַבערקעס, וואָס שפּאַנען מיט אַ שוועבנדיקער גראַציע, באַלאַנסירנדיק די וואַסער־קרוגן און די אַלערליי פּעקלעך אויף זייערע קעפּ, מיט דער שפּילעוודיקייט פון אַ דראָטן־גייער; אָפּגעריסענע קינדערלעך, וואָס שלעפּן זיך ביי זייער זייט. זיי קימערן ניט אונדזער מאַקסן; ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס זיי גייען אין מיטן וועג; אַמאָל טרובעט ער אין האָרן און אַמאָל ניט; ער מיידט זיי אויס סאַי ווי סאַי מיט אַ בליציקער געשווינדקייט. זיי אָוספּייען קוים אַ רים צו טאָן זיך אין אַ זייט און קוקן אונדז נאָך מיט דערשראָקענע פּנימער. עס איז אָבער ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, ווארים מאַקס איז נאָך קיינעם ניט איבערגעפאָרן. שמייכלט ער מיט דעם זיכערן שמייכל פון אַן אַלטן קאַפּיטאַן, וואָס האָט שוין ניט איינמאָל דורכגעפירט זיין שיף אַ גאַנצע, און אומבאַשעדיקטע אין שטורם און בייז געוויטער.

*　　*　　*

דער שאָסיי ציט זיך ביי די פיס פון כרמל, און דער אַלטער בארג, וואָס טראָגט די אייביקייט אויף זיינע דאָ גרין־וואַלדיקע, דאָ נאַקעט־פעלזיקע שפּיצן, ליגט איבער אונדזערע קעפּ, ווי אין פסוק שטייט: „ראשך עליך ככרמל״. וויים איך, אַז אין יעדן קנייטש און שפּאַלט, אין יעדן גרוב און הייל, ליגן פאַרגראָבן פאַראייביקטע מאָמענטן פון אונדזער געשיכטע; אַז איבער יעדן בוים, שטיין און שטעג שוועבט אום דער גייסט פון נביאים און הייליקע, געפינען זיך נאָך דאָרט די מערות פון אליהו הנביא און פון אלישען. יעדן יאָר קומען אהין אידן פון אַלע עקן און ברעגן ארץ־ישראל און צינדן ליכט און זינגען תפילות און מזמורים. פון דעם פייכטן, פינסטערן חלל רייסט זיך דאָס געזאַנג: „אליהו הנביא, אליהו התשבי. אליהו הגלעדי״. ער דאַרף ברייננגען די בשורה, אַז די שעה פון דערלייזונג האָט געשלאָגן. ער דאַרף אָנזאָגן, אַז די טריט פון משיח הערן זיך שוין איבער די בערג. — ער, דער טרייסטער פון אַלע אָנגעווייטאָגטע הערצער; ער, דער הילפסברייננגער פון אַלע אָרימע און דערשלאָגענע; ער, דער אינטימסטער נביא פון פאָלק; ער, אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי...

און ניט ווייט פון דער „מערת אליהו" זיינען די „מערת אלישע" און דער „מזבח אליהו". דאָרט האָט אליהו אויפגעהויבן זיין מלחמה קעגן די נביאי הבעל, וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן פון דער פאַרשייט־פאַרפירערישער מלכה איזבל. פיר הונדערט און פופציק פאַלשע נביאים האָבן געגעסן ביי איר טיש. איר מאַן, דער מלך אחאָב, איז הפנים געווען א לעמעשקע. ער האָט טאַקע גע־טראָגן די קרוין, אבער זי — די הויזן, כאָטש ווי ווייט מיר ווייסן האָט מען דאַמאָלס ניט געטראָגן קיין הויזן, אָבער — עס רעדט זיך אזוי. האָט די דאָזיקע מלכה געפירט די פּאָליטיק און זיך געשטיצט אויף די נביאי הבעל, קעגן וועלכע אליהו האָט אויפגע־הויבן זיין קאַמף. דאָס פאָלק האָט זיך געלאָזט פון זיי פאַרפירן. האָט אין אליהוס הארץ אויפגעפלאַקערט גאָטס צאָרן און ער האָט אויסגערופן: ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר אומטאַנצן אויף צוויי שוועלן און לאָזן זיך פאַרבלענדן? — און ער האָט צעשטערט דעם מזבח פאַר דעם גאָט פון ישראל. אויך די רוימער האָבן אויפן כרמל זייערע פוס־צייכנס געלאָזן; מ'זעט נאָך היינט די חורבות פון זייערע פעסטונגען און וועגן; אויך די קרייץ־ציגלער, און פעלקער פאַר־שוואונדענע, לאַנג־לאַנג פאַרגעסענע האָבן זייערע סמנים געלאָזן.

היינט האָבן די אידן אריינגעגאָסן יונג, פריש בלוט אין די אַלטע ביינער פון כרמל. נייע, פּראַכטפולע הייזער זיינען אויסגע־וואַקסן, נייע האָטעלן. און מ'האַלט ערשט אין בויען. דאָס קלאַפּן פון האַמער און שטיין, דער הודזשען פון זעגן טראָגט זיך איבערן כרמל פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג. דער כרמל איז היינט דער סימבאָל פון אידישן אויפבוי אין ארץ־ישראל.

לויפט דער אויטאָמאָביל אויף דעם שאָסיי, וואָס שניידט זיך ביי דער זייט פון כרמל. טרעט שוין אויך ארוים אויפן האָריזאָנט דער אַלטער בארג גלבוע. באַווייזט זיך שוין אויך דאָס גרוי־פּעלזיקע, צעשוואומענע היטל פון בארג חרמון; און דער „עמק יזרעאל" נעמט זיך שפּרייטן. דער „עמק" — דאָס נייסטע און ליכטיקסטע געווינס פון אידישן ישוב. דער „עמק" מיט זיינע פעלדער, וואָס לויפן אוועק אויף קילאָמעטער און קילאָמעטער. פעלדער פריש־פּאַראַקערטע און שוואַרצע, און פעלדער, וואָס הילן

זיך שוין אין גרינס, שטרעקן זיך שוין מיט זייערע אויפגעבליטע פרילינג־שפּראָצונגען צום לויטער־לויטערן הימל.

גיט צו אונדז מיט אַמאָל אַ זאָג אונדזער מיטפאָרער באַזילי־אַנסקי, וואָס האָט אונדז באַגעגנט אין חיפה און באַגלייט אונדז די גאַנצע זעכצן טעג, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין ארץ־ישׂראל.

— ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר זיך אָפּשטעלן אין נהלל.

— גוט!

— נהלל, דאָס איז דער טויער פון „עמק" — גיט ער צו.

„דער טויער פון עמק", חזר איך איבער שטיל, פאַר זיך, „דער טויער פון עמק"...

— מיר וועלן פאַרפאָרן צו מיין פעטער, ער וואוינט אין נהלל, — באַמערקט באַזיליאַנסקי.



א אידישע קאָלאָניע

נהלל — דער טויער פון „עמק"

לאָזן מיר זיך אַרונטער פון שאָסיי און פאַרקירעווען אויף א שליאַך, וואָס פירט צו דער קאָלאָניע. דער אויטאָמאָביל טאַנצט אויף רודעס און גריבער.

— עס האָט גערעגנט מיט א פּאָר טעג צוריק און די בלאָטע איז פאַרטריקנט געוואָרן, — דערקלערט אונדז מאַקס.

אין זיין טאָן איז פאַראַן א מין אַנטשולדיקונג, ווי ער וואָלט פאַר די אַמעריקאַנער טוריסטן געוואָלט פאַרענטפערן די ארץ־ישראלדיקע ליימיקע בלאָטעס, וואָס אַז זיי טריקענען אויס ווערן זיי האַרט ווי קיזלשטיין. אונדז פעלט אָבער ניט איין צו האָבן טענות. מיר זיינען פאַרנומען מיטן באַטראַכטן די פעלדער אַרום, די הייזער, וואָס קומען אונדז אַנטקעגן, די גאַנצע פּאַנאָראַמע וואָס צעוויקלט זיך פאַר אונדזערע אויגן.

און אָט טרעפן מיר אָן א גרופּע קינדערלעך פון נהלל. זיי גייען פון פעלד צוריק צו דער קאָלאָניע. זיי באַגעגענען אונדז מיט א פריילעכן אויסגעשריי:

— שלום! שלום!

א מיידעלע, וואָס האַלט א בינטל בלומען אין הענטל, וואַרפט עס אַריין אין אונדזער אויטאָמאָביל, כאַפּ איך די פריש־רויטע פעלד־בלימעלעך, אויף וועלכע עס ציטערט נאָך דער מאָרגן־טוי. די קינדערלעך לויפן נאָך א ווייל דעם אויטאָמאָביל, וואָס באַוועגט זיך שווער. באַטראַכט איך זיי: אַלע אַזעלכע פרישע, מונטערע, די פּנימער פון זון און ווינט געברענט, די האָר צעשויבערט אין דער לופטן, די פיסלעך טאַנצן איבער די רודעס, שפּרינגען איבער די גריבער; עטלעכע פאַרלירן זיך אין זייטיקן פעלד.

דער אויטאָמאָביל פאָרט אַריין אין טויער און מיר גייען אַרונטער. דער וועג צו באַזיליאַנסקיס פּעטער פירט דורך שמאָלע געסלעך און דערנאָך איבער א גאָרטן. די געסלעך זיינען שאָטנדיק,

ביימלעך שפּרייטן זיך אויף ביידע זייטן, האָט דערפאַר די בלאָטע נאָך ניט אויסגעטריקנט. מוזן מיר זיך האַלטן ביי די זייטן פון פּלויט, טאַנצן ווי אַקראָבאַטן פון איין שטיקל טרוקענעם אָרט צום צווייטן, אַריבערשפּרינגען קאַליזשעס, היטן זיך, אַז אונדזערע ניט־צוגעוואוינטע אַמעריקאַנער שיך זאָלן ניט בלייבן שטעקן אין דער בלאָטע. ניט שטענדיק גיט זיך אָבער איין אונדזער פּאָרזיכטיקייט. אונדזערע שיך זיינען שוין מיט בלאָטע באַדעקט, זי קלייבט זיך אָן אַלץ מער, קלעפּט זיך צו די זוילן ווי קלעי. דערנאָך אַ שפּאַציר איבערן גאָרטן. עופות, וואָס האָבן געהאַלטן אין פּיקן די ערד, האָבן זיך דערשראָקן און גענומען לויפן פון אַלע זייטן מיט אַ קודאַכען. אַ האָן האָט זיך צעקרייעט, ווי ער וואָלט געוואָלט לאָזן וויסן זיינע ווייבער, אַז זיי דאַרפן זיך ניט שרעקן, ער וועט זיי העלדיש באַשיצן. אַ קו, וואָס איז אָנגעבונדן אין פּלויט, הויבט אויף דעם קאָפּ, באַ־טראַכט אונדז מיט אַ גלייכגילטיקער מינע, און מעלה־גרה'ט ווייטער. צוויי מיידלעך אין „ניקערס״ אַרבעטן אין אַ צווייטן גאָרטן. זיי זיינען שילערינס פון דער „לאַנדווי מיידל־שול״, וואָס געפינט זיך אין נהלל. זיי הויבן־אויף דעם קאָפּ, קוקן אונדז אָן און גייען אָן ווייטער מיט דער אַרבעט. אַ מיידל, מיט אַ דינער, בויגיקער פיגור, טראָגט פון ערגעץ אָן עמער מילך. אַ יונגערמאַן אין „אָוועראָלס״ שפּאַנט אויס אַ פערד. ער דרייט אפילו ניט אויס דעם קאָפּ. שוין געוואוינט, מן הסתם, צו פרעמדע געסט, וואָס קומען באַטראַכטן, ווי אידן לעבן אין ארץ־ישראל.

* * *

מיר זיינען ביי באַזיליאַנסקיס פעטער. דאָס הייזל, וואו ער וואוינט, באַשטייט פון דריי חדרימלעך. ס'איז נאָך ניי און ס'שמעקט מיט פרישער וואַפּנע און פאַרב. עס באַגעגנט אונדז אַן עלטערע פרוי, מיט אַ צעקאַרבט פּנים און וואוילע אויגן. זי רעדט צו אונדז העברעאיש מיט אַ אידישער אינטאָנאַציע און אַ אידישן ווערטער־אויסגעזאַנג. מיר דוכט, אַז ווען זי רעדט דאַרף מען ניט קענען קיין העברעאיש כדי זי צו פאַרשטיין, מ'דאַרף זיך נאָר איינהערן צום קלאַנג פון די ווערטער, אין דער טאָנירונג, באַטראַכטן אויך די העוויות, דעם מאַך מיט דער האַנט, און אַלץ ווערט קלאָר, ווי זי

וואָלט געוועדט איר אַמאָליקן, זאַפטיקן אידיש פון אוקראַינע, פון וואַנען זי קומט.

דער פעטער איז נאָך פאַרנומען אין גאָרטן, קומט ער אריין שפּעטער. ער באַווייזט זיך אין „אָוועראָלס" און אין שווערע גומי־שטיוול מיט לאַנגע כאַליעוועס. ער איז א מענטש שוין אריבער די מיטעלע יאָרן, דאָס פּנים צעאַקערט ווי דאָס פעלד, וואָס שפּרייט זיך אונטער זיין נייער באַטקע. שמועסן מיר, שיילנדיק בשעת־מעשה די פרישע מאַראַנצן, וואָס מ'האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש לכבוד אונדז. מיר הערן זיך איין, וואָס ער דערציילט אונז: ער איז שוין עטליכע און צוואַנציק יאָר אין ארץ־ישראל, געלעבט אין עטליכע קאָלאָניעס, איבערגעטאָן כל עבודת פּרך; ענדליך, אָבער, געפונען א מקום־מנוחה אין נהלל. איצט איז שוין „דאַנקען גאָט": אַן אייגן הויז, אביסל נייע מעבל, — עס איז א גליק, אויף וועלכן מ'האָט זיך ניט גערעכנט; ווארים פריער האָט מען געוואוינט אין אָט דער הילצערנער כאַלופּע, וואָס מיר קאָנען זען דורכן פענסטער. באַטראַכטן מיר דורכן פענסטער דאָס הילצערן הייזל, וואָס ליגט אין שאָטן פון יונגע בוימלעך און איז מיט גרינס פאַרצויגן. די ברעטער זיינען שוואַרץ פון רעגן, און דאָ און דאָרטן שפּאַלטונגען, וואָס די זון האָט ווי אויסגעברענט.

די באַלעבאָסטע דערציילט אונדז, אז אָט דאָס הייזל האָט מען איצט פאַרדונגען צו א דייטשיש פּאָר־פאָלק, וואָס האָט זיך, ווי די טויזנטער אנדערע דייטשע אידן, ארויסגעראַטעוועט פון היט־לערס מדינה. דאָס פּאָר פאָלק איז גאָר א יונגס, א קורצע צייט נאָך דער חתונה. ער איז אַן איידל מענטשל, מיט אַלע צייכנס פון אויסגעפּאַנקעוועטער אינטעליגענטישקייט; און דאָס ווייבל? — אָט באַווייזט זי זיך טאַקע אויף דער שוועל. זי שטייט אזוי א שלאַנקע, א דראָטעוודיקע, זשמורעט די אויגן אנטקעגן דער זון, וואָס האָט זיך שוין היבשלעך צעפּלאַמט, פאַרקרימט דאָס חנעוודיק־געטאָקטע פּנימל, וואָס טראָגט אויף זיך א מין קינדישע הילפלאָזקייט. זי איז אין גרויס פאַרלעגנהייט, דאָס ליבע, עלעגאַנטע ווייבל, זי וויל ארויס־גיין און ווייסט ניט, ווי אזוי זי קאָן אויסמיידן די בלאָטע. שטייט זי אַן אומאַנטשלאָסענע און פאַרשט א ווייל דעם באָדן. זי נעמט

זיך סוף־כל־סוף אָן מיט מוט און שטעלט ארויס א דין, געשניצט פיסל, וואָס איז אין דורכזיכטיק־זיידענע זאַקן געהילט. זי מאַכט א שפּאַן און כאַפּט זיך באַלד צוריק, זי האָט מורא, אז דאָס לאַקירטע שיכל זאָל אין דער בלאָטע ניט בלייבן שטעקן. זי גיט אָבער באַלד א שפּרונג, איר בויגיק־דינע פיגור טאַנצט אונטער, גיט א שוועב אין דער לופטן און זי איז שוין אויף א טרוקענעם אָרט. ווייטער איז אָבער ווידער א בלאָטע, בלייבט זי ווידער שטיין, שטעלט ווידער אמאָל ארויס צוערשט איין פיסל דערנאָך א צווייטס, לאַווירט קונציק צווישן די קאַליזשעס, און מאַכט זיך אזוי א וועג.

איז זי ניט די איינציקע פון דייטשלאַנד וואָס מוז זיך ראַנגלען אויף יעדן שפּאַן ביז מען רייסט זיך צו צו ארץ־ישראל. פאַר א סך פון די דייטשע אידן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט איז דער וועג אַזאַ: צוערשט איין פוס, דערנאָך א צווייטער, ביז מען גע־פינט א וועג מ׳געפינט אָבער דעם וועג, ווער אין ירושלים, תל אביב, חיפה, טבריה, וואו מען עפּנט קראָמען, רעסטאָ־ראַנען, נייע אינדוסטריען, ווער אין די קאָלאָניעס, וואו מען ארבעט ביי פּריוואַטע קאָלאָניסטן, און ווער אין די קבוצות, וואו מ׳שמעלצט איבער דאָס אייגענע לעבן אויפדאָסניי. מ׳געפינט א וועג — א שווערן, אָבער זוניקן, פון וועלכן מען האָט פריער אפילו ניט גע־חלומט.

דער מאַן פון דעם ווייבל, וואָס ראַנגלט זיך מיט די בלאָטעס אין נהלל, בויט שוין אגב א הויז אין דער ניט ווייטער קליינער קאָלאָניע „כפר חסידים״. דאָס מיינט אבער ניט, אז אין „כפר חסידים״ פעלן בלאָטעס. מען וועט אבער וואוינען אין אן אייגן־געבויטן הויז, און ניט יעדער איד אין ארץ־ישראל קאָן זיך אזא לוקסוס פאַרגינען.

מיר געזעגענען זיך מיט די באַלעבאַטים און זייערע קינדער. ס׳באַגלייטן אונדז ארויס דער פעטער, די מומע, זייער טאָכטער, א האָרעפּאַשנע מיידל מיט א פריי, לאַכעדיק פּנים. עס קומען אויך אריין פאַר אונדזער אוועקגיין דער זון, א קרעפטיק, מיטלוואוקסי־קער מענטש מיט דעם ריח פון פעלד אין די קליידער און זיין קינד.

שלום! להתראות! און מיר לאָזן זיך ווייטער איבערן גאָרטן און דורך די שמאָלע, ליימיק־בלאָטיקע געסלעך.

מענער, פרויען, קינדער, ארבעטן אין די גערטנער. א רעוועך פון קי אין דער לופטן. הענער קרייען. א פערד האָט זיך צעהירזשעט אָן א פארוואָס, גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין. אן אייזל שטעלט אָן אויף אונדז די נארישע אויגן און שפיצט אָן די לאַנגע אויערן. קינדערשע קולות טראָגן זיך פון דער שולע. א גרופּע אינגלעך און מיידעלעך קומען אָן פון שליאַך אין דער באגלייטונג פון א לערער, וואָס האָט נאָך אליין ניט פארלאָרן די אינגעלשקייט אין זיין פאר־וואקסן פנים. וואו נאָר א מענטש, א מאַן, א פרוי, א קינד, איז מיט עפּעס פארנומען. ס׳איז א וועלט פון ליימיקע בלאָטעס, וואָס אז זיי פארטריקענען, ווערן זיי פארוואַנדלט אין רודעס וואָס זיינען הארט ווי קיזלשטיינער. און ס׳איז א וועלט פון זון, א סך זון. עמערוויים גיסט זיך דאָס צעשמאָלצענע גאָלד פון לויטער־לויטערן הימל. און עס איז א וועלט פון מענטשן מיט פנימער פון זון און ווינט געברענט, פון קינדער מיט דער פארב פון די בונטע פעלד־בלימלעך, וואָס וואקסן אויף די פעלדער און ביי די זייטן פון שליאַך, און מיט אויגן ליכטיקע, וואָס אזעלכע זעט מען ניט ביי קיינע אנדערע אידישע קינדער אין גאָר דער וועלט.

דערציילן אייך אלטע תושבים פון נהלל וואָס דאָ איז געווען מיט א פופצן יאָר צוריק. זיינען געקומען אהער צוואנציק פון די ערשטע חלוצים און אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן. האָבן זיי גע־טראָפן א מוראדיקע וויסטעניש, זומפּן, וואו מאַלאַריע און טויט האָבן געלויערט. א ברונעם, וואָס יעדער וואָס האָט זיינע וואסערן פארזוכט האָט דריי טעג ניט אויסגעלעבט. בית עולמס מיט מצבות פון אראבער וואָס זיינען דערפערוויז אויסגעשטאָרבן, און די וואָס זיינען געבליבן לעבן—ווילדע ברואים, בעדואינער, רוצחים, גרייט צו באַפאַלן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

די גרופּע וואָס האָט זיך געוואָלט דאָ באזעצן האָט געשיקט שלוחים אויסזוכן דאָס לאַנד, האָבן זיי באגעגנט אן אלטן אראבער און געפרעגט ביי אים: „אלטעטשקער, וואָס זיינען אָט די חורבות?" „א חרובער ישוב", האָט ער געענטפערט. „ווער האָט דאָ גע־

וואוינט?" „דייטשן". „וואָס איז פון זיי געוואָרן?" „זיי זיינען אויסגעשטאָרבן". „און וואָס איז דערנאָך געשען?" „אראבער האָבן זיך באַזעצט". „און וואָס איז פון זיי געוואָרן?" „אויסגעשטאָרבן".

און אזוי כסדר: איין ישוב נאָכן אַנדערן איז אונטערגעגאנגען, אויסגעשטאָרבן.

האָבן אָבער די צוואנציק יונגעלייט באַשלאָסן: „דוקא אויף אָט די זומפּן, צווישן אונטערגאַנג און טויט, וועלן מיר אידישן ישוב אויפבויען". זיי האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן און גענומען אַנטרינקען דעם מדבר מיט זייער בלוט. דעם ערשטן אָוונט ווען עס האָט גענומען שיינען דאָס מאַגערע ליכט פון זייערע לאַמטערנעס האָט זיך באוויזן אן אַלטער איד וואָס פלעגט ארומוואַנדערן אין דער סביבה. ער איז אריינגעגאַנגען אין דעם געצעלט און דערזען די אידישע יונגעלייט, האָט ער אויפגעהויבן די הענט און אויסגערופן: „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה".

אָט דאָס דערציילן די אַלטע תושבים פון נהלל וואָס געדענקען דעם פרימאָרגן פון איר גרינדונג.

איז דאָרטן, וואו די טויט־זומפּן האָבן זיך געשפּרייט, בליט היינט א אידישער ישוב פון א פּאָר הונדערט משפחות. אן איינגעפונדעוועטער ישוב מיט פעלדער פון טראַקטאָרן אויפגעאַקערטע, פאַרזייטע און פרוכטיקע; מיט גערטנער, מיט אָקסן און קי, מיט שאָף און רינדער, מיט עופות, און מיט א שולע פאַר די קינדער, א ביבליאָטעק, א שול צו דאַוונען, א „בית עם" און — מיט יענער גליקזעליקייט וואָס די נשמה זאַפּט איין נאָר פון דער אייגענער ערד און וואָס לאָזט זיך ארונטער ווי טוי אויפן גראָז נאָר דעמאָלט ווען מ'בויט דאָס אייגענע לעבן.

צווישן היסטאָרישע בערג אין ארץ ישראל

מיר פאָרן קיין עפולה. פון איין זייט דער „עמק״, וואָס וויקלט זיך ווי א געקעסטעלטע קאָלדרע. יונגע בחורים צעאַקערן מיט טראַקטאָרס די שווארצע קעסטלעך. פלאַסטן ערד, וואָס דער רעגן האָט ערשט מיט עטליכע טעג צוריק דורכגעווייקט, פאַלן אונטער די שאַרף־גלאַנציקע אַקער־מעסערס און ציין. די מעסערס און ציין בייסן זיך איין טיף, לאָזן אונטער זיך גלייך־געמאָסטענע שיכטן, וואָס זיינען גרייט אויפצונעמען די זריעה, איבערקייען און פאַר־דייען די ווייץ און גערשטן־זוימען, וואָס די קאָלאָניסטן וועלן פאַר־זייען. אויפשפּראָצן דערנאָך אין הויכע, גרינע זאַנגען, וואָס וועלן דערנאָך זיך צייטיקן און טונקען אין דעם גאָלד פון דער ארץ־ישראלדיקער זון.

א בחור, וואָס זיצט אויף דער קעלניע פון טראַקטאָר פירנדיק מיט איין האַנט דאָס ראָד, גיט צו אונדז א מאַך מיט דער צווייטער האַנט.

וועמען באַגריסט ער? אונדז, די פרעמדע, אָדער מאַקסן, וואָס איז אן אייגענער מענטש אויף אָט דעם שאָסיי און אויף אַלע שאָסייען און וועגן וואָס שניידן דורך דאָס לאַנד? וואָס איז דער אונטערשייד? מן־הסתם מיינט ער אויך אונדז די פרעמד־אייגענע, וואָס זיינען געקומען פון א זעקס־טויזנט מייליקער ווייטקייט, פון העט אריבער לענדער און ימים, צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דאָס אידישע היימלאַנד בויט זיך. ענטפערן מיר אויף זיין באַגרי־סונג, גיבן צו אים א מאַך מיט דער האַנט. זאָל ער אָננעמען אונ־דזער לופטיק־האַרציקן שלום! שלום!

און פון דער צווייטער זייט פון עמק, אויך ביים האָריזאָנט: בערג, בערג, בערג. דער הר הכרמל, די הרי הגלבוע, דער אַלטער חרמון, דער גרייז־גרויער זקן מיט דער ווייסער, לאַנגער באָרד, וואָס פאַלט אים אויף דער ברוסט, דער פּאַטריאַרך צווישן די בערג פון ארץ־ישראל, און דער הר תבור, און די בערג פון נצרת, און נאָך

און נאָך, און אביסל ווייטער נעמען זיך שוין קייטלען די הרי־יהודה.

לויפן אום די אויגן אויףביידע זייטן, אז ס'נעמט אזש שווינדלען אין קאָפּ. די אויגן ווייסן ניט אויף וואָס פריער צו קוקן: אויף דעם יונגן, צעבליטן עמק, וואו אידישע ארבעט גייט אויף מיט געזאנג, וואו אקערם פילן אָן די לופט מיט ליכטיקן געקלאַנג, אָדער אויף די בערג, די אלט־אלטע, די גרוי־פארטראַכטע, וואָס דערהויבן זיך אין שטום־פיל־רעדעוודיקן שווייגן. הערן זיך איין אין די עכאָס פון טויזנטער יאָרן, וואָס טראָגן זיך אום צווישן זייערע שפּאַלטן און היילן און איבער זייערע לופטיקע שפּיצן, און די נייע יונגע קולות, וואָס וועקן זיי.

דער עמק, דאָס איז דער היינט און אויך דער מאָרגן פון ארץ־ישראל... ניט די גאנצע ערד פון עמק איז נאָך אין אידישע הענט. וואו די אידישע פעלדער ענדיקן זיך, הויבן זיך אָן אראבישע פעלדער. ווארפט זיך דער אונטערשייד מיט א שניידנדיקער שאַרפ־קייט אין די אויגן. די פעלדער פון עמק ווערן באארבעט מיט טראַקטאָרס, די נייעסטע אגריקולטור־מעטאָדן ווערן אָנגעווענדט. קומט די, פון הונדערטער דורות פארלאָזענע ערד, גיך צום לעבן. וואקסן די תבואות הויך און שפעדיק, בליען פּרדסים, וויגן זיך צעצווייגטע די וויינטרויבן־ביימלעך, אָטעמט פון יעדן גרעזל און בלימל מיט רירעוודיק־פרישער אויפגעלעבטקייט.

דער אראַבער אַקערט און זייט ווי זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, מיט הונדערטער יאָרן צוריק. ער שלעפּט זיך פויל און שלעפעריק נאָך דעם הילצערנעם אַקער מיטן פאַרזשאַווערטן טשוואָק, וואָס ווערט געפירט פון א מאָגערן אייזל אָדער קעמל מיט אן אויסגעפליקטער פעל. אמאָל איז דער אייזל איינגעשפּאַנט איינ־איינעם מיטן קעמל, אמאָל אן אויסגעמאַטערטער אָקס מיט א קעמל. דער פאַרזשאַווערטער טשוואָק פון אַקער גראָבט זיך קוים איין אין דער ערד, ער באַרירט ניט מער ווי די פלאַך. זען טאַקע אויס די אראבישע פעלדער אַזעלכע מאָגערע און פאַרוואַרלאָזטע. דער וואָס פאָרט איבער ארץ־ישראל דערקענט באַלד צי אידישע הענט האָבן באַארבעט די ערד אָדער אראַבישע.

די בערג, — זיי זיינען דער גרויער נעכטן פון ארץ־ישראל. געגוג א זאָג צו טאָן הרי שומרון, הרי הגלבוע, הר תבור, חרמון, הרי יהודה, אז גאנצע עפּאָכן פון אונדזער פארגאנגענהייט זאָלן אויפטויכן פאר די אויגן, אז די געשטאלטן פון פאראייביקטע העלדן, פון נביאים און הייליקע זאָלן פון די שפּאלטן, היילן און שפּיצן זיך באווייזן. געגוג צו קוקן אויף די בערג, דעם קלאַנג פון זייערע נעמען פארן אויער איבערחזרן, אז יעדעס קאפּיטל, יעדער פסוק אין תנ"ך זאָל ארויפציען הויט און אָדערן, מיט בלוט זיך אָנטרינ־קען און צום לעבן קומען.

ווערן שוין אבער אויך די בערג לעצטנס דער מאָרגן פון ארץ־ישראל. איך האָב זיך באקאנט אין ירושלים מיט אן אינטערע־סאנטער באוועגונג, וואָס רופט זיך „אל ההר". איר גרינדער איז אן אויסטראלישער איד מיט דעם נאָמען זאלצמאַן. ער האָט גע־זאָגט צו זיך: די בערג פון ארץ־ישראל טאָרן ניט פארלאָזן ווערן, זיי מוזן געבראכט ווערן צום לעבן, ווי די פעלדער פון עמק יזרעאל און פון שרון. אידן דארפן זיך אויך פארקלייבן אין די בערג, בויען דאָרט ישובים. ס'איז וויכטיק צוליב עקאָנאָמישע מאָטיוון, וואָרים מ'קאָן אָפּקויפן די בערג זייער ביליק און זיי באארבעטן, פאראן פּרוכטיקע שטרעקעס צווישן זיי. און עס איז וויכטיק אויך צוליב סטראטעגישע צוועקן, עס איז אומגעזונט און אומזיכער פאר דער לאגע פון די אידן אין ארץ־ישראל צו קאָנצענטרירן זיך נאָר אין די טאָלן און לאָזן די אראבער שאלטעווען איבער די בערג...

האָט דער אונטערנעמערישער און ווייט־זעענדיקער אויסטרא־לישער איד געגרינדעט די געזעלשאפט „אל ההר", און אידן הויבן זיך אָן ביסלעכווייז באזעצן אויף די בערג.

א צווייטע בארג-אונטערנעמונג איז פארבונדן מיטן אלטן, רעליגיעזן הר כנען. ניט ווייט פון צפת וואו דער הר כנען שטרעקט זיך אין דער הויך ווי די וואנט פון א מוראדיקער פעסטונג, קלייבט זיך א רייכע פרוי פון סיגנאפּאָר צי שאנכאי, אויפצובויען א גאנצן ישוב. וועגן דער פרוי און איר אונטערנעמונג טראָגן זיך דערווייל ארום לעגענדעס: עס הייסט, אז זי וויל אויפבויען א מין קונסט־

צענטער, און זי האָט אויסגעקליבן דעם הר־כנען, וואָס פאַרשפּאַרט די אַלטע צפת ווי אין א טורעם. עס איז אָבער נאָך דערוויַיל ניט אינגאַנצן קלאָר וואָס ס'גייט זיין.

* * *

ווען איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל די בערג אין ארץ־ישראל, האָבן זיי אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה. מיר האָט זיך געדוכט, ווי דער גאַנצער טויזנט־יאָריקער חורבן פון לאַנד וואָלט זיך איבער זיי געשפּרייט, ווי גאָטס צאָרן וואָלט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן, אַז ס'זאָל אויף זיי קיין פלאַנץ ניט אויפגיין, קיין גרעזל וואַקסן.

איך האָב געקוקט אויף זיי און זיך דערמאָנט אָן די בערג פון אַנדערע לענדער, וואָס איך האָב אויף מיינע פיל וואַנדערונגען אָנגעזען. די אַלפּן־בערג פון דער שווייץ און איטאַליע מיט זייערע שווינדלענדיקע הויכן און וויים־פאַרשנייטע קעפּ. די קאַרפּאַטן־און טאַטרא־בערג, וואָס פאַרלירן זיך אין די וואָלקנס. די בערג פון טיראָל, וואָס שפּאַרן זיך האָפּערדיק אין די הימלען. זיינען די בערג פון ארץ־ישראל גאַנץ אַנדערע. א סך זיינען ווי פון איין ריזיק שטיק פעלז אויסגעגאָסן. אַנדערע זיינען אויף שטיקער פעלזן צעשפּליטערט. אַנדערע ווידער זיינען מיט אומצייליקע שטיקער שטיינער פאַרזייט, ווי עס וואָלט אויף זיי מיט פעלזן־שפּליטער געהאָגלט, אָדער מיט לאַווע וואָס איז דערנאָך פאַרגליווערט געוואָרן. האָבן אָט די בערג א שרעק און א טרויער ביי מיר ארויסגערופן. עס האָט מיט א מין פאַרשאָלטנקייט פון זיי געוויט, ווי די קללה פון דודן נאָך דעם טראַגישן אומקום פון יהונתן, — „אל טל ואל מטר עליך ירעיפו”, — וואָלט ניט נאָר גערוט אויף די הרי הגלבוע, נאָר אויך אויף די אַנדערע.

געוואוינט זיך אָבער צו דאָס אויג און מען דערזעט ביסלעכ-וויַיז בליאונג צווישן זייער וויסטקייט. בליאונג און א שיינקייט, אַן איינציק־אַרטיקע, וואָס קיין אַנדערע בערג אין דער וועלט פאַרמאָגן ניט.

עס וואַקסן צווישן די בערג און אויף זייערע רוקנס, פּרדסים און וויין־גערטנער. פאַראַן צווישן זיי א סך פּרוכטיקער באָדן, און

דער באָדן, וואָס מ׳האָט באַארבעט גיט ארוים מאַראַנצן, וויינ־טרויבן, אוילבירטן, מאַנדלען, אויך פּירות, וואָס מ׳האָט ערשט אין די לעצטע יאָרן גענומען פלאַנצן אין ארץ־ישראל, ווי: גרעיפּ־פרוכטן, באַנאַנעס, בארן, עפּל, פלוימען, וויינשל, קארשן.

און די אויסטערלישע שיינקייט פון די בערג אין ארץ־ישראל! דאָס זיינען ניט גלאַט נאַקעטע פעלזן, שפּיציקע סקאַלעס, ריזיקע שטיינער־שפּליטער, נאָר נאַטור־שאַפונגען פון וואונדערליכער אר־כיטעקטור. א סך דערהויבן זיך אונטערן הימל ווי פאַנטאַסטישע פעסטונגען פון אוראַלטע צייטן. פעסטונגען מיט געמויערטע טרעפּ־ווענט, ווי די פּיראַמידן, און פון שטיין־אויסגעהאַקטע באַסטיאָנען. און דער כישוף־שפּיל פון ליכט און שאָטן איבער זיי און פאַר זייערע פּנים. בייטאָג פלאַמט א זון איבער זייער קאַרק, זיי אליין וואַרפן אָבער אָפּ לאַנגע שאָטנס פון זיך און שטייען טונקעלע, פאַרהוי־לענע. ביינאַכט, ווען די לבנה גייט־אויף איבער זיי, טרעטן זיי ארויס שוואַרץ־אָנגעהורבעטע, ווי פאַרצייטיקע שלעסער, לאַנג־שוין־לאַנג פאַרלאָזענע, וואָס האַלטן צווישן זייערע ווענט און אין דער טיפעניש פון זייערע קעלערן סודות פון טויזנטער יאָרן. סודות פון פעלקער, וואָס האָבן אמאָל דאָ אומגעוואַנדערט, געלעבט, מלחמות געפירט און פאַרשוואונדן.

עפולה—„די גרעסטע שטאָט אין ארץ ישראל"

„מיר פאָרן איצט אריין אין דער גרעסטער שטאָט פון ארץ־ישראל", גיט א זאָג צו אונדז באַזיליאַנסקי, ווען די הייזער פון עפולה באַווייזן זיך.

„די גרעסטע שטאָט אין ארץ־ישראל?"

„יאָ", שמייכלט באַזיליאַנסקי, און ער דערציילט אונדז: ווען מען האָט גענומען בויען דעם „עמק", און קבוצות האָבן אָנגעהויבן זיך מערן, האָט מען געוואָלט פאַרוואַנדלען עפולה, וואָס געפינט זיך אין הארץ פונם „עמק", אין א גרויסן צענטער. די פאַנטאַזיע ביי א סך חלוצים האָט זיך צעשפּילט: זיי האָבן אויפגעשטעלט בליענדיקע קבוצות אין דעם מדבר, וועלן זיי אויך אויפבויען א גרויסע שטאָט, גרעסער פון תל־אביב, גרעסער פון ירושלים. זי וועט זיין די גרעסטע שטאָט אין לאַנד, און א שטאָט וואָס וועט דינען פאר א סימבאָל. תל־אביב שמעקט שוין אביסל מיט קאפּי־טאַליזם, ספּעקולאַציע. ירושלים רייסט אָפּטמאָל אוועק צופיל צו דער פאַרגאַנגענהייט, דערמאָנט דאָ און דאָרט אָן אמאָליקן אונטער־גאַנג. עפולה וועט אָבער זיין דער צייכן פון שאַפערישער ארבעט און פון א ליכטיקער צוקונפט.

אָט די פאַנטאַזיע האָט זיך אזוי איינגעגעסן אין די מוחות, אז ווען מ'האָט איינמאָל געפרעגט א מיידעלע ביים עקזאַמען אין א קבוצה־שולע: „וועלכע איז די גרעסטע שטאָט אין ארץ־ישראל?" האָט זי ניט געטראַכטערהייט אויסגערופן: „עפולה!"

איז אָבער דערוויל עפולה ניט נאָר ניט קיין גרויסע שטאָט, נאָר בכלל קיין שטאָט ניט. זי פאַרמאָגט איין הויפּט־גאַס, און אויך די איז מער געסל ווי גאַס. א פּאָר קרעמלעך דאָ און דאָרט. א קליינער רעסטאָראַן פון איין זייט, און א צווייטער, א גרעסערער—אויף דער אַנדער זייט. איז עס אייגנטליך מער קרעטשמע ווי

רעסטאָראַן, — א היימישע קרעטשמע, ווי פאַרצייטן אין די דער־פער. אָנשטאָט פּויערים — אַמאָל ניכטערע און מערסטנס שיכורע, — זעט איר אָבער אין דער עפּולהער קרעטשמע אידן, אידן און אידן. דאָרטן שטעלן זיך אָפּ די באָסעס, וואָס לויפן צווישן ירושלים און חיפה און די ארומיקע קבוצות. די פּאַסאַזשירן גייען אַרונטער, זעצן זיך אוועק ביי די טישלעך אינווייניק, און אויף דער אָפענער וועראַנדע, און לענען זיך אונטער דאָס האַרץ. דאָרטן בלייבן אויך שטיין די אויטאָמאָבילן מיט די טוריסטן, וואָס פאָרן אום באַטראַכטן דאָס לאַנד. אהין קומען אויך די קאָלאָניסטן פון דער סביבה. די חלוצים פון די קבוצות. מ'קומט איינקויפן „אין שטאָט", אָפּנעמען די פּאָסט, זען צי ס'איז געקומען א פרישע צייטונג פון תל־אביב אָדער ירושלים, אָדער גלאַט זען א נייעם אידן, א טוריסט פון אן אנדער לאַנד. דעם לעצטן פאַרגעניגן פאַרגינט מען זיך ווען מ'האָט צייט, כאָטש אין גרונט גענומען באַטראַכט מען עס ניט פאַר מי־יודע וואָס פאַר א פאַרגעניגן. פאַרקערט, איך האָב אָפטמאָל געהאַט דעם איינדרוק, אז די קאָלאָניסטן פילן זיך אביסל מאָדנע פון דעם וואָס טוריסטן פון ארבע פינות העולם פאָרן אום באַטראַכטן ווי עס לעבט זיך זיי. פון איין זייט איז מען אפילו צופרידן: ערשטנס ווילט זיך גלאַט אַמאָל זען א פרעמדן אידן, איבערהויפּט ווען ער קומט נאָך פון דער ווייטער אמעריקע; צווייטנס, זאָל מען טאַקע זען ווי ארץ־ישראל בויט זיך, וועט מען דערנאָך קומען אהיים און דערציילן, וואָס מ'האָט געזען מיט די אייגענע אויגן. און די אידן, וואָס זיינען נאָך אין ארץ־ישראל ניט געווען, וועלן אויסגעפינען, אז ס'איז טאַקע פאַראַן א אידיש לאַנד אויף דער וועלט; א אידיש לאַנד, וואָס צאַפּלט זיך נאָך דערווייל אין זיינע געבורטס־ווייען.

פון דער צווייטער זייט פילט מען זיך אביסל פריקרע אונטער דעם נייגעריקן בליק פון די פרעמדע אויגן. מ'האָט אמאָל דאָס געפיל, ווי די ליבע טוריסטן אין זייערע אויטאָמאָבילן וואָלטן געקומען אָנקוקן א בייז־וואונדער. חוץ דעם, ווער האָט עס צייט זיך אָפּצוגעבן מיט טוריסטן?

* * *

אין דער עפּולהער קרעטשמע, נעמט מען זיך אָבער צייט. מ'זופּט דאָס גלעזל טיי אָדער קאַווע און מ'שמועסט. טוריסטן טיילן זיך מיט די איינדרוקן. קאָלאָניסטן ריידן זיך דורך וועגן ארבעט. מיין אויער כאַפּט־אויף אונטער שמועסן וועגן דער ארץ־ישראלדי־קער פּאָליטיק.

אויך שמועסן וועגן דער ווירטשאַפט. א איד פון אן ארומיקער קבוצה, שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק, דערציילט פאַר א בחורל פון אנאנדער קבוצה, וואָס זיצט מיט פאַרקאַטשעטע ארבל און לאָזט זיך וואוילגיין מיט פריש־צעשניטענע שטיקער ווייסע בולקע און א דאַמפּיק-הייסן טעלער זופּ, אז מ'האָט נעכטן געבראַכט א נייעם טראַקטאָר פון חיפה. אן אנדערער דערציילט, ווי גערעָטן עס גייט־אויף דער גערשטן אויף די פעלדער פון זיין קבוצה. א דריטער גיט־איבער וועגן א סכסוך מיט אַראַבישע פּאַסטוכער: ס'האָט זיך זיי פאַרוואָלט פיטערן זייערע ציגן און שאָף דוקא אויף אידישע פעלדער. און אין אן אנדער קבוצה האָבן אראבישע וואַנ־דאַלן אויסגעהאַקט א צענדליק ביימער ביינאַכט.

אין א ווינקל זיצט א בחור, מיט א טונקל־אָפּגעברענטן פּנים און ביסטרע־קוילִיקע אויגן, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און פּאַטלעס האָר פאַלן אים אויפן שטערן. אנטקעגן אים זיצט א מיידל. זע איך נאָר איר לענגליכן פּראָפיל, דעם פולן נאַקעטן נאַקן, דעם פיין־געשניצטן קין, און די כוואַליעס גאָלדענע בלאָנדקייט אויף איר קאָפּ. דער בחור לייענט איר עפּעס פון „דבר", וואָס איז אויסגעשפּרייט פאַר איר איבער דער גאַנצער לענג פון טישל. האָב איך דעם געפיל, אז דער „דבר" איז נאָר אן אויסרייד. האָב איך אויך ספקות, צי דאָס מיידל הערט וואָס דער קויליק־אויגיקער בחור לייענט פאַר איר. מעגליך אז דאָס זיינען זינדיקע מחשבות פון א זינדיקן מענטשן. אין ארץ־ישראל איז עס אפשר אנדערש. דער זינדיקער מענטש אין מיר זאָגט מיר אָבער אזוי: א יונגער בחור און א יונג מיידל זיינען אומעטום — א יונגער בחור און א יונגע מיידל, צי דאָס איז אין דער פאַרקאָוועט־שנייאיקער אַלאַסקאַ אָדער אין דער אייביק־זוניקער ארץ־ישראל.

און צוויי טוריסטקעס פירן א שמועס וועגן זייער רייזע. איינע

איז אן עלטערע מיט א בייניק־טרוקן פנים; די צווייטע — נאָך גאָר א יונגינקע. זיי ריידן ענגליש, אמעריקאנער ענגליש. איך הער: „נאָזאָרעט", „בעטלעהעם"... די אינגערע וואַרפט אריין:

„ענד די קאָאָפּערייטיוו קאָלאָנים, אַרנ'ט דהעי וואנדערפּול?"

„באָט דהי דוירטי ערעבס..." גיט די עלטערע א זאָג.

בין איך מיט איר מסכים: „דהי דוירטי ערעבס!" א מיאוס, אומריין פאָלק. מיאוס און אומריין אין פשוטען, פיזישן זין: ניט־געוואשענע, באָרוויסע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, און א שלעכטער ריח שלאָגט פון זיי.

וועט איר זאָגן: אָרימקייט, נויט, און ס'איז א רחמנות. דאָס לעצטע געווים, ס'איז א רחמנות אפילו אויף א חיה. דער ברוד, די פאַרוואַרלאָזטקייט נעמען זיך אָבער דאָ ניט נאָר פון אָרימקייט און נויט; מ'האָט דאָ פשוט צו טאָן מיט א פאַרווילדעוועטער אומה, וואָס שטייט אויפן נידעריקסטן טרעפּ פון פּרימיטיוויקייט.

מיר באַצאָלן דעם מיידל אין דער עפּולהער קרעטשמע, וועלכע באַדינט די געסט. אירע פולע באַקן רויטלען זיך בשעת זי מאכט דעם רעכענונג אין א זאַפטיקן העברעאיש. זי רעכנט אויס די מאכלים, וואָס מיר האָבן געגעסן: „סרדיניה",—וואָס אז איר לייגט עס אויס אין אידיש מיינט עס גאַנץ איינפאַך: סאַרדינען: „לפתן"— דאָס איז שוין א וואָרט וואָס אפילו איך, דער העברעער, האָב ניט געוואוסט צוערשט זיין באַדייט. מיינט „לפתן" — קאָמפּאָט; און „כום תה" איז פשוט — א גלעזל טיי.

מיר באַצאָלן „ביי דער קאַסע", וואו עס שטייט דער בעל־הבית, א פאַר'טרוד'טער איד, און זיין זון—א קלוג, פּיפּיק בחורל. זיי שטייען ביי א לאַנגן טיש, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט אלערליי שפּייזן. די גלאַנציקע רערן פון א סאָדאַ-פאָנטאן, וואו מען פאַר־קויפט „גזוז" (סאָדאַ־וואַסער), שטעקן ארויס פון טיש. אויף פאָלי־צעס ליגן פאַרשיידענע שפּייז־אַרטיקלען: „היינצעס" קאָנסערווירטע פּרוכטן אין זייערע בלעכן מיט די רויטע באַנדעראָלן, גיבן מיר אָפּ א גרוס פון אמעריקע.

מיר כאַפּן אַ שפּאַציר איבער דער גאַס. די זון האָט איבער הימל און ערד זיך צעגאָסן, און וואַרעמט מיט אַ מילדער, חיות־דיקער וואַרעמקייט. עס שטייען אַמניבוסן, אויטאָמאָבילן. עס טראָגט זיך פאַרביי אַן אַראַבישער אַמניבוס. זיי האָבן זייערע אייגענע, און אידישע פּאַסאַזשירן פאָרן זעלטן אין זיי. זיינען די אַראַבישע אַמניבוסן אָרים, אָפּגעריבן, אָנגעפּאַקט ווי אַ פאַס מיט הערינג. עס קוקן אַרויס פון זיי ברודיקע פּנימער, מיט קראַנקע אויגן אין די לעבער; עס פלאַטערן צעריסענע מאַנטלען; עס שוואַרצן זיך די איבערגעדעקטע פּנימער פון די פרויען.

מיר דרייען זיך אַריין אין אַ זייטיק געסל. ביי אַ פּלויט ליגט אויסגעלייגט אַן אַלטער אַראַבער און שלאָפט מיטן פּנים אַנטקעגן דער זון. פליגן זשומען אַרום אים, מאַכן זיך אַ נעסט אויף זיין נאָז, אויפן שטערן, אויף דער האָריק־צעבראַסטעטער ברוסט. אים שטערט עס אָבער ניט, ער שלאָפט. אַ באָרוועסע ווייבל פּאָרעט זיך אין אַ גאָרטן, און ביי איר זייט — אַ שלאָפנדיק קינד אויף אַן אַלטן מאַטראַץ, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. צוויי אידן האַלטן אין פאַרענדיקן אַ דאַך איבער אַ קאַמער. וויטער נעמען זיך ציען פעלדער. אידן אַרבעטן. אימיצער זינגט ערגעץ מיט אַ ברוסטיקן באַריטאָן. איך זע ניט דעם זינגער, איך הער נאָר די ווערטער.

מירושלים עד מתולה
לא מצאתי אף בתולה,
והיפה כבר התחתנה —
לאַמצי־די־ראַצאַ, יאַם־צאַ־צאַ !

דאָס מיינט :

פון ירושלים ביז מתולה
האָב איך ניט געפונען קיין בתולה,
און די שיינע האָט חתונה געהאַט,
לאַמצי־די־ראַצאַ, יאַם-צאַ־צאַ !

איז טאקע ניט גוט, ווען א בחור קאָן ניט געפינען קיין בתולה פון ירושלים ביז מתולה, איבערהויפּט ווען די שיינע האָט אים אָפּ־געטאָן א שפּיצל און חתונה געהאט מיט אן אַנדערן. פאַרשטיי איך דערפאר ניט זיין פרייל־עכן צונעזאנג: „לאמצי־די־ראצא, יאם־צא־צא”, וואָס איז די שמחה מיט אים?

מאקס לאָזט מיך אָבער ניט טראכטן, ער רופט אונדז שוין. זיינען מיר גיך אריין אין אויטאָמאָביל. מיר פאָרן קיין ירושלים.

דער וואונדער פון די קבוצות אין עמק יזרעאל

ווילט איר זען מיט אייערע אויגן די נייע ארץ־ישראל — פאַרט אין די קבוצות וואָס ליגן צעוואָרפן ווי וואונדערליכע לעגענדעס איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון עמק יזרעאל.

ווילט איר אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט די נשמה פון דער נייער ארץ־ישראל—פאָרט אין די קבוצות, וואָס האָבן אויפגעבליט ווי עפּעס דורך א נס אויף די אמאָליקע גיפטיקע זומפּן און פאַרפּעסטעטע וויסטעניש̇ן פון דעם היינט גאָט־געבענשטן, פריש־צעגרינטן, שפּעדיק־צעוואַקסענעם עמק יזרעאל.

איין ישוב נאָכן אנדערן וועלן זען אייערע אויגן. איין קבוצה פאַרלאָזן, אָפּגעפאָרן א האַלבע שעה א שעה, אמאָל ניט מער ווי פופצן מינוט — און א נייער ישוב וואַקסט אויס, א ניי לעבן צעוויקלט זיך. הייזער, פעלדער, פּרדסים, אַקאַליפּטוס־וועלדלעך, ברונימער, אידן האָרעפּאַשנע, א יונגוואַרג וואָס שפּריצט מיט לעבן, פרויען פאַרטאָן אין היימישער ארבעט, בחורים אויף טראַקטאָרס, אויף פערד, צופּוס, מיט רידל און קאָסע אין האַנט, וואָגענס אויף וועלכע מ׳לאָדט אָן און מ׳לאָדט אויס משאות.

און קינדער, קינדער, קינדער.

קינדער אין פעלד און אין פּרדס.

קינדער אין די שולעס.

קינדער מיט ביכלעך אונטער ביימער.

קינדער העלפנדיק די טאַטעס און די מאַמעס ביי דער ארבעט.

קינדער קלייבנדיק רויטע, געלע, פּורפּור־בלויע טונקל־פיאָלעטע בלימעלעך ביי די זייטן פון די וועגן.

קינדער באַגריסנדיק אייך מיט א גלעקלדיקן שלום! שלום! שלום!

און קינדערלעך, עופהלעך, וועלכע דרימלען אין די וויגעלעך, רוען אויס די ביינדלעך אין בייטאָגיקן שלאָף אין דער אלגעמיינער

קינדער־היים, וואָס געפינט זיך אין יעדער קבוצה באוואכט פון די ליבע אויגן פון ספּעציעלע אויפפּאַסערינס.

און קינדערלעך אביסל עלטערע, וואָס שפּילן זיך מיט זייערע שפּילצייג אין די געראַמע שפּיל־צימערן, אָדער אויף זוניקע וועראַנ־דעס און פאַרקלינגען די לופט מיט זייער העברעאישער פּלאַפּלעריי.

איז יעדע קבוצה א וועלט פאַר זיך, מיט א געשיכטע וואָס איינע איז ענלעך אויף דער אנדערער, וואָרים איין גייסט האָט זיי געבוירן, און פון איין נשמה זיינען אלע באזעלט. און דאָך איז יעדע געשיכטע פאַרשיידן, דערציילט יעדע קבוצה עפּעס אנדערש־דיקס.

זיינען אלע קבוצות אין עמק יזרעאל איין לעגענדע אויסגע־וועבט פון א העראָאישקייט, וואָס זיין גלייכן האָט נאָך די וועלט ניט געזען, אויסגעשפּינט פון א מסירת־נפש, וואָס מיט דעם קאַלטן מענשליכן שכל קאָן מען עס ניט באַנעמען.

מיר זיינען געפאָרן אויפן שיף קיין ארץ־ישראל און צוריק מיט דעם באַרימטן פּסיכיאַטאָר דר. וועקסלער. האָט ער, ריידנדיק מיט מיר און מיט מר. שאַפּיראָ וועגן ארץ־ישראל בכלל און די קבוצות בפרט, באמערקט:

„נאָר משוגעים האָבן אָט די וואונדער געקאָנט באוויזן... נאָרמאַלע מענטשן, מענטשן וואָס זיינען ביים זינען וואָלטן ניט געווען איינגעגאַנגען אויף אזעלכע מוראדיקע קרבנות".

און דער וואוילער דאָקטאָר האָט צוגעגעבן, ווי פילנדיק זיך אליין שאָקירט פון זיין מאָדנער דיאַגנאָזע:

„דאָס איז א געטליכע משוגעת, וואָס נאָר מיט איר קאָן מען אויפבויען נייע וועלטן אויף טויזנט־יעריקע וויסטעניש... זאָל אָט די „משוגעת" אָנהאַלטן נאָך צען יאָר, וועט ארץ־ישראל זיין אונ־דזערע".

און זיצנדיק א שבת־פאַרנאַכט ביי אוסישקינען אין הויז, ניט אוסישקין צו מיר א זאָג:

„זייט איר שוין געווען אין מיין עמק?"

און ביי די ווערטער „מיין עמק" האָט א מין וווייכער, פּאַטער־

ליכער שטאָלץ זיך אויסגעגאָסן אויף זיין ענערגישן שארפשטריכיקן פּנים.

„איר געדענקט די ציוניסטישע קאָנווענשאָן אין קליוולאנד?” האָט אוסישקין מיך דערמאָנט. „איך בין דעמאָלט געקומען מיט מיין פּלאַן אויסצולייזן דעם „עמק” פון אראבישע הענט. איז מען ארויסגעטראָטן געגן מיר, אָנגערופן מיין פּלאַן „אוואנטורע”... איך האָב אָבער מיינס געטאָן — און דער „עמק” איז אונדזערער.”

און נאָך עפּעס האָט אוסישקין מיר דערציילט: געגן אָפּקויפן דעם „עמק” איז אויך ארויסגעטראָטן ביים אקציאָנס־קאָמיטעט דער אמאָליג־באקאנטער דע־לימא. דע־לימאַ איז אַן ערנסטער מענטש, א פּאָרשער פון אַגראַר־פראַגן. האָט ער גענומען באַווייזן „על פּי דאַוויד ריקאָרדאָ”, אַז דער פּלאַן טויג ניט, וואָרים ווי דאַוויד ריקאַרדאָ באַווייזט אין זיינעם א בוך, אין קאַפּיטל אזא און אזא, „מוז באָדן ווערן ביליקער” ובכן דארף מען פּאָלגן דעם גרויסן געלערטן ריקאַרדאָ (וועלכער איז, אגב, שוין לאנג אויפן עולם האמת) און ניט קויפן קיין באָדן, נאָר וואַרטן...

אוסישקין האָט אים אויסגעהערט און געענטפערט מיט א שמייכל :

„דער הער דע־לימא איז זיכער א געלערנטער מענטש, און ריקאַרדאָ איז זיכער געווען א גרויסער וויסנשאַפטסמאַן: די צרה איז נאָר, וואָס די אראַבישע עפענדים האָבן ניט געלייענט ריקאַרדאָן. זיי רייסן וואָס א יאָר אַלץ העכערע פּרייזן פאַר באָדן, מוז מען דערפאַר קויפן וואָס גיכער...”

דער ענטפער איז געווען גענוג.

„און ווי איר זעט”, האָט אוסישקין פאַרענדיקט, „איז דער עמק אין אונדזערע הענט...”

א מאָדנער איד, דער מנחם מענדיל אוסישקין, וועמעס זיבעציק־יעריקן יובליי ארץ־ישראל און אנדערע לענדער האָבן לעצטנס געפּראַוועט מיט גרויס פייערליכקייט.

חלוצים

די נשמה פון די ארבעטער קבוצות אין ארץ ישראל

ווען מ׳קומט אין א קבוצה אין עמק יזרעאל, וואָס זעט מען פאר זיך? א קאָלאָניע, א גרויסע, ווי עין־חרוד, וואו עס ארבעטן עטלעכע הונדערט מענטשן אָדער א קליינע קאָלאָניע ווי תל־יוסף, וואו עס געפינען זיך ניט מער ווי עטלעכע צענדליק חלוצים.

און די מענטשן ארבעטן אין פעלדער און פרדסים: עס אר־בעטן אלע, — די מענער, פרויען און די עלטערע קינדער. און מ׳זעט קאָמונאַלע אינסטיטוציעס: שולעס, קיכן, א „בית־העם" און אויך קאָמונאַלע הייזער. פאַרהייראַטע לעבן באַזונדער, אין איי־נעם אָדער צוויי חדרימלעך. ניט־פאַרהייראַטע לעבן באַזונדער, א סך האָבן באַזונדערע חדרימלעך, אַנדערע לעבן צו צווייִ, דריי אָדער פיר אין איין גרויסן צימער.

אין א סך קבוצות ווערן די קינדער דערצויגן פון כלל. זיי עסן, לערנען, שלאָפן אין באַזונדערע קינדער־היימען אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעלע לערער און דערציער. דאָס גיט א מעג־לעכקייט די עלטערן, איבערהויפּט די מאַמעס, צו קאָנען אָנגיין אומגעשטערט מיט זייער ארבעט אין דער קבוצה.

דער גאַנצער לעבן פון די קבוצהניקעס איז אויף אַזאַ אופן א קאָמונאַלער, א שותפותדיקער, ניטאָ קיין „מיינס" און „דיינס", ניטאָ קיין פּריוואַט־אייגנטום. אלע זיינען גלייכע שותפים אין דער ארבעט און אין די פּרוכט, וואָס די ארבעט ברענגט.

די ערד אויף וועלכער מ׳ארבעט באַלאַנגט ניט צו דער קבוצה, זי איז דאָס אייגנטום פון קרן־קימת, דאָס הייסט פון אידישן פאָלק. אַזוי לאַנג ווי דער קבוצהניק ארבעט אויף דער ערד איז דאָס זיינע, ער קאָן ארבעטן א יאָר, צען אָדער א לעבן־לאַנג. אויב אָבער דער קבוצהניק באַשליסט צו פאַרלאָזן די קבוצה, ווערט די ערד צוריק דאָס אייגנטום פון נאַציאָנאַל־פאָנד. עס מאַכט ניט אוים ווי לאַנג ער האָט דעם באָדן באַארבעט.

האָט איר דאָ אין פּשוטע ווערטער, וואָס א קבוצה איז, וואָס די ארבעטער־קאָלאָניעס אין „עמק" שטעלן מיט זיך פאָר, ווי זייער לעבן איז איינגעאָרדנט און אויף וועלכן אופן זיי פירן זיך.

וואָס איז אָבער די נשמה, וואָס האלט אויף די קבוצות? וואָס זיינען די אידעאלן, וואָס באלעבן זיי און גיבן זיי זייער איינציק־ארטיקן כאראקטער צווישן די אגריקולטורעלע ישובים אין אונדזער לאַנד?

כדי צו פארשטיין דאָס, דאַרף מען זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די קאָמונאַלע ארבעטער־קבוצים און מיט דעם כאַראַקטער פון די מענטשן, וואָס האָבן זיי געגרינדעט.

מ'דאַרף גיין צוריק צום „הפּועל־הצעיר", שפּעטער צום „גדוד העבודה", וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט א האלב יאָר נאָך טרומפּעל־דאָרס טראַגישן מאַרטירער־טויט, און צו דער גאנצער באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צו באַשאַפן צווישן די זאמדן און די וויס־טענישן פון ארץ־ישראל, ישובים, וואָס זאָלן אין זיך פאַרקערפּערן די העכסטע אידעאַלן פון פרייהייט און גלייכהייט. ישובים, וואָס זאָלן זיין געבויט אויף די ליכטיקע פּרינציפּן פון גלייכער ארבעט־פאַרטיילונג און שותּפותדיקן צוזאַמענלעבן.

זאָגן די קעגנער פון די קבוצות: די חלוצים, וואָס האָבן זיי באַשאַפן האָבן ניט געהאַט אין זין דעם אויפבוי פון דער אידישער היימלאַנד, דעם אידעאַל פון א אידישער מאַיאָריטעט און א אידישן שטאַט, נאָר סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן. די באַשאַפונג פון א פרייער ארבעטער־געזעלשאַפט.

זאָגן אויך די קעגנער פון די קבוצות: די קבוצות זיינען א געמיש פון גאָרדאָניסטישן טאָלסטאָיאיזם און הסתדרותדיקן מאַרקסיזם, און צוליב דעם און אנדערע טעמים זיינען זיי קודם כל ניט פראַקטיש נאָר אפילו ניט נאַציאָנאַל.

וויל איך זיך דאָ ניט ארייַנלאָזן אין פּאָלעמיק און גריבלען זיך אין די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע כונות פון די קבוצות. איך דערצייל נאָר, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען, און געזען האָב איך, אז די קבוצות זיינען די ליכטיקסטע סאָציאַל־נאַציאָנאַלע שאַפונג אין ארץ־ישראל. און געזען האָב איך אויך, אז די מענטשן אין

די קבוצות, וואָס זייערע מאָטיוון זאָלן ניט זיין, גיבן אוועק זייער לעבן פאַר אונדזער לאַנד.

* * *

געגנאַרי פון עין חרוד באַמערקט וועגן אָט דער קבוצה, איינע פון די גרעסטע אין „עמק".

„יעדער טוריסט, וואָס קומט אין עין חרוד און זעט אירע דריי הונדערט און פופציק מיטגלידער ווי זיי זיצן אַרום דעם טיש אין דעם קאָמונאַלן עס־צימער, און ווי דערנאָך הויבן זיי זיך אויף אײנ־דערפרי און גייען אוועק יעדער צו זיין אַרבעט, וואונדערט ער זיך און פרעגט: וואָס באַטייט דאָס?

„אין די געוויינלעכע קאָלאָניעס זעט מען ניט אַזאַ זאַך. דאָרט אַרבעטן אויך מענטשן שווער און פראַצעווען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. זיי טוען עס אָבער, ווייל דער הונגער טרייבט זיי אַרויס פון די הייזער. זיי זיינען געצוואונגען צו פאַרדינגען זייערע כוחות צו אַנדערע, צו זיין אונטערוואָרפן צו אַ בעל־הבית. מען אַרבעט קעגן אייגענעם ווילן. מען עסט דאָס שטיקל ברויט מיטן שווייס פון אייגענעם פּנים.

„און ווען אפילו איינער באַאַרבעט דאָס אייגענע שטיקל ערד, טוט ער דאָס דאָך פאַר זיך אַליין, פאַר זיך זייט ער, פאַר זיך שניידט ער, און אַלץ, וואָס ער טוט איז — פאַר זיך אַליין.

„דאָ אָבער, אין דער קבוצה, ווער און וואָס צווינגט דעם מענטשן אוועקצוגעבן זיינע בעסטע כחות, זיין גייסט און נשמה? ער טוט עס דאָך ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַרן כלל, פאַר אַ „כלל", וואָס איז פאַרהוילן, ווען ער זעט ניט פאַר די אויגן."

איז פאַר וועמען אַרבעטן טאַקע די מענטשן אין עין חרוד און אין אַנדערע קבוצות? ענטפערט אויף דעם געגנאַרי:

„ניט נאָר צוואַנג און ניט נאָר הונגער אַליין געוועלטיקן אי־בער דעם מענטשן. עס איז פאַראַן אַ באַהאַלטענער און פאַרהוילע־נער מלאך אין געשטאַלט פון שאַפונגס־כח און שאַפונגס־פאַרלאַנ־גען, וואָס טרייבן דעם מענטשן און יאָגן אים: — אַרבעט און שאַף!"

און אַט דעם שאַפונגס־כח און אַט די שאַפונגס־פאַרלאַנגען זעט מען אין עין חרוד און אין די אנדערע קבוצות.

זיי זיינען עם די נשמה פון די קבוצות.

אין פרימאָרגן פון „גדוד העבודה", וועמעס מיטגלידער האָבן זיך אוועקגעלאָזן אין די מאַלאַריע־זומפּן און אויפגעבויט די היינטיקע בליענדיקע קבוצות, האָט איינער פון די חברים זיך אויסגעדריקט:

„אין דעם מדבר פון היינטיקן לעבן, וואָס איז געבויט אויף פּריוואַט־אייגנטום, ווילן מיר באַשאַפן אַ קליינעם אינזל פון אַ פרייער, אַרבעטנדער געזעלשאַפט. אַ געזעלשאַפט, וואָס ווייסט ניט פון עקספּלואַטאַציע. ניט פאַר יחידי סגולה, נאָר פאַר יעדן פּשוטן מענטשן, וואָס וויל אַרבעטן מיט די אייגענע הענט אינאיינעם מיט טויזנטער אַנדערע הענט, וואָס אַרבעטן ווי ער און וואָס באַשאַפן אַלץ, וואָס דער מענטש דאַרף האָבן פאַר זיין אייגענער עקזיסטענץ."

אַן אַנדער חבר פון גדוד העבודה האָט אויסגעדריקט נאָך שענער און קרעפטיקער די אידעאַלן אויף וועלכע די קבוצות האָבן זיך געגרינדעט:

„איך גלויב", האָט ער געזאָגט: „אַז אַט די יוגנט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין די גלות־לענדער דורך אַ ים פון בלוט און טרערן, און האָט געזען מיט די אייגענע אויגן דעם אָפּגרונט פאַר וועלכן דאָס פאָלק געפינט זיך, און וואָס איז געקומען צו די ברעגן פון אונדזער היימלאַנד און אַ פונק טליעט נאָך אין זייערע נשמות, אַז אַט די יוגנט וועט בויען מיט געטריישאַפט דעם בנין פון פאָלק.

„און ווען זיי וועלן קומען לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דעם בנין האָבן זיי נאָר איין וועג — פאַנאַנדערטיילן צווישן זיך אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן און זיין גלייך פאַר גאָט און פאַר לייט.

„איך גלויב, אַז מיר וועלן קאָנען איבערטראָגן און דורכליידן אַלע שוועריקייטן און ביטערקייטן אויף וועלכע מ'שטויסט זיך אָן אין אַ שותפותדיקן לעבן.

„איך גלויב אין אַנדערע, ווייל — איך גלויב אין זיך אַליין."

האָט איר אין דעם דאָזיקן גלויבן די נשמה פון די קבוצות.

די גרינדער האָבן זיך ניט געלייגט קיין פייגעלעך אין בוזים. מיט זייער גאַנצן לופטיקן אידעאַליזם זיינען זיי אויך געווען ניכ־טערע מענטשן. זיי האָבן געוואוסט, אז דאָס שותפותדיקע לעבן צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט, די פרייע, ארבעטנדע געזעלשאַפט, וואָס זיי האָבן געוואָלט אויפשטעלן צווישן נאַקעטע שטיינער און וויסט־פאַרלאָזענע ערד, פאַרמאָגט א סך שוועריקייטן און ביטער־קייטן.

א סך האָבן טאַקע ניט אויסגעהאַלטן און אוועק פון די קבוצות. זיי זיינען פשוט ניט געווען מסוגל פאַר דעם שותפותדיקן לעבן. דער „יצר הרע" פון פּריוואַט־אייגנטום, פון לעבן פאַר זיך אליין און ארבעטן פאַר דער אייגענער צוקונפט און ניט פאַר דעם אַב־סטראַקטן, פאַרהוילענעם „כלל", האָט גובר געווען זייער אידעאַ־ליזם זיינען זיי אוועק אין פּריוואַטע קאָלאָניעס און אין די שטעט.

חוץ דעם זיינען אין די קבוצות אָנגעגאַנגען א געוויסע צייט רייסערייען און מחלוקתן צוליב פאַרשיידענע טעאָריעס און אידעאָ־לאָגישע אויסטייטשונגען. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין דעם גאַנצן וועג פון סאָציאַלע עקספּערימענטן, זיי האָבן געטענהט, אז אין א צייט, ווען דאָס פאָלק גייט אָפּ מיט בלוט, טאָר מען זיך ניט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס.

און עס זיינען פאָרגעקומען מחלוקת צוליב דער קינדער־דער־ציאונג און אנדערע פראַגן.

דער רוב חלוצים האָט אָבער אויסגעהאַלטן דעם נסיון. זיי זיינען אויסגעשטאַנען הונגער, נויט, קאַמף מיט מאַלאַריע, קאַמף מיטן קלימאַט, קאַמף מיט די אַראַבער און זיי שניידן היינט מיט פרייד דאָס, וואָס זיי האָבן מיט טרערן פאַרזייט.

* * *

קומט מען אין די קבוצות זעט מען דאָס אידעאַלע, שותפות־דיקע לעבן אומעטום, מ'זעט עס ביי דער ארבעט, ביים שפּילן און פאַרוויילן. מ'זעט עס ביי די עלטערע און נאָך מער ביי די קינדער.

געָנארי פון עין חרוד זאָגט:

„ווען מ'פרעגט ביי אונדז: אין וואָס באַשטייט די פאַרזי־כערונג פאַר דעם, וואָס איר האָט אויפגעבויט און וואָס זיינען די

פונדאמענטן אויף וועלכע איהר בויט? און אונדזער ענטפער איז:

„דער קומענדיקער דור!"

עס איז די גרויסע האָפנונג, אז דער יונגער דור, וואָס וואקסט איצט אין די קבוצות, די אינגעלעך און מיידעלעך, וואָס איך האָב געזען אין די וויגעלעך, אין די שולעס, שפּילנדיק זיך אויפן הויף, און די גרעסערע, וואָס גייען שוין זייט ביי זייט מיט די טאַטעס נאָכן אקער, אז זיי וועלן גיין אויף דעם וועג, וואָס די עלטערע האָבן פאר זיי אויסגעטראָטן, און אז זיי וועלן דעם וועג אויס־ברייטערן און פארשענערן פאר די, וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

האָט איר דאָ ווידער אמאָל די נשמה פון די קבוצות.

פון וויגל ווערן די קינדער שוין דערצויגן צו א שותפותדיקן לעבן.

פון וויגל פלאַנצט מען שוין איין ביי זיי דעם געפיל פון אחריות פון דעם יחיד פארן כלל. זיי שלאָפן אין איין הויז, זיי עסן אינ־איינעם, זיי שפּילן זיך אינאיינעם. ווען זיי ווערן עלטער ארבעטן זיי אינאיינעם, און אלץ, וואָס זיי טוען, זייער גאנצער לעבן פון קינדוווייז אָן איז אזוי געריכטעט און געווענדט, אז דער געדאנק פון א פרייער, שאַפערישער עקזיסטענץ, פון אן עקזיסטענץ, וואו דער כלל איז דער צענטער פון אלעמען, דער כלל, וואָס הייסט קודם־כל דאָס אייגענע לאנד, דרינגט אריין אין זייער בלוט און עסט זיך איין אין זייער מארך.

דאָס קינד זויגט איין אין זיך די ליבע צום לאנד, וואָס רינגלט אים ארום; צו די בערג, פעלדער און פרדסים, וואָס ער דערזעט פאר זיך, ווען ער עפנט צום ערשטן מאָל זיינע אויגן אויף דער וועלט.

און ער זאַפּט איין אין זיך אויך א ליבע צו ארבעט אויף די בערג, פעלדער און פרדסים, וואָס רינגלען אים ארום.

אזוי ווען ער איז נאָך אין וויגל, שפּעטער אין „גן", אין קינ־דער־גאָרטן, דערנאָך אין שולע, דערנאָך ביי דער רויער, הארטער ארבעט.

איינמאָל אין יאָר פירט מען אריבער די קינדער פון „קינדער־

גאָרטן" אין בית ספר. ווערט עס באַגלייט מיט א פייערלעכער צערעמאָניע. די קינדערלעך, אינגלעך און מיידלעך, לאָזן זיך אַרונ־טער מיט אומזיכערע פיסלעך און ציטערנדיקע הענטלעך פון די טרעפּ פון דער „קינדער־היים" צום „בית־ספר", וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט הויף פון דער קבוצה. די עלטערע תלמידים און די עלטערן זיינען שוין פאַרזאַמלט און וואַרטן, אויך אויפגע־רעגטע, מיט א ציטער פון פרייד אין די הערצער, אויף די קינ־דערלעך.

אינמיטן הויף ברענט א סטורקאַטש, אַרום דעם פייער נעמען זיך שאַפן טאַנצנדיקע קאַראַהאָדן. די עלטערן טאַנצן מיט זייערע קינדערלעך אויף די אַקסלען, אינאיינעם מיט די לערער און אויס־פאַסער. — זיי טאַנצן און זינגען:

ונזכה לראות בנים
בנים ובני בנים,
עוסקים בתורה ובעבודה.

וואָרים, ווי איך האָב שוין באַמערקט: אין די קבוצות גייט תורה און עבודה האַנט אין האַנט. די תורה איז אפשר נים צום האַרצן אונדזערע פרומע, עס איז אבער תורה, וואָס שטראָמט פון אונדזערע אַלטע, אייביק־נייע קוואַלן, — די תורה פון אַרבעט.

און היינט עבודה, אַרבעט, שאַפן, וואָס דערהויבט און הייליקט דעם מענטשן, וואָס דערהויבט און הייליקט אונדזער לאַנד. האָט איר ווידער אַמאָל די נשמה פון די קבוצות.

מיט די קינדערלעך און עלטערן אין אן ארבעטער קאָלאָניע

גבע. עין חרוד. תל יוסף. כפר יחזקאל. דימענטן אין דער קרוין פון „עמק", וואָס פינקלען און גיסן זיך איבער אין אלע שטראַלן פון רעגנבויגן איבער דער בליענדיקער רחבות פון די באַארבעטע פעלדער און פּרדסים.

שטייען שוין ביי די זייטן פון די וועגן איילבירטן־ביימלעך אין פולן גרינם מיט א דינעם זילבער־לעש פאַרצויגן. ציטערט אויך אין דער לופט דער יונגער ווייסער צוויט אויף די מאנדל־ביימלעך. זיי זעען אויס פון ווייטן ווי א שטויביקער שניי־פוך וואָלט זיך אויף זיי ארונטערגעלאָזן. א שטויביקער שניי־פוך אונטער א בליאסקען־דיקער זון און א הימל אזא טיפן און ווייטן און דאָך אזא נידריקן, ווי מיט דער האנט צו דערלאַנגען.

און קיין וואָלקן־פלעק אויף אָט דעם דאַזיקן וואונדערלעכן הימל פון אונדזער לאַנד. א בורשטינערנע, דורכזיכטיקע לויטער־קייט און ניט מער. קיין וואָלקענדל, אפילו ניט אזוי קליין ווי א קינדערש הענטל. לויטער דער הימל איבער אונדזער קאָפּ און לויטער די לופט ארום אונדז.

גבע. עין חרוד. תל יוסף. כפר יחזקאל.

פאַראַן נאָך קבוצות. זיי זינגען אין א גאָלדענער קייט ציען זיי זיך דורכן „עמק". זיינען מיר אָבער ניט אין אלע געוועזן. די צייט, וואָס איז אויף אַן אָרט ניט געשטאַנען, האָט עס אונדז ניט דערלויבט. און ס'האָט זיך אזוי געוואָלט, אז די שעהן, וואָס זיינען אזוי פאַרדאַמט־שנעל געלאָפן, זאָלן זיך אין אַן אייביקייט אויס־ציען. לויפט אָבער די צייט מיט דער בליציקייט פון דעם שטראָם, וואָס רייסט זיך ארוים פון די שפּאַלטן פון די הרי הגלבוע, ניט ווייט צווישן גבע און עין חרוד.

אין גבע נעמט אונדז אויף קאָלער. ער איז דער איינ־ציקער, וואָס האָט צייט בייטאָג. ס'איז גראָד זיין אָטשערעד צו

האַלטן די שמירה ביינאַכט. די אַנדערע זיינען פאַרנומען אין די פעלדער און פּרדסים.

קאַלער איז אַן אַלטער ארבעטער - טוער, אָבער ער איז נאָך א יונגער מענטש, הויך־געוויקסיק, מיט א פריינדלעך, שמייכ־לענדיק פּנים. ניט לאַנג צוריק איז ער געוועזן אין אַמעריקע צוליב עפּעס א מיסיע פון דער הסתדרות. ער קען אונדזער מדינה און פילט זיך היימיש מיט אונדז.

ער פירט אונדז אריין אין די צוויי חדרימלעך, וואָס ער און זיין פרוי פאַרנעמען אין דעם לאַנגן, שותפותדיקן בנין. זיין פרוי, א קרעפטיק ווייבל מיט א קיילעכדיק פּנים און וואוילע אויגן, באַ־געגנט אונדז. מיר טרעפן זי אביסל שפּעטער אין דער קיך פון דער קבוצה ביי דעם ברענענדיקן אויוון, אויף וועלכן עס שטייען צוויי ריזיקע בייכיקע טעפּ. זי איז די קוכערין ביי דער קבוצה. ס׳איז איר אָטשערעד. ווען איר צייט וועט זיך ענדיקן, וועט אַן אַנדערע איבערנעמען די ארבעט. אין דעם גרויסן טאָפּ, דערקלערט זי אונדז, קאָכט זיך די וועטשערע פאַר די ארבעטער, וואָס וועלן פאַרנאַכט זיך אריינלאָזן פון די פעלדער און פּרדסים ווי הונגעריקע וועלף. אין דעם קלענערן קאָכט זיך א ספּעציעלע זופּ פאַר די קינדערלעך.

די קינדערלעך זיינען די ערשטע און זיי קריגן דאָס בעסטע. א ל ץ איז פאַר זיי: די בעסטע זופּ, דאָס פרישסטע פלייש, מילך, אייער. זיי דאַרפן אויסוואַקסן געזונטע, קרעפטיקע, מיט בלוט און מילך אין די בעקלעך.

אזוי איז געווען אין די צייטן, ווען די עלטערן האָבן אליין געהונגערט און געפּיבערט, ווען מען האָט דאָס אָפּגעקאָכטע וואַסער צעפּירט מיט אביסל אויל און גערופן עס זופּ, ווען מ׳האָט קיין שטיקל פלייש אין די אויגן ניט אָנגעקוקט, און ווען א גלאָז מילך איז געווען ווי א פלאַש שאַמפּאַניער. אפילו דעמאָלט האָט גאָר ניט געפעלט די קינדערלעך. פאַר זיי האָט מען מיט די נעגל פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבן מילך, פּוטער, זופּ פון א הון. א פּשיטא היינט, ווען עס לעבט זיך בעסער, ווען פּעטע קי מיט פולע אייטערס שטייען אין די שטאַלן, און מחנות עופות לויפן אום אין דעם אָפּגעצאַמטן אָרט אין גאָרטן, און אפילו אַן אינדיק מיט פייערדיק־

רויטע קרעלן ארום האלז שפאנט ארום מעשה יוסטער בעל־הבית און שרייט האָלדער־האָלדער!

קאָלער פירט אונדז ווייזן די פּאראַכוויע פון גבע.

„אָט דאָס זיינען אונדזערע פעלדער", ווייזט ער אונדז אויף א גרין־אויפגייענדיקן, געקעסטעלטן שטח, וואָס לויפט אוועק ביז די פיס פון די גלבוע־בערג. דאָס גרינס שמעלצט זיך צונויף אין פיאָ־לעט־בלוי מיט דעם שאָטן, וואָס ליגט זיך אין א משופּעדיקן פּאַס פון די בערג.

א קאָלאָניסט גייט נאָך אן אַקער. ביי זיין זייט שפּאנט א אינגל אין א ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוש. דער פּאָטער דער־קלערט אים עפּעס. איז אים מחנך ניט נאָר לתורה, נאָר אויך לעבודה. תורה און עבודה גייען האַנט־אין־האַנט אין די קבוצות, ווי מען זינגט אין די אָווענטן, ווען די עלטערן און די קינדער פאַרזאַמלען זיך אין „בית עם" אָדער אין דער שולע, צי אין קינ־דער־אוידיטאָריום:

> ונזכה לראות בנים,
> בנים ובני בנים,
> עוסקים בתורה ובעבודה.

די עלטערן אין ארץ־ישראל, איבערהויפּט אין די קבוצות, האָבן עס שוין זוכה געווען...

א בחור פּאָרט אריין אין הויף צווישן די צוויי שורות פּאַלמען־בוימער מיט א וואָגן חציר (אַלפּאַלפּא). דאָס גראָז איז אָנגעליינט הויך ווי א באַרג. זיצט זיך דער בחור אויף דעם גרינעם באַרג ווי א מלך אויף א טראָן און ציט נאָכלעסיק די לייצען פון די געפּאַקטע פערדלעך.

א מיידל מיט א פאַרבונדענער פאַטשיילע ארום די האָר, ווי א טורבאַן, און אין ניקערס, גייט אונדז פאַרביי מיט צוויי פולע עמערס מילך. זי קוקט זיך אפילו אויף אונדז ניט אום, וואָרים זי האָט קיין צייט ניט אויף אזעלכע נאַרישקייטן, ווי באַטראַכטן פרעמדע, נייגעריקע מענטשן. זי איז הויך און דין, און די פיסלעך אין די ניקערס — ווי א טאָקער וואָלט זיי מיט באַזונדערער ליבע

אויסגעשניצט. אויף איין האַנט טראָגט זי אַ גאָלדן זייגערל. האַר־מאָנירט עפּעס ניט דאָס דאָזיקע גאָלדענע זייגערל, וואָס טראָגט אין זיך דעם הויך פון שטאָט און שיק, מיט די צוויי עמערס מילך.

„אַ דייטשקע", דערקלערט מיר מר. קאָלער, ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט מיין געדאַנק.

פאַראַן אין גבע אַ צענדליק דייטשע איינגעוואַנדערטע, יונגע־לייט און מיידלעך. מיר האָבן זיי באַגעגענט אין יעדער קבוצה. אין עין חרוד אַליין זיינען פאַראַן גאַנצע זיבעציק. יעדע קבוצה, אפילו די קלענסטע, האָט גענומען אויף זיך צו געבן אַרבעט, צום ווינציקסטן, צו צען דייטשע איינוואַנדערטע.

אין עין חרוד, אין דגניה האָט מען שוין פאַר זיי ספּעציעלע הייזער געבויט, דערווייל פון האָלץ, אָבער גוט איינגעאָרדנט. די, וואָס האָבן די קבוצות געבויט, האָבן אין ערגערע הייזער געוואוינט. מען איז אָפּטמאָל געשלאָפן אויף דער פּייכטער, נאַקעטער ערד, מיט אַן אויפגעשטעלטער ראָגאָזשע אָדער צונויפגענייטע זעק איבערן קאָפּ.

אין אַנדערע קבוצות האָט מען דערווייל אויפגעשטעלט מילי־טערישע ביידלעך. איז עס אויך ניט שלעכט. מען שלאָפט אין זיי רואיקער און געזינטער, ווי אונטער דעם קאַשמאַר פון היטלער־לאַנד.

פאַר די דייטשע קינדער, וועמען הענריעטאַ סזאָלד האָט אַרי־בערגעבראַכט מיט אַזויפיל וואונדערליכער מסירת־נפש, האָט מען אויפגעבויט ספּעציעלע היימען. פאַראַן שוין אַ זיבעציק אין עין חרוד. די זיינען געבראַכט געוואָרן אַהין, ווען מיר זיינען געווען אין ארץ־ישראל. מ'האָט דערוואַרט אַ זעקס הונדערט, וועלכע וועלן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן די קבוצות און קאָלאָניעס.

* * *

פירט אונז קאָלער ווייזן, וואָס גבע פאַרמאָגט. אָט זיינען מיר אין „בית הילדים". אַ פופציק קינדערלעך געפינען זיך דאָרטן. זיי פאַרברענגען דאָרט אַ גאַנצן טאָג און אויך די נעכט.

די עלטערן זיינען באַפרייט פון אָפּגעבן זיך מיט זיי. די קבוצה דערציט זיי, פּאַסט אויף זיי אויף בייטאָג און ביינאַכט. מ'ווייסט

דאָ ניט פון דעם „צער גדול בנים". ניט אָבער אין אַלע קבוצות איז אזוי. פאַראַן קבוצות, וואו די עלטערן ווילן זיך ניט שיידן מיט די קינדער ביינאכט. לאָזט מען זיי.

אין איין צימער זיינען קינדערלעך, די גאָר יונגינקע, געשלאָפן אין זויבערע בעטלעך. דאָס האָבן זיי געהאַט זייער בייטאָגיקע רו. א מיידל אין א ווייס קלייד איז אומגעגאנגען אין קאָרידאָר אויף די שפּיץ־פינגער און געכאַפּט אַלע ווייל א קוק אינעווייניק. אין א צווייטן צימער זיינען קינדערלעך געווען אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און געשפּילט זיך, ווי קינדער אין דער גאַנצער וועלט, מיט כל־ערליי שפּילצייג.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען, האָט אונדז באַגעגנט א מיטל־וואוקסיק, פּלאָמפּ, שווארץ־אויגיק מיידל. „אונדזער גננת נחמה", האָט קאַלער זי אונדז פאָרגעשטעלט. האָט זיך די גננת נחמה צערויטלט, און די קליינע אויערלעך אירע האָבן זיך אזש אָנגע־צונדן.

די קינדערלעך, שווארץ־לאָקיגע, בלאָנד־קעפּיקע אינגעלעך און מיידעלעך, האָבן אונדז ארומגערינגלט.

„מי הוא זה?" — האָט א פרעג געטאָן א קוטשעראַוועր ווייסער חברהניק, מיט א חנעוודיק פאַררײסן נעזל, און אָנגעוויזן מיטן פינ־גער אויף מיר.

„דוד מאמעריקע", האָט באַזיליאַנסקי דערקלערט דעם נייגע־ריקן קונדס.

„וזה?" — האָט ער אויסגעשטעלט דאָס פינגערל אויף מר. שאַפּיראָ.

„גם כן דוד מאמעריקע."

„ואתה גם כן דוד מאמעריקע?" — האָט ער אָנגעשטעלט די לויפנדיקע אויגעלעך אויף באַזיליאַנסקין.

„לא, אני דוד מירושלים..." — האָט ער אים דערקלערט.

האָט מען גענומען טאַנצן ארום אונדז אין א קאַראַהאָד און שרייען, צופּאַטשענדיק מיט די הענטעלעך:

דוד מאמעריקע !
דוד מאמעריקע !
דוד מירושלים !

* * *

קאַלער ווייזט אונדז די שטאַלן מיט די פּולאייטערדיקע קי. דער בוהאַי, וואָס שטייט אין א זייט, אָפּגעצאַמט, איז א קרעפּ־טיקער זכר. ער שנאָרכט מיט די נאָזלעכער, אזש א פּאַרע נעמט זעצן איבער אים. ער באַוועגט זיך אומרואיק. ציטערן אויף די לייבער ביי די קי יעדעס מאָל, ווען ער גיט א שנאָרך אָדער מאכט א באַוועגונג. זיי נעמען דרייען מיט די קעפּ, פּאַטשן מיט די וויידלען, געפינען זיך קיין אָרט ניט. רייסן איבער אויף א ווייל דאָס עסן פון די הילצערנע זשאָלאָבעס און קוקן אויף אים מיט פאַר־לאָפענע אויגן.

און אָט איז דער „לול", וואו מען האַלט די עופות, די „אינ־קובייטאָרס", וואו ציפּליאַטעס, געל־פעדערדיקע, וואָס האָבן זיך נאַר־וואָס אויסגעפּיקט פון די אייעלעך, פּילן אָן די לופט מיט זייער פּישטשען און קלייבן אויף די קערנדלעך אָדער זופּן מיט די שנאָ־בעלעך די זויערמילך פון די אויסגעשטעלטע שיסלען.

די וואוילע פרוי קאַלער שטייט צו אונדז צו, אז מיר זאָלן עפּעס עסן, איידער מיר פאָרן ווייטער. נעמט מען אונדז אריין אין קבוצהשן שפּייז־צימער, וואו לאַנגע טישן און בענק זיינען אויס־געשטעלט, אין א ווינקל א שאַפע ביכער. א אינגל זיצט ביי א פענסטער, לייענט „אָנקעל טאָמס קעבין" אין א העברעאישער אי־בערזעצונג. ער לייענט, איינגראָבנדיק די הענט אין צעשויבערטן קאָפּ. ער איז ניט קיין דאַאיקער. ער איז איצט אויף די באַוועל־פּלאַנטאַציעס אין דער אמעריקאנער סאוט. ער לעבט מיט די ביזד בלוט־פאַרשמיסענע נעגערס.

ס'וואַקסט אויס אויפן טיש : א טעלער צעשניטענע הערינג, א שיסל מיט אָפּגעקאָכטע אייער, א וויסער קרוג הייסע מילך און א צווייטער מיט קאַווע. און ברויט, היימיש געבאַקן, פון א געלב־לעכן קאָליר, וואָס עסט זיך ווי געשמאַקער לעקעך.

ביי אַן אנדער טיש זיצט אַן עלטערער איד מיט א פיינער באָרד

און לייענט דעם „דבר״. א צווייטער איד, אויך שוין אין די יאָרן, טראָגט אריין האָלץ. פרעגן מיר ביי קאָלערן ווער זיי זיינען, „טאַטעס פון חלוצים, וועמען די קינדער האָבן אריבערגעבראַכט פון פוילן״, גיט ער א זאָג.

מיר האָבן אויך אין אנדערע קבוצים און קאָלאָניעס געטראָפן א סך עלטערן, וועמען די קינדער האָבן געבראַכט קיין ארץ־ישראל.

ס׳חזרט זיך איבער אין ארץ־ישראל „מעשי אמעריקע״ אין די איינוואַנדערונגס־יאָרן. קינדער שיקן שיפסקאַרטן און געלט צו זייערע עלטערן אין פוילן, רומעניע, ליטע און רוסלאַנד. די עלטערן בענקען די שעה פון זייער קומען. זיי פּאַסן זיך גיך אריין אין דעם קבוצה־לעבן, זיי טוען ארבעט ווי ווייט די אלטע כוחות טראָגן; פילן זיך גליקלעך.

פון וואַנען נעמט מען געלט אויף ברענגען עלטערן? פון דער קבוצה־קאַסע. איז דאָך יעדער א שותף אין דעם קבוצה־פאַר־מעגן. קומט יעדער צו דער קבוצה־קאַסע ווי צו דער אייגענער קע־שענע.

חלוצים קומען פון דער ארבעט

דאָס קאָכיקע לעבן אין דער גרעסטער קבוצה אין עמק

דער וועג צו עין חרוד פירט דורך פעלדער און פּרדסים. עס גייט אָן, וואו דאָס אויג פּאַלט נאָר, אַ קאָכיק לעבן.

אַ מאָטאָר־טראָק מיט פּעסער פּאָרט אונדז פאַרביי און אַ ווייס־גאָלדענער שטויב הויבט זיך אין דער לופט. אין פראָנט זיצן צוויי אידישע בחורים. זיי ענטפערן אויף אונדזער שלום מיט אַ ברייטן האַנט־מאַך און פאַרקירעווען זיך אין אַ זייט.

אַ בחור אויף אַ טראַקטאָר. די רוקנס פון אריבערגעבויגענע מיידלעך איבער פריש־אויפגעאַקערטע בייטן. אַביסל ווייטער, אין אַ זייט, זיינען קאָלאָניסטן פאַרנומען מיט גראָבן אַ ברונעם. די ריזיקע שרויף ווערט געטריבן פון אַן עלעקטרישן מאָטאָר, גראָבט זיך שנעל איין אין דער ערד. עטלעכע יונגע בחורים פאַרלירן זיך צווישן גערשטן־פעלדער. מיר זעען צוזערשט קעפּ, דערנאָך שמייכלענדיקע פּנימער, דערנאָך אַ שטומע האַנט־באַגריסונג.

דאָס אַראַבישע דאָרף „קומי" דערהויבט זיך אויף אַ בערגל. אַ רויך שלענגלט זיך פון אַ ליימיק הייזל. אַן אַראַביש פּאַסטוכל היט די מאָגערע ציגן, וואָס זיינען איבער אַ שטייניק פעלד צעזאָ־סערט. ער שטשירעט אויף אונדז מיט די ציין, מאַכט צו אונדז מיט דער האַנט.

אַן אַראַבערקע זיצט ביי דער זייט פון וועג. זיצט גלאַט אַזוי און קוקט פאַר זיך, ווי אַ מומיע, וואָס מען האָט פון דער ערד אויס־געגראָבן.

אַ איד מיט אַ קוידעריש היטל און אויגן, וואָס נעמען דורך, פירט בלעכענע מילך־קאַנען אויף אַ וואָגן. ער גיט אַ צי די פערד־לעך און מאַכט אַ וועג פאַר אונדזער אויטאָמאָביל. ענטפערט אויך קאַלטלעך אויף אונדזער „שלום", ווען מיר קומען צו נאָענט, ווי מיר וואָלטן אים אין עפּעס געשטערט.

אַן אַראַבער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד, הויבט זיך אויף,

שטרעקט אוים די הענט פאר זיך און פאַלט ווידער צו מיטן פּנים צו דער ערד. דאָס טוט ער תפילה צו אַללאַ און זיין נביא מחמד.

אַן אַראַביש מיידל מיט אַן אויפגעדעקט פּנים, געדיכטע ווי מיט קוילן אונטערגעפּירטע ברעמען איבער די גרויסע, שוואַרצע אויגן, און אַ שוואַרץ חן־פּינטעלע אויף די רונדע בעקלעך, — זי האָט שוין פאַרגעסן אין אַללאַן און זיין נביא מחמד. זי שמייכלט צו אונדז אַרויסרופנדיק.

נאָך אַן אַראַבער זיצט מיט צעשפּרייטע פיס אויף אַ ליידיק פעלד, אין אַן אויסגעקרימטער פּאָזע. ער טוט, וואָס אַלע מענטשן טוען, ווען די „נאַטור" שפּאַרט אָן.

דערציילט אונדז דערביי באַזיליאַנסקי אַ קלוג וואָרט פון חיים ווייצמאַנס ברודער, משה, אַ לערער אין כעמיע אין דער העברעאי־שער אוניווערזיטעט. אַ וואוילער בחור דער דאָזיקער משה ווייצ־מאַן. כ'האָב זיך מיט אים שפּעטער באַקענט אין ירושלים. אין ארץ־ישראל רופט מען אים משהלע. מען קען אים פאַר אַ קלוגן, אַ וויציקן, אַ זינגענדיקן. ער איז גוט־ברודער מיט יעדן און די „נשמה" פון יעדער געזעלשאַפט, וואו ער קומט. כאַראַקטעריזירט משהלע דעם אַראַבער אויף אַזאַ אופן: „דער אונטערשיד פון אַן אינטעליגענטן אַראַבער ביז אַ ניט־אינטעליגענטן באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער טוט זיינע „קליינע הצטרכותן" שטייענ־דיק, דער צווייטער זיצנדיק."

דער זיצנדיקער אַראַבער, וועמען מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג קיין עין חרוד, האָט באַלאַנגט צו די ניט־אינטעליגענטע.

* * *

ריידן די פעלדער און די בערג אַרום עין חרוד וועגן פאַראיי־ביקטע מאָמענטן און אונדזער געשיכטע. דאָרטן האָט גדעון דער־לאַנגט אַ טויט־קלאַפּ צו די מדינים. דאָרטן איז אונדזער ערשטער מלך, שאול, געגאַנגען אין דער לעצטער נאַכט פאַר זיין טראַגישן אומקום פרעגן ביי דער „בעלת אוב" פון עין דור, וואָס זיין סוף וועט זיין. דאָרטן איז ער געפאַלן. ער און זיין זון יונתן. „שאול ויונתן, הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

איבער די אַרומיקע גלבוע־בערג האָט אידיש בלוט זיך גע־

גאָסן. היינט בליט ביי זייערע פיס די קבוצה עין חרוד, און ס׳וויקלט זיך א ליכטיקע שנור פון אנדערע אידישע קבוצות, און עס גייט אויף א יונג אידיש לעבן.

עין חרוד איז די גרעסטע קבוצה אין עמק. דריי הונדערט און פופציק אידישע ארבעטער געפינען זיך אין איר.

פאָרט מען אהין אריין און מ׳דערפילט באלד, אז מ׳איז אין א ישוב מיט א ברייטן פארנעם. א גרויסער הויף, וואָס שפרייט זיך ווי א פעלד, איז ארומגענומען מיט א פארקאן און איבערן פארקאן אקאליפטוס־בוימער און סאָסנעס. און א גאנצע ריי בנינים, פון האָלץ און פון שטיין. הייזער פאר די קאָלאָניסטן. א באזונדערער בנין, וואו ס׳געפינט זיך דער בית־ספר. א בנין פאר דער קאָמו־נאַלער קיך און עס־צימער. א בנין פאר דער קינדער־היים. שטאָלן פאר בהמות און פערד. „לולים״ פאר די עופות. ווערקשטאטן. קוזניעס, פון וואנען ס׳טראָגט זיך דער קלינגענדיקער האמער־שלאָג פון האמערס איבער קאָוואדלעס. אַלטע הייזער און נייע, נאָר־וואָס אויפגעבויטע. הייזער אויף וועלכע מען ציט ערשט ארויף דעם דאך.

און ווי ווייט דאָס אויג כאפט: גערטנער, פעלדער, פרדסים. פרדסים, וואו צייטיקע מאראנצן גילדן זיך ארויס צווישן די גרינע בלעטער און בויגן די צווייגן מיט דער פולקייט פון זייער אָנגע־טרונקענעם זאפט, און פרדסים, וואו ס׳וואקסן גרעיפ־פרוכטן.

עין חרוד איז געווען די ערשטע קבוצה צו נעמען פלאנצן גרעיפ־פרוכטן. א פרי, וואָס איז נישט געווען באקאנט אין ארץ־ישראל. האָט מען לעצטן יאָר געשיקט ארום זעכצן הונדערט קעסט־לעך מיט אָט די גרעיפ־פרוכטן קיין ענגלאנד.

עין חרוד, דאָס איז שוין נישט גלאט א קבוצה, נאָר א מלוכה א גאנצע, מיט א גרויסן אינוועטאר, מיט אן איינגעפונדעוועטער ווירטשאפט, וואָס רעפּרעזענטירט א פארמעגן.

עין חרוד איז אויך די איינציקע קבוצה, וואָס פאראייניקט אין זיך אגריקולטור און אינדוסטריע. מ׳ארבעט אויס אין די איי־גענע ווערקשטאטן אלצדינג, אין וואָס די קבוצה נויטיקט זיך: שיך, מעבל, קלענערע אינסטרומענטן. מען פאררירכט אליין די אגריקול־

טור־מאַשינען, די טראַקטאָרס, און מ׳פאַרקויפט אויך מעבל און אנדערע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן צו אַנדערע.

מירריידן מיטן סעקרעטאַר פון עין חרוד, הערמאַן, א באַ־שיידן, יונג מענטשל. אים איז אביסל שווערלעך זיך דורכצושמועסן מיט אונדז אין אידיש. „שוין אזוי לאַנג קיין אידיש נישט גע־רעדט", באַמערקט ער מיט א שמייכל. העלפט אים ארויס אן אנדע־רער טוער אין עין חרוד, קליינמאַן. ער איז א לעבעדיקער, קרעפּ־טיקער בחור, מיט שווארצע, קלוגע אויגן. ער האָט געלעבט אין אַמעריקע, זיך אָנגעשלאָסן אָן אידישן לעגיאָן אין צייט פון וועלט־קריג. און פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן אין ארץ־ישראל. ער רעדט שוין אידיש, א קערנדיקן אידיש. ער האָט אונדז דערציילט, אז ער האָט אפילו געשריבן אמאָל פון ארץ־ישראל קאָרעספּאָנדענציעס פאַרן „טאָג". היינט זיינען זיינע שטאָליק־מאַזאָליסטע הענט פאַר־נומען מיט עפּעס וויכטיקערס ווי שרייבעריי.

דערציילן אונדז הערמאַן און קליינמאַן פון דער ווירטשאַפט אין עין חרוד. גיבן אָן דערביי ציפערן: די קבוצה פאַרמאָגט צוויי הונדערט קי, און נאָך וואָס פאַר א קי — די שענסטע אין עמק! און זיבן טויזנט עופות, און זיבן טראַקטאָרס. היינט אונדזער בית־ספר, אונדזער ביבליאָטעק, אונדזער קאָאָפּעראַטיווע ליי־קאַסע און באַנק, אונדזערע ווערקשטאַטן. און מיר האָבן אפילו אן אייגן טעאַטערל. די הבימה און דער „אוהל" קומען איצט צו אונדז געבן פאָרשטעלונגען. און אונדזער קינדערהיים, און די וועשעריי, און די בעקעריי, און אונדזערע ברונימער, און אונדזערע פעלדער און פּרדסים, און די שאָף, און רינדער, און, און, און...

די אויגן ביי קליינמאַנען צעפלאַמען זיך, ווען ער רעכנט אונדז אויס דעם פאַרמעגן פון עין חרוד. הערמאַן זיצט מיט א שמייכל, וואָס האָט זיך צעליגט אויף זיין פּנים פון אויער צו אויער.

„איז צו וועמען באַלאַנגט עס אַלץ?" — גיט מר. שאַפּיראָ א פרעג ביי קליינמאַנען.

„וואָס הייסט צו וועמען?" — שטעלט ער אָן א פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס מ׳פרעגט אים, „ס׳באַלאַנגט צו אונדז, דאָס הייסט, צו דער קבוצה, נישטאָ קיין בעל־הבית,

נישטאָ קיין בעלי־בתים. ס׳איז דאָס אייגנטום פון אַלעמען, פון כּלל. מען קומט אַהער מיט לײדיקע קעשענעס. מ׳ברענגט נאָר די הענט און דעם ווילן צו אַרבעטן שותּפותדיק און בויען שותּפותדיק דאָס לאַנד. און אויב איינער פאַרלאָזט אונדז, ווייל ער קאָן נישט אָדער וויל נישט, צוליב דער אָדער יענער סיבה, גייט ער אַוועק מיט דעם, וואָס ער איז געקומען — מיט ליידיקן... איר פאַר־שטייט ?״

„און דאָס געלט, וואָס איר קריגט אַריין ?״ — פרעגט ווייטער מר. שאַפּיראָ, „דאָס געלט פאַר די פּראָדוקטן פון די פעלדער און פון די וועראַקשטאַטן, צו וועמען באַלאַנגט עס ?״

„אויך צו דער קבוצה, צום כּלל. דאַרף איינער געלט פאַר זיינע הצטרכותן, פאָרן, למשל, אין שטאָט עפּעס קויפן, אָדער שיקן געלט צו עלטערן אָדער קרובים, אָדער אויף קויפן שיפסקאַרטן פאַר זיי, קריגט ער פון דער אַלגעמיינער קאַסע וויפיל ער דאַרף.״

* * *

מיר גייען אַרום אין הויף. ס׳קאָכט מיט אַרבעט אין יעדן ווינקל.

אין די שטאַלן שטייען מיידלעך און פּרויען און באַרשטן די ליבער פון די קי. אין די „לולים״ זיינען מיידלעך פאַרנו־מען מיט די עופות. עטלעכע מיידלעך הייגנען אויס וועש אויף שטריק צווישן די ביימער. קינדערלעך לויפן אום. נאָך עטלעכע מיידלעך גראָבן אין אַ גאָרטן. אַ מיידל זיצט אונטער אַ בוים און טריקנט די נאַסע, צעפּלאָסענע האָר אונטער דער זון. פון דער קיך טראָגט זיך דער ריח פון פרישׁ געקעכץ. אַן עלטערער איד גייט פון שול מיט אַ טלית־זאַק אונטער דער פּאַכווע. אַ הויכער בחור, מיט גומי־שטיוול, שפּאַנט אויס אַ פערד. אַן אַנדערער רייט אַריין, בלייבט שטיין אין הויף און שרייט צו אימיצן:

„בא הנה מהר !״

אַ בוהאַי האָט זיך פּלוצים אַזוי צערעוועט, ווי דער הימל וואָלט געשרפעט איבער זיין קאָפּ. אַ מיידעלע זיצט אויף אַ טרעפּל, עסט אַ שטיק ברויט מיט פּאָווידלע, און דאָס גאַנצע נעזל איז אין פּאָווידלע איינגעטונקען. מיידלעך טראָגן קאַנען מילך אין דער

„מחלבה", און א פּאַרנעקייט שלאָגט פון די שוימיקע קאַנען. צוויי וואָגנס מיט חציר זיינען אריינגעפאָרן. אַן עלטערער איד טראָגט מיט דער לייכטקייט פון א קוציק א זאַק מיט מאַראַנצן.

א הודזשען פון זעגן פון דער טישלעריי, און דער קלאַנג פון אייזן אין דער קוזניע. א לאָקאָמאָטיוו צעפייפט זיך פון דער דער־בייאיקער סטאַנציע. צוויי אַראַבער קומען איינקויפן פּראָדוקטן.

ס'האָט זיך געענדערט: אמאָל פלעגן די אידן קויפן ביי די אַראַבער מילך, גרינצייג. היינט איז פאַרקערט.

פּולסירט עס מיט קאָכיק לעבן אין עין חרוד. וואַקסט און בליט א וואונדערלעכער ישוב ביי די פיס פון די גלבוע־בערג, וואו פאַרלענדונג און טויט האָבן געלויערט פון יעדן שפּאַלט און גרוב.

האָבן אויך אויפגעבליט די אַרומיקע גלבוע־בערג, וואו דוד האָט אין אַן אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג פאַרשאָלטן: „אל טל ואל מטר עליך ירעיפו".

א ברכה רוט היינט איבער זיי, איבער עין חרוד, גבע, כפר יחזקאל, בית אלפא און אנדערע.

אָנגעהויבן האָט עין חרוד מיט פינף־און־זיבעציק חלוצים פון „גדוד העבודה". היינט — דריי הונדערט און פופציק. פינף־און־אכציק פּראָצענט האָבן שוין משפחות. צוויי הונדערט קינדער זיי־נען שוין דאָרטן אויסגעוואַקסן. פאַר זיבעציק דייטשע איינגעוואַנ־דערטע האָט מען געגעבן א היים און אַרבעט, חוץ די זיבעציק דייטשע קינדער.

רוט היינט א ברכה איבער עין חרוד און די אנדערע קבוצות.

א ברכה, געשאַפן פון די הענט פון דער אידישער אַרבעטער־יוגנט, וואָס בויט די אידישע היים מיט אזא העלדישקייט און מסירת־נפש, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען.

צווישן אַראַבישע זומפּן און בליענדע אידישע קבוצות

אויפן וועג קיין דגניה.

ס'איז א זוניקער טאָג, ווי אלע טעג אין אונדזער לאַנד. צום ערשטן מאָל מערק איך אָבער עטלעכע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן ביים האָריזאָנט, וואו דער שפּיגלדיקער כנרת נעמט זיך שוין ארויסשניידן און אָטעמט אונדז אנטקעגן מיט דער קילער, געדעמפּטער בלויקייט פון זיינע וואסערן.

זיינען דאָס קליינע וואָלקנדלעך, פעדערדיקע, אומשולדיקע, און זען אוים פון וויטן ווי באַראַשעקלעך. אזעלכע וואָלקנדלעך זאָגן ניט אָן קיין רעגן און שטורם,זיי קוקן גלאַט אריבער צום כנרת פון נייגעריקייט וועגן. שפּיגלען זיך אין אים, און ווילן זיך מן הסתם צעלויפן באלד צו די גליל־בערג, פונוואַנען זיי זיינען געקו־מען.

פאר וואָס דער כנרת הייסט ים? ווייס איך ניט. אז בסך הכל איז עס א טייך, און די וואסערן זיינע זיינען זיס, און קיין שיפן שווימען ניט אויף זיי. ניט מער ווי איין קליין שיפל, א לאָדקע אזא פארלירט זיך ווי א פּינטעלע אין דער בלויקייט.

א ברודיקער זעגל פּאַטשט מיט די פליגל. אן אַראַבער זיצט אין שיפל מיט די פיס אונטער זיך, וואַרט געדולדיק, אז די פיש זאָלן אריין אין דער נעץ, וואָס ער האָט ארונטערגעלאָזן. ער ווייסט, אז זיי וועלן קומען אליין, אזא טבע האָבן זיי שוין די גוטע, זיס־געשמאַקע פיש פון כנרת מיט וועלכע די גאנצע געגנט שפּייזט זיך.

הייסט אָבער אָט די פרידלעך־שפּילנדיקע פלאַך, וואָס רינצלט זיך קוים, „ים כנרת".

אונדזערע עלטערן, וואָס האָבן געוואוינט אמאָל אין די גליל־בערג, און איבערגעלאָזן ביז היינט ניט פארמעקטע שפּורן פון בליענדיקע ישובים, האָבן אָבער געבענקט נאָך דער רחבות פון ים. זיי האָבן זיך אפשר מתקנא געווען אָן די איינוואוינער פון חיפה,

וואס געפינט זיך ניט ווייט און ליגט ביים ים. האבן זיי צו זיך געזאגט: אט דער טייך, וואס גיסט זיך צענויף מיטן ירדן, באַ־געגנט זיך מיטן „ים המלח" איז א ים. א ים און טוט אונדז עפעס.

און אונדזערע תלמודיסטן, מן־הסתם די, וואס האבן ארום דעם כנרת געלעבט, זיינען נאך ווייטער געגאנגען. זיי האבן גע־זאגט „שבעה ימים ברא הקדוש ברוך הוא ומכלם לא בחר אלא בים כנרת", וואס מיינט, אז מען וויל עם פארטייטשן פאר אידן, וואס קאנען נישט די „שווארצע פינטעלעך": „זיבן ימים האט גאט באשאפן און פון אלע האט ער אויסגעקליבן נאר דעם ים־כנרת?"

פאר וואס נישט דעם אטלאנטישן אקעאן? דעם פאסיפישן? דעם מיטלענדישן? דוכט זיך גרעסערע ימים? פרעגט מען אבער נישט קיין קשיות אויפן רבונו של עולם.

דער אויסוואל איז אבער א גוטער. דער כנרת איז טאקע נישט קיין ים, ווי ימים זיינען בטבע, אבער שיין איז ער, אזוי שיין, אז עס פארכאפט דעם אטעם, און ווען ער שטייט אזוי מיט זיין עמער־ראלדן־בלויקייט איינגעשלאסן צווישן טאלן און בערג מיט דער שנייאיקער זילבער־קרוין פון חרמון איבער אים, אדער ווען די זון פארגייט און נעמט זיך טובלען אין זיינע טונקל־קרישטאלענע וואסערן, האט איר דעם געפיל ווי די גאטהייט אליין וואלט דא ארומשפאצירט.

האט דערפאר דער בורא עולם געוואוסט וואס ער האט געטאן.

ליגט דגניה ביי די ברעגן פון כנרת און ירדן. די הייזער פון דער אלטער קבוצה, זיינען באהאלטן צווישן גערטנער און שאטנ־דיקע בוימער. די פעלדער און פרדסים זיינען צעווארפן אין ירדן־טאל. נישט ווייט איז דער שאסיי, וואס פירט קיין טבריה, אויך די גלאנציק־שלענגלדיקע רעלסן פון א באן־ליניע.

פארן מיר אויף אט דעם שאסיי. בעדואינען־שאטערס זיינען צעווארפן דא און דארט. שווארצע, נידעריקעביידלעך. ווען מען האט געזאגט: „כאהלי קדר" האט מען מן הסתם אט די ביידלעך געמיינט.

אראבער זיצן און שטייען, גלאט אזוי, קראצן דאָס הוילע לייב אונטער די ברודיקע העמדער. די פרויען ארבעטן. ס׳קאָפּטשעט א פייער אויף אן אויווועלע פון שטיינער און אויפן אויווועלע א טעפּל. אן אראבערקע קנעט טייג אונטער דער זון צו באַקן דערפון „פּיטעס", אָדער אויב מען וויל עס אויסלייגן אין העברעאיש איז עס „פּיתות". דאָס זיינען אזעלכע פלאכע, ווייכע, רונדע פּלעצלעך, ווי די היימישע „פּידפּאלקעס", וואָס אונדזערע מאַמעס און באָבעס פלעגן באַקן פרייטיק בייטאָג, גאנץ פרי, איידער מען האָט אריינגעזעצט די חלה אין אויוון. נישט מער, וואָס די הייסע „פּידפּאָלקעס" פון אונדזערע מאַמעס און באָבעס זיינען געווען א סך געשמאַקער פון די אראבישע „פּיתות". און אז מען האָט זיי נאָך אָנגעשמירט מיט געגזענעם שמאלץ זיינען זיי גאָר געווען טעם גן־עדן.

און אָט איז אן אראבישער דאָרף, וואָס אלע הייזער זיינען געמאכט פון ראָגאָזשעס. די געגנט איז א זומפּיקע, מיט מאלאריע אָנגעפילט, וואקסט דאָרטן טשערעט, און די אראבער פלעכטן דערפון ראָגאָזשעס. פון די דאָזיקע ראָגאָזשעס מאַכן זיי זייערע געצעלטן. זיי פאַרקויפן זיי אויך אין שטאָט.

„אידן וואָלטן שוין לאנג אויסגעטריקנט די זומפּן", גיט באַזיליאנסקי א זאָג, „און עס וואָלט דאָ געקאָנט זיין א בליענדיקער אידישער ישוב, פאַראנען דאָ טויזנטער דונאַם באָדן, אָבער..."

און ער דערציילט אונז א מעשה, ווי מען האָט שוין געהאלטן אין אָפּקויפן דעם באָדן און ווי צוליב די דריידלעך פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג איז עס ארייננעפאלן אין די הענט פון אן אראבער פון עבר הירדן.

דער אראבער האָט עס פארפאכטעט צו אנדערע אראבער. מאכט ער אָבער דערפון נישט קיין גליקן און וואָלט עס געוואָלט פארקויפן צו די אידן. שטייט ווידער די פּאַלעסטינער מאכט אין וועג.

פאַר וואָס? הויבט זיך אָן א שאלה. ווער קאָן עס וויסן די סיבות פון די און אנדערע שטערונגען, וואָס די פּאַלעסטינער רעגירונג לייגט אין וועג פון אונדזער וואוקס און אנטוויקלונג אין אונדזער לאַנד?

דערוייל פּוסטעווען שטרעקעס באָדן. די מאַלאַריע פּרוכפּערט זיך אין די זומפּן. די אַראַבער, וואָס מיר באַגעגענען דאָ, גייען אום מיט וואַקס־געלע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן. זייערע אָפּגע־ריסענע קינדער האָבן געשוואָלענע פּיסלעך ווי שטעקלעך. די פּרויען מיאוס־פאַרעלטערטע. די מאַלאַריע האָט זיך אין זייערע ביינער איינגעגעסן. זייער בלוט און מאַרך געפרעסן. מענטשן פאַלן דאָ ווי פליגן. אָט די געגנט איז „חולה" — די היינט באַרימטע חולה וואָס איז שוין אין אידישע הענט.

די אידן, וואָס האָבן זיך אין די ארומיקע קבוצות באַזעצט, האָבן עס אויך דורכגעמאַכט. זיי האָבן אָבער אויסגעטריקנט די זומפּן, פאַרטריבן די מאַלאַריע, און זיי לעבן היינט געזונטע, קרעפּ־טיקע; זייערע קינדערלעך וואַקסן, אַז ס'איז אַ פרייד אויף זיי צו קוקן, ווי אַ שטיינער טאַקע אין „דגניה" אין וועלכער מיר פאָרן איצט אַריין.

דגניה — איינע פון די עלטסטע קבוצות

די ערשטע ווען מיר דערזען אויפן הויף, וואָס איז ארומגע־רינגלט מיט פּאַלמען און אַקאַליפּטוס־בוימער זיינען עטלעכע פרויען.

די פּאַלמען־בוימער אין „דגניה" זיינען הויכע, שלאַנקע, ברייט־צעצווייגטע. זיי שטייען שורותווייז און צעוואָרפן, ווי שומרים, וואָס האַלטן אן אייביקע וואך איבער דער קבוצה.

זיצן עטלעכע פרויען אין זייער שאָטן, אין פראָנט פון א בלומען־גערטנדל, וואָס געפינט זיך אין מיטן הויף. זיי זיינען פאַרטאָן אין ארבעט, איינע פאַררינכט וועש, א צווייטע צוואָגט א מיידעלע. דאָס מיידעלע מאכט העויות, קרימט זיך, וויל זיך אפּנים ארויסדרייען פון אונטער די ציינער פון געדיכטן קעמל. האַלט אָבער די מאַמע איר פעסט צווישן די קני.

אן אנדער פרוי גראָבט אין גאָרטן. די פרויען זיינען שוין עלטערע. „דגניה" איז ניט קיין יונגע „קבוצה", האָט הינטער זיך א געשיכטע פון א פּאָר צענדליק יאָר. איז איינע פון די עלטסטע. זיינען שוין דאָרטן פאַראַנען גאַנצע משפחות, קינדער דערוואַק־סענע, וואָס זיינען אין דער קבוצה געבוירן געוואָרן און ארבעטן זייט־ביי־זייט מיט די טאַטעס און מאַמעס. א צווייטער דור קבוצהניקעס.

באַזיליאַנסקי פאַרשווינדט ערגעץ. ער איז אוועק זוכן באַראַצן.

באַראַץ איז „דער פּאַטער פון דגניה", און איינער פון די גאָר־חשובע טוער אין דער „הסתדרות". זוכט באַזיליאַנסקי באַראַצן און עס העלפן אים אויך זוכן א פּאָר פרויען. ס'ווערט א געשריי: באַראַץ! וואו איז יוסף? מ'דאַרף געפינען באַראַצן...

א הויכער קבוצהניק אין גומי־שטיוול, מיט א צעכראַסטעטן רעקל פון וועלכן עס זעט זיך ארויס זיין קרעפטיק־האָריקע ברוסט און אָפּגעברענטער האַלז, גייט צו אונדז צו און באַגריסט אונדז מיט א האַרציקן „שלום".

ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַן. מיר ווערן שפּעטער געוואָר, אַז ער איז איינער פון די ערשטע דגניהניקעס. זיין הויכע פיגור אָטעמט אָבער מיט פרישער, איינגעלשער גבורה. די פאַרקאַשערטע אָרעמס ווי צוויי האַמערן, די אַקסלען אונטער דעם קורצן רעקל — שטאָליקע, עטלעכע פוד משא זיינען אַ שפּילכל פאַר אַזעלכע אַקסלען.

זאָגט ער אונדז, אַז באַראַץ וועט באַלד קומען. ער איז ערגעץ פאַרנומען אין דער קאָלאָניע, מ׳וועט אים אָבער אויפזוכן. דער־ווייל וועט ער מיט אונדז מיטגיין און ווייזן אונדז ווי עס לעבט זיך און ווי מען אַרבעט אין „דגניה״.

מיר שטייען אַ ווייל און שמועסן, באַטראַכטן דעם אַראַבער, וואָס איז געקומען אין דער קבוצה מיט זיין אייזל.

צוליב וואָס ער איז געקומען ווייסן מיר נישט. מיר הערן נאָר ווי אַ מיטליאָריקער קבוצהניק טענהט מיט אים עפּעס איין, מאַכט מיט די הענט, און ווי דער אַראַבער מאַכט נאָך שטאַרקער מיט די הענט. ס׳איז אַ שטומע הענט־שלאַכט. ווער עס וועט אַרויס דער זיגער ווייסן מיר נישט.

און אָט איז מר. שאַפּיראָ אויך פאַרשוואונדן, ווי פון אונטער די הענט אַוועק. אַזאַ טבע האָט ער שוין, ער טראָגט זיך אָפּ אָן אַ זייט, גייט אום איינער אַליין איבער דער קאָלאָניע, וויל זען זאַכן פאַר זיך אַליין.

מיר טרעפן אים שפּעטער ביים טויער פון אַ שטאַל וואו ער באַטראַכט ווי עטלעכע פרויען באַרשטן די קי און אַנדערע מעלקן זיי.

באַזיליאַנסקי באַווייזט זיך ענדלעך מיט באַראַצן. זיין הויכע פיגור גייט אונדז שנעל אַנטקעגן. ער דערקענט אונדז באַלד, גע־דענקט אונדז פון אַמעריקע.

פאַראַן אַ וואַרעמקייט וואָס גיט זיך באַלד איבער אין אָט דעם אַלט־יונגן אַרבעטער־פירער, איינער פון די פּיאָנערן פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל.

ער נעמט אונדז פירן און ווידער־אַמאָל: שטאַלן מיט אויס־געפּאַשעטע בהמות. „לולים״ פול מיט עופות. „אינקיובייטאָרס״.

פערדלעך געפּאַקטע און האַפּערדיק־הירזשענדיקע. הייזער וואָס שאַ־טענען זיך אין בוימער, בלומען־גערטנדלעך ארום די הייזער. די שולע פאר די קינדער. די „מחלבה" וואו פרויען און מיידלעך זיינען פאַרנומען מיט מאכן קעז, אויסשלאָגן פּוטער, איבערגיסן די מילך פון עמערס אין בלעכענע קאַנען. די קיך און דאָס שפּייז־צימער. דער „בית־הילדים", דער שפּיל־פּלאַץ פון די קינדער.

אין איינעם פון די הייזער שטעלט זיך באַראַץ אָפּ און עפנט פאַרזיכטיק די טיר פון א ציכטיק־מעבלירט צימערל. אויף א בעטל ליגט א יונגערמאַן מיט א רויטלעך־פיבערדיק פּנים. באַראַץ גיט ביי אים א פרעג מיט א פּאַטערלעכן טאָן:

„מה שלומך ?"

„טוב ! טוב !" ענטפערט אים דער יונגערמאַן און זעצט זיך האַלב־אויף פון בעטל.

דערציילט אונדז באַראַץ: אַט דער יונגערמאַן איז איינער פון די דייטשע איינגעוואַנדערטע, וואָס געפינען זיך אין „דגניה". ער איז קראַנק געוואָרן. ער בעסערט זיך אָבער, היינט־מאָרגן וועט ער ווידער זיין ביי דער ארבעט.

„און איר זאָלט זען ווי גליקלעך ער פילט זיך וואָס ער איז קראַנק", באַמערקט באַראַץ ווייטער, „ס'איז ממש א שמחה אויף אים..."

„וואָס איז די שמחה ?" פאַרשטיי איך נישט.

„ער איז גליקלעך, וואָס ער אַקלימאַטיזירט זיך... ווען ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער מיר געזאָגט: „איצט ווייס איך, אז איך וועל קאָנען בלייבן אין לאַנד; איך הויב זיך אָן ריכטיק אַקלימאַ־טיזירן". א מאָדנע פאָלק די דייטשע אידן, וואָס קומען אהער."

„ווי פּאַסן זיי זיך טאַקע צו ?" פרעג איך.

„אויסגעצייכנט", ענטפערט מיר באַראַץ, „פאַראַן צווישן די דייטשע איינגעוואַנדערטע, איבערהויפּט צווישן דער יוגנט, זעל־טענע אידעאַליסטן. זיי קומען אהער מיט אזא ליבע צום לאַנד, אז ס'רירט ביז טרערן. זיי קומען מיטן באַשלוס איבעררייסן אינ־גאַנצן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, פאַרגעסן אין דעם קאָשמאַר פון דייטשלאַנד. זיי נעמען זיך באַלד לערנען העברעאיש, וואַרפן זיך

אריין אין דער ארבעט מיט התלהבותדיקן פליס... אן אויסגעצייכנ־טער עלעמענט פאר ארץ־ישראל, און זיי זיינען אלע העכסט־אינטע־ליגענט, געוועזענע סטודענטן, דאקטוירים, אדוואקאטן, קיין ארבעט איז אבער פאר זיי נישט צו־שווער."

האבן מיר דאסזעלביקע געהערט וועגן די דייטשע איינגעוואנ־דערטע אויך אין אנדערע קבוצות.

*　*　*

מיר זיינען אויף דעם אפגעצאמטן פלאץ ביי די קינדער. א שטיק לידיק פעלד. קינדערשע קולות פארקלינגען די לופט. א גאנצע מחנה פון אינגלעך און מיידלעך. עלטערע, פון צוועלף־פערצן און אינגערע. מען שפילט אין באל, אין שטעקלעך, מען קלעטערט אויף דעם שווינדלענדיקן לייטער, מ'הוידעט זיך אויף די הוידעלקעס צווישן די שטאנגען. ס'הערן זיך אויסרופן:

„שמואל, איפה הוא הכדור?" דאס הייסט: „שמואל, וואו איז דער באל?"

שרייט שמואל, א בחורל מיט קלייענדיקע זונענפלעקן און א פלאמיק־רויטן קאפ האר:

„הכדור שם!" — דער באל איז דארטן. און נאך איידער שמואל קוקט זיך אום פליט שוין דער באל אין דער לופטן.

און א בחורל מיט א זאק אויף די פלייצעס שפאנט דורך די דערבייאיקע אלעען וואס פירן ארום אין פעלד:

לא צריך צעירות,
לא צריך צעירות,
„עס" צעירות צרות,
„עס" צעירות צרות.

דאס הייסט:

מידארף נישט קיין מיידלעך,
מידארף נישט קיין מיידלעך,
מיט מיידלעך איז צרות,
מיט מיידלעך איז צרות.

גלויב איך אים נישט דעם בחורל, אז „מ'דארף נישט קיין מיידלעך". ער אליין גלויבט עס אויך נישט. וואָרים באַלד זינגט ער אוים מיט זיין ברוסטיקן באַריטאָן:

„כן" צריך צעירות,
„כן" צריך צעירות,
בלי צעירות צרות,
בלי צעירות צרות.

מיינט עס:

יאָ, מ'דאַרף מיידלעך,
יאָ, מ'דאַרף מיידלעך,
אָן מיידלעך איז צרות,
אָן מיידלעך איז צרות.

דאָס גלויב איך אים יאָ.

פעלן אבער נישט קיין „צעירות" אין די קבוצות. אָט זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע. גאַנץ וואוילע „צעירות", בתולות, ווי אתרוגים פרישע. איינע, האָט מיר באַראַץ דערציילט, איז א לע־רערין פון גימנאַסטיק א „דייטשקע", די אַנדערע א חלוצה פון פוילן. האָט מען טאַקע חתונה אין די קבוצות, און מ'קינדלט, ווי די תורה האָט אָנגעזאָגט: „פרו ורבו ומלאו את הארץ". דאָס לאַנד דאַרף מער קינדער, איבערהויפּט ווען ענגלאַנד האַלט צוגעמאַכט די טירן.

באַראַץ דערציילט פון די ערשטע טעג פון „דגניה", ווי א קליינע גרופּע פון עטלעכע צענדליק חלוצים איז געקומען זיך באַ־זעצן אויף דער ערד. איז עס די געשיכטע פון כמעט אַלע קבוצות: אַרבעט אויף זאַמדיקן באָדן. קאַמף מיט מאַלאַריע. וואוינען אין לעכער. לייווענטענעביידלעך, הילצערנע באַטקעס. טאָג־ווי־נאַכט די געפאַר פון אַראַבישע איבערפאַלן. אין איין האַנט א רידל, אין דער צווייטער א רעוואָלווער. גערענגל צווישן האָפנונג און פאַר־

צווייפלונג. טויזנט און איין פּראָבלעמען, וואָס מ׳האָט געדאַרפט לייזן מיט די אייגענע כוחות. א שטייגער:

א קינד איז געבוירן געוואָרן, דאָס ערשטע קינד אין „דגניה״. וואָס זאָל טאָן די מאַמע מיט דעם קינד? זי אַרבעט דאָך א גאַנצן טאָג אין פעלד, אַרום דער קבוצה. און ווער זאָל לערנען די יונגע, נישט־געניטע מאַמע, ווי צו גיין אַרום דעם עופעלע? האָט מען נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. לויט דער שיטה פון דער קבוצה דאַרף די פרוי באַטייליקן זיך אין יעדער אַרבעט גלייך מיט דעם מאַן, און מ׳דאַרף זי דערפאַר באַפרייען פון אירע פליכטן אלס מאַמע. ווי פירט מען עס אָבער דורך אין לעבן? דאָס האָבן מיר נישט געוואוסט.

די יונגע מאַמע האָט דערווייל מיטגענומען דאָס קינד מיט זיך אין פעלד, אוועקגעלייגט עס אויף א זייט אין שאָטן. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט, האָט גאַנץ „דגניה״ מיטגעוויינט. די מאַמע האָט געזוכט באַרואיקן די אַנדערע: ס׳מאַכט נישט, זי וועט דאָס קינד איינשטילן, ס׳וועט זיך צוגעוואוינען און אויפהערן וויינען. מ׳האָט אָבער געהאַט אויף איר תרעומות. איר קינד האָט געשטערט אין דער אַרבעט. וואָס־זשע טוט מען?

האָט מען פאָרגעשלאָגן אַלערליי פּלענער: אַן אַנדער פרוי זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן. דינגען א ניאַנקע. האָט יוסף בוסעל, איינער פון די ערשטע גרינדער פון „דגניה״ דערקלערט:

„דאָס דערציען פון קינדער איז די פליכט נישט נאָר פון דער מאַמע, נאָר פון אַלע פרויען אין דער קבוצה, פון די פאַרהייראַטע און נישט־פאַרהייראַטע, נאָר דעמאָלט וועלן אַלע פרויען זיך קאָנען באַטייליקן בשותפותדיק אין דער אַרבעט, און אויב אונדזער לעבן איז א שותפותדיקער, דאַרפן אויך אַלע הוצאות זיין שותפות־דיקע. דאָס וואָס איינער איז א בחור, א מיידל, אדער א פּאָרל אָן קינדער, מיינט ניט, אז מען דאַרף זיך נישט באַטייליקן אין די הוצאות צו דערציען די קינדער פון די חברים וואָס האָבן זיי.״

האָט מען געגרינדעט א „בית־הילדים״, וואו אַלע קינדער ווערן דערצויגן שותפותדיק. אזוי אין „דגניה״ אזוי אויך אין די מערסטע קבוצות.

און באַראַץ פאַרענדיקט:

„פיל פּלאָגן האָט „דגניה” איבערגעטראָגן דורך די יאָרן: קראַנקהייטן, טויט, מלחמה־שרעקן, איבערפאַלן. צו די קינדער האָט עס אָבער נישט דערגרייכט. און נאָר א דאַנק אונדזער שותפות־דיקער ארבעט, אונדזער אידעאַל, וואָס פאַרבינדט אונדז אַלעמען, האָבן מיר געקאָנט ראַטעווען און דערציען אונדזערע קינדער אין דעם שווערן קלימאַט פון עמק הירדן.”



אַן אַראַבישער דאָרף

אויף אַן אַלט טערקישן טראַקט קיין חולדה

פאָרן מיר צו דער קבוצה „חולדה". זי איז אביסל אנדערשדיק אין איר שיטה פון די אנדערע. איר עלעמענט, א יונגער, איז א „גאָרדאָניסטישער" דערצויגן אינם גייסט פון דער איינציק־ארטיקער ליכטיקער פערזענלעכקייט א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט אין זיין צייט געווירקט אזוי פיל אויף דער חלוצישער יוגנט.

מיר פאָרן אויף אַן אלט־טערקישן טראַקט, וואָרים מיטן שאָסיי נעמט לענגער. שפרינגט אונדזער אויטאָמאָביל איבער רודעס, גריי־בער און שטיינער. מאַקס טרייבט אָבער זיין „שעוראָלעי" ווי ער וואָלט געפאָרן אויף א גלאַנציקן פּארקעט. זיצן מיר און ווייסן ניט וועמען פריער צו באַוואונדערן — מאַקסן אָדער זיין „שעוראָלעי".

מר. שאַפּיראָ איז פוןביידן נתפּעל. „זעלטן צו טרעפן אזא שאָופער אין אונדזער אמעריקע", גיט ער צו מיר א זאָג, „און איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז א געוויינלעכער „שעוו־ראָלעי" זאָל אויסהאַלטן אזעלכע וועגן".

די זון שטייט שוין נידעריק. די לאַנדשאַפט דוכט זיך די־זעלבע, און דאָך אַן אנדערע. בערג, פעלדער, אראַבער. אומעטום, וואו מ'פאָרט, זעט מען דאָס זעלבע בילד; אָבער אין יעדן אָרט נעמט עס אָן אַן אנדער פיזיאָנאָמיע. די בערג אויפן וועג צו חולדה זעען אויס ווי זיי וואָלטן געטראָגן יארמולקעס. פאַרגליווערטע ני־גאַנטן מיט אויפגעבלאָזענע גופים, און אויפן קאָפּ, וואָס זיצט אויף פעלזיקע אַקסלען, א יארמולקע. די פעלדער זיינען פון דינע פאַר־לאָזענע שטעגן צעשניטן.

אַן אראַבער און אַן אראַבערקע לאָזן זיך אַרונטער פון א באַרג און פאַרנעמען זיך אויף א שטעג. דער אראַבער רייט אויף אַן אייזל, די פיס הענגען אים נאָך ביז דער ערד, באַוועגן זיך זיינע פיס ווי פליגלען פון א ווינט־מיל. דאָס טרייבט ער אונטער דעם

אײזל. די אַראַבערקע גײט נאָך אונטן מיט אַ קױשל אױף איר קאָפּ. אױף די פּלײיצעס טראָגט זי אַ גרױסע פּאַטשײילע, װאָס איז איר צוגעבונדן צום האַלז. אין דער פּאַטשײילע צאַפּלט זיך עפּעס אַ לע־בעדיקס. איך קוק זיך אײַן און דערזע װי דאָס קעפּל פֿון אַן עופּהלע שטעקט אַרױס. עס זעט אױס װי אַ שטשור און עס זשמו־רעט מיט קראַנק־צעיאַטרעטע אױגעלעך אַנטקעגן דער זון.

אַן אַראַביש דערפֿל, לײמיקע כאַטקעס, װי קברים, טרעטן אַרױס. אַ צעכראַסטעטע אַראַבערקע מיט אַ קינד. בײַ אונדזער דערנעענטערן זיך גיט זי זיך אַ כאַפּ און פֿאַרדעקט שנעל דאָס פּנים מיטן שװאַרצן שלײער. פֿאַרװאָס די אַראַבערקעס שרעקן זיך אַזױ פֿאַר פֿרעמדע מענערשע אױגן — דאָס װײס נאָר אַללאַ און זײַן נביא מחמד.

ארץ־ישׂראלדיקע אידן האָבן עס מיר אַפֿילו דערקלערט: „דאָס פֿאַרדעקן זײ זײער מיאוסקײט", האָבן זײ מיר געזאָגט. דער אַלטער ראָמאַנטיקער אין מיר האָט זיך אָבער אַזױ גיך ניט געלאָזט אונ־טערגעבן. איך האָב אַלץ ניט פֿאַרלאָרן די האָפֿנונג, אַז איך װעל אַנטרעפֿן די אַזױפֿיל באַזונגענע, „כשופֿדיקע אַראַבישע פֿרױען", אָט די פֿרױען, פֿון װעלכע איך האָב אַזױ פֿיל זיך אָנגעלײענט, מיט אױגן פֿון װעלכע דער מזרח שלאָגט אַרױס, מיט פּנימער געשניצטע װי פֿון טונקל־פּאָלירטן עלפֿנבײן, דורכגעגאָסן מיט אַ בלוטיק־רױטער װאַרימקײט און מיט פֿיגורן שלאַנקע, עלאַסטישע, װאָס טראָגן רײצנדיקן באַגער אין יעדער באַװעגונג זײערער. איר קענט דאָך דעם פּזמון פֿון די ראָמאַנטישע באַזינגער פֿון אָריענט.

הױבט זיך עס אָבער ניט אָן. ניט אין ארץ־ישׂראל זעט איר זײ. אין אַלזשיר, מצרים, טוניס, מאַראָקאָ — יאָ, אָבער ניט אין ארץ־ישׂראל.

די ארץ־ישׂראלדיקע אַראַבערקעס זײַנען מיאוס װי די אױסגע־מאָגערטע אײזלען און קעמלען, נאָך װעלכע זײ שפּאַנען. זײ װערן אַלט און אױסגעטריקנט פֿאַר דער צײַט. זײ, מער װי אַלע פֿרױען אין מזרח, װערן זקנות צו פֿופֿצן יאָר.

נאָר אײנמאָל, דורך מײַן גאַנצער רײזע, האָב איך, װי דורך אַ װאונדער, דערזען עטלעכע יונגע, שײנע אַראַבישע מײדלעך. זײ

זיינען געגאַנגען ווי יונגע לייביכעס פּאַרנווייז. דאָס איז געווען ביי דעם ברונים פון אַן אַראַבישן דאָרף, ניט ווייט פון באר־טוביה. זיי האָבן געטראָגן פולע קרוגן מיט וואַסער, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס אָנגעשעפּט. די קרוגן זיינען געשטאַנען ווי צוגעשמידטע אויף זייערע קעפּ. זיי זיינען ניט געגאַנגען נאָר ווי אין דער לופטן גע־שוועבט, די באָרוועסע פיס האָבן קוים די ערד באַרירט.

מאַקס האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל. זאָל ער זיין געבענטשט דערפאַר. ער קען אַראַביש; האָט ער עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זיי, פון וואָס זיי האָבן זיך צעלאַכט. איינע, די לעבעדיקסטע, האָט זיך אפילו אָפּגעשטעלט אַ פינקל געטאָן מיט די קוויליק־צינדנ־דיקע אויגן און געוויזן אירע שאַרפע, בלישטשענדיקע ציין. אין אַ יאָר צוויי אַרום וועלן אָבער אָט די יונגע מיידלעך ווערן אַלטע, אָנצייניקע באָבעס.

צווישן די ארבעטער יוגנט אין חולדה

מיר פֿאָרן אריין אין חולדה, דורך צוויי שורות אקאליפּטוס־ביימער. א אידישער בחור אויף א פערד גלייכט זיך אויס מיט אונדז און באגריסט אונדז מיט „שלום!" ער זיצט אויפֿן פערד ווי צוגעוואקסן און קוקט זיך איין אין אונדז מיט פריילעכע אויגן.

באזיליאנסקי דערקלערט איהם, ווער די געסט זיינען. ביינט ער זיך אויס צו אונדז: „בבקשה!" און מיר פֿאָרן אריין אין הויף. דער רייטער פארשווינדט ערגעץ. א טונקל בחורל באגעגנט אונדז, און נעמט אונדז פירן איבערן הויף. אלטע בנינים דערהויבן זיך אין א האלב־צירקל. די ווענט זיינען פון אן אלטן מויער. אין מאנכע פון די ווענט — לעכער. דערציילט מען אונדז, אז דאָס איז נאָך אן איבערבלייבעכץ פון די בלוטיקע אראבישע איבערפאלן אין 1929.

חולדה איז ניט דאָס איינציק אָרט, וואו מ'זעט נאָך סימנים פון יענע שרעקנס־טעג. אזעלכע סימנים יאטרען זיך ווי ניט־פאר־היילטע וואונדן, אין באר־טוביה און אנדערע קבוצות און קאָלאָניעס. וואקסן אָבער ארויס רויטע בלומען פון די צעשאָסענע ווענט. חולדה, ביים עמק, אומעטום אין ארץ־ישראל איז עס, ווי עס שטייט בפירוש געשריבן, „בדמיך חיי".

ביי דער זייט, אין שאָטן פון א בוים, דערזע איך א מאָנומענט. דער מאָנומענט — א שטיק מעכטיקער גראניט, אויסגעהאקט רוי, קרעפטיק, מיט שוואונגיקן פארנעם. דאָס איז א מאָנומענט נאָך איינעם פון די געפאלענע העלדן אין יענע בלוטיקע טעג — אפרים טשיזיק.

די יונגעלייט און די מיידלעך גייען פארביי. א פּאָר שטעלן זיך אָפּ; איינער שטייט אָנגעשפארט מיט דער האנט אויפֿן מאָנו־מענט און לייענט א ביכל. דער גאנצער אויסדרוק פון אים, פון די אנדערע, איז — „אין דבר", ס'מאַכט ניט. אפרים טשיזיק און זיינע

חברים זיינען געפאַלן, זיינען מיר געקומען אויף זייער פּלאַץ, און וועלן מיר דאַרפן דאָס לעבן אוועקגעבן איז „אין דבר", ס׳מאַכט ניט. אַנדערע וועלן אונדזער אָרט פאַרנעמען.

אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין.

מיר גייען אריין אינעווייניק זען די וואוינונגען. ציכטיקע חדרימלעך, ספּאַרטאַניש מעבלירט: א בעטל, א בענקל, א שאַפעלע, ביכלעך, ציַיטונגען.

ביי די מיידלעך — דאָס זעלביקע, אָבער שוין מיט דעם הויך פון ווייבלעכקייט. די מיידל־שוואַכקייט און די מיידעלשע בענקע־ניש האָבן פון יצר־הרע זיך געלאָזט באַזיגן. האָט מען אריינגע־שטעלט פרישע בלומען אין גלעזער וואַסער און די טוי־טראָפּנס ציטערן נאָך אויף זייערע בלעטלעך.

מיר זיינען אין שטאַל, וואו קי מיט גלאַנציקע לייבער מעלה־גירהן מיט א שלוהדיקייט, ווי אלצדינג וואָלט געווען גוט און וואויל אונטער דער זון, און ווי ס׳וואָלטן גאָר ניט געווען קיין אַראַבער אין ארץ־ישראל, און נאָך מער אַראַבער, אפשר פיל געפערלעכער, ארום ארץ־ישראל. און אויך די קעלבלעך ביי זייער זייט יונגינקע, געפלעקטע, מיט אויגן אַזעלכע בהמה׳ש־גוטע. זיי ווייסן נאָך פון גאָרנישט, זיי זיינען ערשט היינט־נעכטן פון דער מאַמעס בויך ארויס.

רעדט צו זיי דער בחור ביי אונדזער זייט מיט אַזאַ ווייכער, לאַסטשענדיקער צערטלעכקייט, רעדט צו זיי אין העברעאיש. צערט־לעכער קאָן מען צו קיין געליבטער ניט ריידן.

און ווער ווייסט, אפשר גיסט ער אויס פאַרן קעלבל די ליבע, וואָס האָט זיך ביי אים פאַר זיין געחלומטער מיידל אָנגעקליבן? ווער ווייס! די קעלבלעך די קי פאַרשטייען אים, זיי צערעווען זיך — אָט אַזוי פון פרײלעכקייט וועגן.

דערנאָך — אין דעם גרויסן חדר מיט שאַפעס ביכער, מיט לאַנגע טישן און בענק. דאָ לייענט מען און מ׳פאַרברענגט אין דער פרייער צייט. ביי דער זייט — די קיך. פאָרען זיך דאָרטן עטלעכע פרויען איבער טעפּ אויף אָן אָנגעהייצטן אויוועז. דאָס קאָכט מען שוין וועטשערע. מ׳פּרעגלט לאַטקעס אויף א סקאָוואָראָדע. זייער

ריח רייצט אונדזערע נאָזלעכער. ווען כ׳זאָל זיך ניט געווען שעמען, וואָלט איך געווען בעטן א לאָטקע. כאָטש ס׳איז ניט געווען וואָס צו שעמען זיך, ווארים מ׳האָט אונדז איינגעלאַדן בלייבן אויף וועטשערע.

און הינטער די הייזער — א וואַלד. הויכעביימער שטרעקן די צווייגיקע קעפּ צו דער זון, וואָס האַלט שוין ביים פאַרגיין. גיט דער בחור׳ל א זאָג:

„דאָס איז דער הערצל־וואַלד!...״

דער הערצל־וואַלד? דער הערצל־וואַלד?... ס׳גלויבט זיך מיר קוים. כ׳האָב געדענקט, אז ס׳איז גאָר אזא וואַלד אויף דער וועלט ניטאָ. ווארים ציוניסטן אליין האָבן זיך ניט ווינציק געוויצלט איבערן הערצל־וואַלד. מיר פלעגט אויסקומען צו הערן: „אין הערצל־וואַלד לויפן ניט אום קיין בערן״... האָט עס געמיינט: פּונקט ווי עס זיינען ניטאָ קיין בערן אין ארץ־ישראל, אזוי איז אויך ניטאָ קיין וואַלד. אָדער: „אז מען האַקט די ביימער אין הערצל־וואַלד פאַלן ניט קיין שפּענער״.

זיינען מיר אָבער טאַקע אין הערצל־וואַלד. ביימער אַלטע, וואָס שפּרייטן א קיל־נאַכטיקן שאָטן. מיר גייען אום איבער א לאַנגער אַלעע וואָס ציט זיך אוועק העט־ווייט ביז די פּרדסים און פעלדער הויבן זיך אָן ציען.

שפּעטער האָב איך געזען א צווייטן הערצל־וואַלד אויפן וועג צו באר־טוביה. אין דעם וואַלד האָט מען שוין אויסגעהאַקט די אַלטע ביימער און נייע וואַקסן שוין ארויס פון די אַלט־פאַרבליבענע שטאַמען.

איז עס ביי מיר געווען אן אנטפּלעקונג, ווי א סך אנדערע זאַכן, וואָס כ׳האָב געזען אין ארץ־ישראל, זיינען געווען אן אנטפּלעקונג פאַר מיר, וואָס כ׳האָב געדענקט, אז איך קען ארץ־ישראל.

און אביסל ווייטער — א שטיק פאַרברענטער וואַלד. אַראַבער האָבן ביינאַכט באַגאָסן די ביימער מיט נאַפט און זיי אונטערגעצונדן. וואווילע שכנים, ניטאָ וואָס צו ריידן. כאָטש לעצטנס פאַרזיכערט אונדז אונדזער באַגלייטער, לעבט חולדה בשלום מיט די ארומיקע אַראַבער. זיי קומען קויפן פּראָדוקטן אין דער קאָלאָניע.

ער דערציילט אונדז אויך: פאראן פופציק מענער און פרויען אין דער קבוצה, און נאָך פופציק ווערן איינגיכן דערוואַרט. מ׳גרייט זיך אויפנעמען די דייטשע איינגעוואנדערטע. פאַראן עטלעכע פאר־הייראטע פאָרלעך. ניטאָ נאָך קיין קינדער.

און ער דערציילט אונדז אויך פון די הונדערט און דרייסיק שעפסן, „פיינע שעפסן, די בעסטע אין דער געגנט" — באמערקט ער מיט שטאָלץ. אויב מיר ווילן, קאָנען מיר זיי זען.

גענווים ווילן מיר. באטראכטן מיר די דיקע, וואָליקע באַראַ־נעס מיט זייערע פאדדרייטע הערנער, די לייביקע שאָף מיט דינע פיס ווי ביי הירשן, און די יונגינקע שעפעלעך, וואס ציטערן אין זייערע דינע, נאָך ניט אויסגעוואקסענע פעלצן.

מ׳באַגלייט אונדז:

„שלום! להתראות!"

מיר זיינען אויפן וועג קיין באר־טוביה.

באר טוביה — דער וואונדער מיט א ברונעם

די זייטיקע, אָפּגעלייגטע באר־טוביה איז ווי פארלאָזן. די מענער זיינען אין פעלד, אין די פּרדסים. די איינציקע, מיט וועלכער מיר קאָנען כאַפּן א שמועס, איז א יונג ווייבל, א רויטלענדיק־שעמעוודיקע, וואָס שטייט ביי דער אָפענער טיר פון איר ניי הייזל.

צוויי קינדערלעך, א אינגעלע און א מיידעלע, היינגען זיך אָן אָן איר פארטוך. דאָס מיידעלע, די עלטערע פון די צוויי, באטראַכט אונדז מיט שעלמיש־לאַכנדיקע אויגעלעך. זי איז שוין ניט אזא שעמעוודיקע ווי די מאַמע. זי פארפירט אפילו א שמועס מיט באזיליאנסקין, וועלכער האָט א טבע צו פארטשעפּען זיך מיט קינ־דערלעך. זיי קלעפּן צו אים ווי צו יעדן וואוילן מענטשן. דער אינגעלע, ווידער, האָט פארבאָרגן דאָס פּנימל אין דער מאַמעס פארטוך, קוקט אויף אונדז מיט א פארגנבעט אויגל און זויגט בשעת מעשה א פינגערל.

דאָס ווייבל בעט אונדז ארייַנקומען אינוועניק.

דאָס הייזל באשטייט פון דריי חדרימלעך. צוויי פארנעמט זי מיט דעם הויזגעזינד, א דריטס האָט מען פארדונגען צום נייעם לערער, וועלכער איז אנגעקומען לעצטנס.

אריבערן געסל שטייט דער „בית־עם" — א נייער בנין, וואָס זעט אוים ווי א פעסטונג.

אין די מערסטע קבוצות און קאָלאָניעס איז דער „בית־עם" כמעט א פעסטונג — שטאַרקע ווענט, פענסטער מיט גראַטעס, און נאָך אנדערע באוואָרענישן.

מ'איז צוגעגרייט „על כל צרה שלא תבא". וועט טרעפן אן איבערפאַל פון אראַבער, זאָל מען האָבן וואו צו באשיצן די פרויען און די קינדער. און אויף איבערפאַלן איז מען גרייט. אבער — „אין דבר", ס'מאַכט ניט.

באר־טוביה דאַרף געוויס זיין גרייט. די קאָלאָניע, וואָס איז,

אגב, ניט קיין קבוצה, און האָט שוין אַן אַלטע געשיכטע ליגט אָן א זייט, ווייט פון אַנדערע אידישע ישובים. ארום און ארום — אראַ־בישע דערפער.

און באר־טוביה האָט שוין געפילט דעם טעם פון אַן אראבישן איבערפאַל. אירע נייע הייזער זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן ניט לאַנג אויף די אַשעס פון די אַלטע, וואָס די אראַבער האָבן מיטן פייער אוועקגעלאָזן. ווייסט באר־טוביה, וואָס אַן אראַבישער אי־בערפאַל מיינט.

אבער — „אין דבר”, ס׳מאַכט ניט. די אַלטע הייזער פאַר־ברענט — איז מען געקומען צוריק און אויפגעבויט נייע, שענערע. אידן ארבעטן ווידער אויף די פעלדער. אידישע פּרדסים בליען ווידער. די קאָלאָניע האָט ערשט ניי, פריש לעבן געקראָגן. וואָרים פריער האָט מען שרעקלעך געליטן פון מאנגל אין וואסער, האָט אָבער גאָט געהאָלפן און מען האָט געפונען א ברונעם. מ׳האָט געגראָבן און געגראָבן אזוי לאַנג אין בויך פון דער ערד, ביז ס׳האָט א בליאַסקע געטאָן פון דער טיפעניש א קוואַל וואסער, לויטער קאַלט וואסער, איז געוועזן ששון ושמחה ביי די אידן פון באר־טוביה ווען מען האָט דעם קוואַל אויסגעגראָבן. ווען מען האָט דעם ערשטן עמער אָנגעשעפּט האָט אויסגעבראָכן א געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די פעלדער און איבער די בערג. אַלט און יונג האָבן זיך אוועקגעלאָזן אין א קאָכיקן האָראָ־טאַנץ:

מים חיים,
מים חיים,
מימי־ישועה!

דאָס געזאַנג האָט געקלונגען ברייט און ווייט, ביז דער פרי־מאָרגן איז אויפגעגאַנגען.

מיר צערײדן זיך מיט דעם ווייבל.

„ווי לעבט זיך?”

„גוט!”

„ווי לאַנג זייט איר שוין אין באר־טוביה?”

„צוועלף יאָר.”

און ווייטער: אליין איז זי געבוירן אין ארץ־ישראל. דער

מאַן איז א פּוילישער. מען מאַכט א לעבן פון פּרדס, מ׳האָט אויך בהמות, עופות. זעט...

מיר קוקן ארויס פון פענסטער און זען עטלעכע צענדליק הינער, א גאַלאַגאַנסקער האָן מיט א פייערדיקן קאם דרייט זיך ארום צווישן זיי מיט א מינע פון א סולטאַן אין זיין הארעם.

דאָס ווייבל דערלאַנגט אונדז מאַראַנצן מיט די פרישע בלעטלעך, וואָס זאָגן, אז זיי זיינען נאָר וואָס פון בוים אָפּגעריסן. זי וויל מאַכן טיי, דאַנקען מיר איר, זיצן נאָך אביסל און גייען ארויס.

מיר שפּאַצירן אום איבער די געסלעך. א דאָרפישע שטיל־קייט. פעלדער פאַראַקערטע. בהמות פּאַשען זיך. אן אייזל צע־ברייעט זיך מיט א קוויטשעדיק ברומען, וואָס איז גאָר ניט פאַר זיין אָרעמלאָזיקן וואוקס און נעבעכדיקן אויסזען. די ליימיקע הייזער פון אן אַראַבישן דאָרף שאָטענען זיך אין דער ווייטנס.

פּלוצים, צוריקקערנדיק זיך צום אויטאָמאָביל, דערזען מיר אן אַלטן, באָרוועסן אַראַבער. מר. שאַפּיראָ שפּאַנט פאָראויס. גייט צו דער אַראַבער צו אים און נעמט צו אים ריידן. וואָס, ווייסן מיר ניט. מיר הערן נאָר: „האוואדזשא, האוואדזשא!״ און א שטראָם גאָרגלדיקע ווערטער.

מר. שאַפּיראָ גלאָצט אוים אויף אים א פּאָר אויגן. דערקלערט אונדז מאַקס, וואָס דער אַראַבער וויל: ער האָט געזען דעם אויטאָ־מאָביל, דענקט ער אַז אידן זיינען געקומען קויפן באָדן, וויל ער פאַרשלאָגן זיינע אייגענע פופציק דונאַם, און אויב מ׳וויל מער, וועט זיין שכן פאַרקויפן נאָך זיבעציק דונאַם. ער איז גרייט צו פאַרקויפן פאַר א ביליקן פּרייז — אַכט פונט א דונאַם.

דאָס ווייבל קומט ארויס און מאַכט צו אונדז מיט דער האַנט. זי האָט מורא, אַז מיר זאָלן זיך ניט לאָזן איינריידן פון דעם אַראַבער. מאַקס דערקלערט דעם אַראַבער, אַז מיר זיינען ניט קיין קונים. ער טרעט אָבער פון אונדז ניט אָפּ, גייט נאָך אונדזער אוי־טאָמאָביל. ערשט ווען מאַקס פאַרזיכערט אים, אז מיר וועלן נאָך צוריקקומען לאָזט ער אונדז אָפּ.

ביים קבר פון יוסף טרומפעלדאָר

מיר פאָרן צום קבר פון יוסף טרומפעלדאָר, דער לעגענדארער העלד, וואָס איז געפאלן אויפן בערגל פון תל־חי אויסשרייענדיק פאר'ן טויט דעם רוף, וואָס טויזנטער נאָך אים האָבן אונטער־געכאפּט:

„טוב למות בעד ארצנו!"

די זון שטייט שוין נידעריק. די וואָלקענדלעך איבערן כנרת האָבן זיך ארויסגעוויזן ניט אזוי פרידלעך־אומשולדיק, ווי עס האָט זיך פריער געדוכט. זיי האָבן זיך צונויפגעהורבעט, אָנגעכמורעט זיך, צעלייגט זיך אויף א ברייטן שטח.

„ס'וועט רעגענען," זאָגט דער געניטער מאקס.

זאָל רעגענען „אין דבר". זינט מיר זיינען געקומען אין אונזער לאַנד, שטייען די טעג אזעלכע זוניק־לויטערע, טרוקן־דורכזיכטיקע.

די לופט איז ווי דער אַלטער וויין אין די קעלטערס פון ראשון לציון, וואָס מיר האָבן געטרונקען. מעג אמאָל רעגענען.

מיר טרעפן צוויי אראבישע פּאָליציסטן רייטנדיק אויף פערד מיט ביקסן איבער די אקסלען. זייערע שווארץ־אָפּגעברענטע פּנימער מיט אויגן פון פעלד־גזלנים, טרעטן ארויס שארפער פון די ווייסע טארבושן, וואָס פאלן אין צענומענע פאלדן איבער זייערע פּלייצעס.

אן אראביש דאָרף—די אלטע „בית שאן". נאָך א דאָרף מיט ביידלעך פון ראַגאָזשעס. עטלעכע אראבער לויפן אונז נאָך.

מאקס שטעלט אָפּ דעם אָטאָמאָביל און רעדט מיט זיי. ווייזט זיך ארויס, אז זיי האָבן געדענקט, אז מיר פאָרן שיסן קאַטשקעס.

פאראַן א סך קאַטשקעס אין די זומפּן און בלאָטעס פון דער סביבה, ווילן זיי אונז ווייזן דעם אָרט, וואו מען קאָן שיסן די בעסטע קאַטשקעס.

און אָט איז דאָס אראבישע דאָרף בעלסא. עס שטייט ווי

אריינגעוואקסן אין דער וואַנט פון אַ באַרג. דאָרט וואוינט דער אַראַבער, וואָס האָט דערמאָרדעט טרומפּעלדאָרן — באַמערקט באַ־ זיליאַנסקי.

„און ער גייט ארום פריי?"

„שוין לאנג באפרייט". אַפּגעזעסן אַ פּאָר יאָר, און די פּאַלעס־ טינער מאַכט האָט אים ארויסגעלאָזן; באַטראַכט איך דאָס דאָרף, וואו טרומפּעלדאָרס מערדער גייט ארום פריי אונטער דער זון...

א הונט פון דאָרף לויפט איבער'ן פעלד, יאָגט זיך נאָך אונזער אַטאָמאָביל און האַווקעט. איז זיין האַווקען אַ מין הילפלאָז־ הייזעריקער וואָרטשן, און דער גאַנצער הונט איז אַ נעבעכדיק־ אויסגעדאַרטער. איך גיב אַ מאַך מיט דער האַנט און ער אנטלויפט אַ דערשראָקענער. אַ הונט אָן ציין.

אַ קאַראַוואַן געלאָדענע קעמלען נאָך וועלכע באַרוועסע אַראַבער שפּאַנען. אַן אַפּגעריסענער אראבער זיצט אויף אַ שטיין און האַלט אין דער האַנט, וואונדער איבער וואונדער — אַ שירם.

די ערשטע רעגן־טראָפּנס נעמען פאַלן, גרויסע, וואַרעמע. זיי בלייבן הייגען ווי געשליפענע דימענטן אויף די שייבלעך פון אונזער אַטאָמאָביל.

דאָס וועלדל פון כפר־גלעדי נעמט זיך ארויסשיילן. הינטער'ן וועלדל אַ פעלד מיט הויך גראָז באַוואַקסן. צווישן די ביימלעך זעט זיך אַ הויכער בלאָנדער בחור איינגעוויקלט אין אַ ברייטן גרוי־ געלן רעגנמאַנטל. ער איז אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרויסן, דיקן שטעקן מיט אַ גוזיק. זיינע קורצזיכטיקע אויגן באַטראַכטן אונז רואיק דורך די ברילן. ארום אים איז צעשפּרייט אַ סטאַדע שאָף איבער'ן פעלד. עטלעכע האָבן זיך צעלאָזן און גענומען לויפן צווישן די שטיינער אין דער ריכטונג פון באַרג. האָט דער בחור גענומען פייפן און רופן זיי אין העברעאיש, מאַכנדיק מיט'ן שטעקן אין דער לופטן.

די שאָף האָבן אויסגעהערט דעם באַפעל, און האָבן זיך צוריק־ געקערט מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּ. האָבן זיי הפנים דרך־ארץ פאַר אַ באַפעל אין העברעאיש.

מיר האָבן זיך מיט אים צערעט. ער איז דער פּאַסטוך פון

כפר גלעדי און הייסט אברהם. אין ריגא, וואו ער האָט שטודירט אין דער גימנאַזיע, האָט ער געהייסן אברהם מינסקער; אין ארץ ישראל, וואו ער פיטערט די שאָף פון דער קבוצה אין כפר גלעדי, האָט ער דעם „מינסקער" אָפּגעהאַקט און געלאָזן דעם אַלט־אַלטן אברהם.

אביסל ווייטער טרעפן מיר אָן א אידישן שומר פון וועלדל. ער האַלט א פערד ביים צוימל, א קאָכיק פערדל, וואָס שטייט ניט איין אויף אַן אָרט; שלאָגט מיט די קאָפּיטעס די שטיינער אַזש פונקען פליען.

דער בחור איז מיטלוואוקסיק, פעסט געפּאַקט, טונקל, מיט אומהיימלעכע שווארצע אויגן. ער טראָגט א פּעקל צוגעבונדן צו א רימען און א ביקס.

איך וואָלט ניט מקנא געווען דעם אראַבער, וואָס וואָלט זיך מיט אים פארטשעפּען.

תל חי דערהויבט זיך אויף א בערגל. מיר גייען אריין אין הויף, וואו די בלוטיקע טראגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט, וואו יוסף טרומפּעלדאָר איז געפאַלן פון אַן אראבישער מערדער־קויל.

דער הויף איז וויסט און פארלאָזן, די הייזער אויסגעליידיקטע און דער וועג צו זיי מיט גראָז באוואקסן. אין די ווענט לעכער פון קוילן. אונטער די סטריכעס שטייען אקעראייזנס, א טראקטאָר, וועגענער; זיי זיינען פאררויסטעט און שטויב האָט זיך אויף זיי אָנגעקליבן.

שטיל ארום ווי אויף א בית־עולם. פאַרוואָרלאָזטקייט און טויט ווייעט פון אַלצדינג. אין מיטן הויף א שטיין, א גלאַטער, פּירעקעדיקער ווייסער שטיין, וואָס באצייכנט דעם אָרט, וואו טרומ־פּעלדאָר איז געפאַלן.

דאָ איז ער אין בלוט אָפּגעגאַנגען.

דאָ האָט ער צאַפּלענדיק זיך אין גסיסה־ווייען געגעבן באַ־פעלן צו די אַנדערע צו בלייבן אויף זייערע פּאָסטנס, ניט זאָרגן זיך פאַר אים, נאָר באַשיצן די אידישע ערד.

פון דאַנען האָט מען אים אוועקגעטראָגן א גוססדיקן, איינ־געוויקלט אין א מאַנטל, קיין כפר־גלעדי.

עס איז שוין אבער געווען שפעט, ער האָט אויפן וועג אויסגע־הויכט דעם אָטעם. איידער ער האָט אָבער אויף אייביק געשלאָסן די אויגן, האָט ער זיך א הויב געטאָן און אויסגעשריען זיין אומ־שטערבלעכן רוף:

„טוב למות בעד ארצנו!"

דער רוף, וואָס איז פון טויזנטער אונטערגעכאפט געוואָרן, און קלינגט אין די אויערן פון יעדן חלוץ ווי גלעקער, וואָס רופן צו קאמף און זיג.

איינער פון די חברים דערציילט פון יענע שרעקנס־טעג:

„איך בין געשטאַנען ביי דער שטאָל. פלוצים איז חיים'קע געקומען צו לויפן און געשריען: טרומפעלדאָר איז פארוואונדעט, דער'הרג'עט! איך האָב זיך באלד געלאָזן לויפן און געטראָפן אים ליגן ביים אויוון מיט א טייל פון זיין קערפער און די פיס אויפ'ן הויף. איך בין צו צו אים. ווען ער האָט דערזען מיין פאר'צער'טן פנים, האָט ער זיך צעשמייכלט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, זאָל איך אים טרייסטן? דארף אבער טרומפעלדאר מען זאָל אים טרייסטן?

„אך, טרומפעלדאָר, טרומפעלדאָר!" האָט זיך ביי מיר ארויס־געריסן. ער האָט אָבער א זאָג געטאָן מיט זיין גוטן שמייכל: „אין דבר, אין דבר, מאַך מיר א באנדאזש." בין איך געלאָפן צו די חברים נאָך א באנדאזש און ניט געקאָנט קריגן.

„ער איז געלעגן צווישן מיינע פיס און איך האָב באשיצט דעם טויער. איך האָב געפילט זיינע יסורים און זיך אריבערגעבויגן צו אים אלע וויילע, פרעגנדיק אים: „זאָל איך דיך אריינטראָגן אין הויז?" „אין דבר", האָט ער געענטפערט מיט זיין ליכטיקן שמייכל. „דו דערלאַנג זיי נאָך נאָך א קויל!" דערנאָך האָט ער אויסגעשריען באפעלעריש: „דערלאַנג זיי נאָך א קויל און מאַך מיר א באנדאזש!"

„פלוצים האָט ער געהייסן רופן קאַצענעלסאָנען. זולאַטי האָט געוואָלט ארויסגיין און איז פארוואונדעט געוואָרן. טרומפעלדאָר האָט גיך נעקראָגן א צווייטע קויל אין רוקן. ער האָט זיך איינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט, צונויפגעצויגן די פיס אונטער דער וואַנט און געבעטן מען זאָל אים אריינטראָגן אין הויז. איך האָב אים לאַנגזאַם

ארויסגעשלעפּט פון צווישן מײנע פּיס און די חברים האָבן אים אַרײנגעטראָגן אין צימער אַרײן."

מיר גײען אַרויף די עטלעכע קרעכצנדיקע הילצערנע טרעפּלעך, וואָס פירן צו אַ פּאַרלאָזן הײזל. אין אַ װינקל שטײט דער ביוסט פון די צװײ העלדישע מײדלעך, וואָס זײנען געפאַלן אין יענע שרעקנס־טעג — שרה טשיזיק און דבורה דראַכלער. אַ מלאך האַלט אין זײן שױס די צװײ פרױען־פיגורן, טוליעט זײ צו זיך, טראָגט אַװעק די צװײ לויטערע נשמות אין לויטערע װעלטן. אימי־צער האָט באַקראַנצט מיט בלומען נאָך ניט פאַרטריקנטע דעם באַשײדענעם מאָנומענט פון די צװײ מאַרטירערינס. מען קומט אָהער אָפט. עס קומען אַרבײטער, טוריסטן. מען קומט פון די קאָלאָניעס און שטעט; מען קומט און מ'בלײבט שטײן לאַנג מיט געבױגענע קעפּ און מיט שטומען צער אין די אױגן.

פּאַרלאָזן מיר דאָס אָרט שװײגנדיקע. מיר האָבן מורא זיך איבערצוקוקן. בלײבן מיר נאָך שטײן בײם שטײן, װאו טרומ־פּעלדאָר איז געפאַלן, בלײבן שטײן און הערן זיך אײן אין דעם פּיל־רעדעװדיקן שװײגן, און די קולות, װאָס די אַרומיקע לופט האָט אין זיך אײנגעזאַפּט, קולות װאָס װעלן קײנמאָל ניט פאַרגײן. קולות פון גוסס'ע און מיט בלוט־אָפּגײענדיקע, און איבער זײ דער מוטי־קער אויסרוף צו די געפאַלענע און צו די, װעלכע לעבן און גײען אָן מיט'ן קאַמף:

„טוב למות בעד ארצנו!"

מיר נעמען קלעטערן אויפ'ן באַרג, װאו דער טרומפּעלדאָר־מאָנומענט איז ערשט לעצטנס אויפגעשטעלט געװאָרן. כמעט גאַנץ ארץ־ישראל איז געקומען צו דער אויפדעקונג פון דעם מאָנומענט, וואָס איז די אַרבײט פון דעם באַרימטן סקולפּטאָר מעלניקאָוו.

דריקט אויס דער מאָנומענט אַלצדינג, װאָס טרומפּעלדאָר האָט סימבאָליזירט, אַלצדינג װאָס זײן העלדישער קאַמף און סוף האָבן געמײנט, און אַלצדינג װאָס עס מײנט די אידישע אַרבײט און דער אידישער קאַמף אין ארץ־ישראל.

אַ מעכטיקער לײב פון אײן שטיק געלן גראַניט דערהויבט זיך איבערן באַרג. אַ לײב מיט פאָדערשט־אויפגעהויבענע לאַפּעס,

מיט א פאַרריסענעם קאָפּ, מיט א צעעפענטן מויל, גרייט א ברום צו טאָן אזוי, אז דער הימל זאָל אויפּציטערן, די ערד זאָל זיך א וואַקל טאָן, די בערג ארום זאָלן נעמען זיך וויגן פון שרעק.

איז עס אן אויסדרוק פון קאַמף, פון קאַמף קעגן הימל און ערד, קעגן אלע עלעמענטן; פון קאַמף פאַר אידישער פרייהייט, פאַר דער אידישער היים.

און ביי דער זייט — די קברים פון די אַנדערע געפאַלענע אידישע העלדן: שניאור שאַפּאשניק, אהרן שער, דבורה דראַכלער, בנימין מונטער, שאַרף, שרה טשיזיק, טאָקאַר און אַנדערע. הייליקע קברים. יעדער קבר א צינדנדיק ליכט, וואָס באַלויכט דעם וועג פון אונזער עתיד.

ווען מיר קלעטערן אַרויף צום באַרג, האָט דער רעגן גענומען גיסן. דער באַרג איז א ליימיקער און דאָס קלעטערן איז געווען ניט אזוי גרינג. די פיס האָבן אין בלאָטע געזונקען. וואָס ווייטער האָט די בלאָטע זיך מער אָנגעקליבן אויף די שיך. מיר זיינען אָבער געגאַנגען, געשפּאַנט העכער, העכער, ווי אימיצער וואָלט אונז אונ־טערגעטראָגן.

צוריקוועגס האָט דער רעגן זיך פאַרשטאַרקט, און ביז מיר האָבן אונדזער אָטאָמאָביל דערגרייכט, זיינען מיר געווען דורכגענעצט ביזן לייב.

איך האָב אָבער דעם רעגן ניט באַמערקט. איך האָב זיך געפילט א גרינגער, א פליגלדיק־לופטיקער, א דורכגעלייטערטער, ווי דער רעגן, די לופט ארום וואָלטן מיין נשמה אויסגעוואַשן.

עטלעכע אויטאָבאָסן און אויטאָמאָבילן זיינען אָנגעקומען. נאָך טוריסטן לאָזן זיך צו טרומפּעלדאָרס קבר. א גרופּע דייטשע איינגעוואַנדערטע צווישן זיי. עטלעכע פּוילישע אידן, מערסטנס יונגעלייט און מיידלעך. דער רעגן שמייסט, זיי לאָזן זיך אָבער קלעטערן אויפן באַרג, און פון כפר גלעדי א קלאַפּן פון האַמער אויף אייזן. אויך א קלאַפּן פון אייזן אָן שטיין. דאָס אַרבייט מען אין די מירמלשטיין־גרובנס פון כפר גלעדי. קלינגען מעכטיק די האַמערס אין דער לופט, מישן זיך אוים מיטן רויש פון דערביי־איקן וואַסערפאַל.

און איבער זיי דאָרט, אויפֿן באַרג, טרומפּעלדאָרס מאָנומענט,
דער לייב מיטן פֿאַרריסענעם קאָפּ צום הימל, וואָס ברומט איבער די פֿעלדער, טאָלן און בערג:

„טוב למות בעד ארצנו!"

* * *

אונדזער לעצטער אָפּשטעל איז מתולה — די גרעניץ פֿון ארץ ישראל און עבר הירדן. מיר טרינקען אַ גלעזל טיי און פֿאַרבייסן מיט אַ קיכל ביי אַ אידן מיטן נאָמען ברענער.

דער אַלטער איז שוין אַ בן שבעים, אָבער נאָך גראַד און קרעפּטיק. זיין זון איז שוין לאַנג אין ארץ ישראל, דער פֿאָטער אינגאַנצן עטלעכע יאָר. רעט ער נאָך מיט זיין קראָקאָווער אידיש — חצי גויאיש און פּאָלאָווינע אידיש, כאָטש, זאָגט ער אונדז, ער קאָן שוין אביסל העברעאיש.

דאָס אייניקל זיינס, אַ יונג מיידל מיט ברענענדיקע אויגן, פֿאַרקויפֿט אונדז צוקערקעס. איר פֿאָטער האָט אַ קרעמל. וואָלט איך געוועזן אַ מתולה'ער אָדער אפילו אַ שיינע עטלעכע מייל ווייט פֿון מתולה, וואָלט איך יעדן טאָג געקומען צו איר קויפֿן צוקערקעס.

ריידן מיר מיטן אַלטן, פֿרעגן אים, ווי עס גייט און ער ענט־פֿערט אונדז:

„ברוך ד'".

באַטראַכטן מיר זיין „האָטעל", איז דאָס שוין איינמאָל אַ האָטעל. באַטראַכטן מיר דאָס געסל, די עטלעכע קרעמלעך, די גרעניץ און די צוויי ענגלישע סאָלדאַטן וואָס שטייען אַנגעשפּאַרט ביים שלאַנג־בוים און גענעצן.

אָט דאָס איז די גרעניץ. דאָ האָט ענגלאַנד איבערגעשניטן אויף צווייען דעם צאַפּלדיקן גוף פֿון אונדזער לאַנד.

די „הסתדרות" פון די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל

מיר זיינען אין צענטער פון דער „הסתדרות" אין תל־אביב. מיר געפינען זיך אין א גרויסן, עטלעכע־שטאָקיקן הויז, וואָס שטייט אין א הויף ארומגענומען מיט א שטיינערנעם פּאַרקאַן און שאָטנדיקע בוימער, אויף וועלכע עס זעצט זיך דער שטויב פון די נייע בנינים, וואָס האַלטן זיך אין בויען. אויפן הויף דרייען זיך אום יונגעלייט און מיידלעך. דער גערויש פון פּרעס־מאַשינען דערגרייכט צו אונדז פון אָפענע פענסטער.

מיר גייען אריין אינעווייניק און קלאַפּן אָן אין דער טיר פון א צימערל מיט אן אויפשריפט: מערעמינסקי. נעמט אונדז אויף מערעמינסקי ווי היימישע מענטשן, וואָרים ער קען אונדז פון אמעריקע. נאָך דער באַגריסונג נעמט ער זיך באַלד אונדז דערקלערן, ווי די „הסתדרות" ארבעט. ער באַקענט אונדז מיט אלע רעדעלעך און שרייפעלעך פון איר קאָמפּליצירטער מאַשין.

עס ווערט פאר מיר באַלד קלאָר, אז אָט דאָס איז נישט גלאַט א בנין פון אן אָרגאַניזאציע, א צענטער פאר די און יענע ביוראָס, נאָר א מלוכה א גאַנצע, א צענדליק מיניסטעריומס אונטער איין דאַך. אָט זיינען מיר אין מיניסטעריום, וואו מען נעמט אויף די ניי־אָנגעקומענע ארבעטער און מען פאַרזאָרגט זיי מיט ארבעט; אָט פירט מען אונדז אריין אין דער אָפּטיילונג, פון וואַנען מען שיקט ארויס די איינגעזעסענע ארבעטער אין פאַרשיידענע פּלעצער. דער גרויסער חדר איז פול מיט יונגע בחורים און מיידלעך, זיי פילן אויס אַפּליקאַציעס, זיי קריגן פאַרשיידענע אינסטרוקציעס, מען שיקט זיי אין די קבוצות, אין די קאָלאָניעס, אנדערע צו ארבעטן אויף די געביידעס, אין רעסטאָראַנען און האָטעלן, אין ווערקשטאַטן און פאַבריקן — יעדער לויט זיין פאַך און באַרוף.

און אָט זיינען מיר אין דעם מיניסטעריום פון לעבנס־פאַרזיכערונג. די ארבעטער אין ארץ־ישראל האָבן זייער אייגענע איינ־

שורענס געזעלשאפט, מיט א באזונדערער פארוואלטונג. דער פאר־וואלטער דערקלערט אונדז דאָרטן ווי די געזעלשאפט פירט אָן איר טעטיקייט, וויפיל ארבעטער עס האָבן ארויסגענומען פּאָליסים, אין וועלכע אונטערנעמונגען מען האָט אריינגעלייגט דאָס געלט, וויפיל פּראָצענט דאָס געלט ברענגט אריין, וויפיל סומען מען צאָלט אויס אין פאל פון קראנקהייט אדער טויט. מיר קריגן דאָ א קלאָרע און זאכלעכע לעקציע וועגן ארבעטער־אינשורענס.

מיר זיינען אין דער קראנקן־קאסע, ווי זי הייסט „קופּת חולים". דאָ פארוואלטעט מען מיט די שפּיטאָלן און סאניטאָריומס, וואָס די ארבעטער האָבן אויפגעבויט. די ארבעטער־שפּיטאָלן זיינען צווישן די בעסטע אין לאנד. אונדז איז אויסגעקומען צו באזוכן דעם שפּיטאָל ביי עפולה, וואו די קראנקע ארבעטער פון גאנצן „עמק" ווערן באהאנדלט; דעם שפּיטאָל און סאניטאריום אין טבריה, דעם סאניטאריום „עזרה" ביי ירושלים, און מיר האָבן זיך פּשוט נישט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָרטן געזען.

מען פירט אונדז אריין אין בילדונגס־מיניסטעריום. דאָ פאר־וואלטעט מען מיט דער נעץ פון שולעס, וואָס די ארבעטער האלטן אויס. אין סטאטיסטישן דעפּארטמענט ווייזט מען אונדז די פאר־צווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס די „הסתדרות" פירט כמעט מיט אלע ארבעטער אָרגאניזאציעס פון דער וועלט, ווי אויך מיט אירע אייגענע הילפס־אָרגאניזאציעס אין פארשידענע לענדער. דאָ האָט מען אנגעזאמלט צונויפגעקליבן סטאטיסטישן מאטעריאל וועגן דער אר־בעטער־באוועגונג אין אלע לענדער. דאָס איז א זייער ווערטפולער און אינסטרוקטיווער ארכיוו, דער איינציקער פון זיין מין אין גאנץ ארץ־ישראל, און אפשר אין גאנצן נאָענטן מזרח.

אָט זיינען מיר אין דער אפּטיילונג וואו עס ווערט פארוואלטעט די ארבעטער־פרויען־אָרגאניזאציע, „הסתדרות־הפּועלות". און אָט אין דער דעפּארטמענט פון די יונגנטלעכע ארבעטער, פון דער אטלע־טישער אָרגאניזאציע „הפּועל" און אנדערע.

היינט די רעדאקציע פון „דבר" — די גרעסטע צייטונג אין ארץ־ישראל, וואָס האָט מער צירקולאציע ווי ביידע אנדערע טעג־

לעבע צייטונגען, דער „הארץ" און „דואר היום" צוזאמענגענומען. און אזוי דער וואָכנבלאַט „במעלה" און אנדערע, וואָס ווערן ארויסגעגעבן פון דער „הסתדרות", און דער ספּעציעלער ביכער־פאַרלאַג.

און אונטן רוישן די לינאָטיפּס און פּרעסמאַשינען פון דער מאָדערן-איינגעאָרדנטער דרוקעריי. מערעמינסקי ווייזט מיר אָן אויף א זעץ־מאַשין און באמערקט: „דאָס איז די מתנה פון אייערע ניו יאָרקער שריפטזעצער".

אויף יעדן שטאָק קאָכט מיט לעבן. אויף יעדן שטאָק גייט אָן אן אימפּעטיקע באוועגונג. אומעטום וואו איר גייט אריין, באמערקט איר ארדנונג, דיסציפּלין, גלויבן אין די אייגענע כוחות.

די „הסתדרות" ציילט העכער 40 טויזנט מיטגלידער. דאָס זיינען די ציפערן, וואָס מען האָט מיר דאָרטן אָנגעגעבן. די אָרגאַניזאציע קאָנטראָלירט צוויי און אכציק פּראָצענט פון דער ארבעט אין דעם אידישן היימלאַנד. שטייען אונטער דער דאָזיקער אָרגאַניזאציע מערקווירדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע כוחות. באגעגנט איר דאָרטן מענטשן, מאנכע פון וועלכע האָבן אוועקגעגעבן די בעסטע יאָרן פון זייער לעבן פאר דער אידישער ארבעטערשאפט און פאר דעם אויפבוי פון דעם אידישן היימלאַנד. האָט איר אויך דאָ צו טאָן מיט אן אָרגאַניזאציע, וואָס קעמפט מיט מסירת־נפש פאר אידישער ארבעט, פאר א מענטשלעכן לוין, פאר א שענערן און פרייערן לעבנס־שטייגער אין ארץ־ישראל.

ווען נישט די „הסתדרות" וואָלטן מיר געהאט אין ארץ־ישראל דיזעלביקע שענדלעכע עקספּלואַטאציע ווי אין אמעריקע און אין אלע אנדערע לענדער, וואָרים דער קאפּיטאליזם איז אומעטום דער־זעלביקער און ער ענדערט ווינציק זיין צורה אפילו אין ארץ־ישראל. דאָס, וואָס דער וואָס קומט מאכן פּראָפיטן אין ארץ־ישראל, איז נישט קיין גרויס־קאפּיטאליסט, מאכט די לאגע נישט בעסער, נאָר ערגער. און עס געפינען זיך גענוג אידן אין ארץ־ישראל — קאָלאָ־ניסטן, פאבריקאנטן, ריעל־עסטייטניקעס — וואָס וואָלטן וועלן, אז דער אידישער ארבעטער זאָל ארבעטן פאר א הונגער־לוין און לינן אונטער זייער אָפּצאָס און נישט קענען אויפהויבן דעם קאָפּ. ביי

דידאָזיקע אידן וואָלט רעכט געווען צו רעדוצירן דעם אידישן אר־בעטער צו דער מדרגה פון אראַבער, וואָס קאָן זיך צופרידענשטעלן מיט א רוי־געבאַקן פּלעצל א טאָג און שלאָפן אויף דער נאַקעטער ערד.

און עס זיינען פאראן גענוג אידן אין ארץ־ישראל, וואָס וואָלטן וועלן פארפלייצן דאָס לאַנד מיט אראַבישע ארבעטער.

די אידישע ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל איז די שענ־סטע שאפונג אין דעם אידישן היימלאַנד. אויב עס איז פאראַן לויטערער אידעאַליזם אין ארץ־ישראל, אומבאַגרעניצטע מסירת נפש, וואָס האָט ממש צו זיך קיין גלייכן נישט, געפינט מען עס ביי די אידישע ארבעטער.

מען טרעפט עס נישט ביי די קרעמער און הענדלער אין די שטעט און אין די קאָלאָניעס.

מען זעט עס נישט ביי די ספּעקולאַנטן מיט הייזער אין תל־אביב און ירושלים, וואָס האָבן געבראַכט צו א וואוינונגס־קריזיס, קעגן וועלכן די רעגירונג האָט געמוזט אָננעמען מיטלען. און מען זעט עס אויך נישט ביי די פאבריקאנטן, און אונטערנעמער, וואָס האָבן נישט דערלייגט זייער באַבעס ירושה צו ארץ־ישראל.

א סך פון די דאָזיקע אידן ווערן היינט רייך אין ארץ־ישראל, דאָס אידישע היימלאַנד איז פאַר זיי ממש א שמאַלצגרוב. איך האָב באַגעגנט אין ארץ־ישראל אמעריקאַנער אידן, וואָס זיינען געקומען אין לאַנד מיט דעם לעצטן ביסל פארמעגן, וואָס זיי האָבן ארויס־געראַטעוועט פון דער וואָל־סטריט שרפה און זיינען היינט „אָל־רייט", זיי פארדינען גרויסע סומען אין פּרדסים, הייזער, פאבריקן. און זיי קאָנען נאָך פּאַראַדירן אלס אידעאַליסטן און בויער פון דעם אידישן היימלאַנד. ארץ־ישראל גיט זיי עולם־הזה און עולם־הבא.

וויל איך דאָ כּלל נישט אוועקמאַכן דעם ווערט פון דעם, וואָס מען רופט „פּריוואַטע איניציאַטיווע". איך וויים גאַנץ גוט, אז פּריוואַטער קאַפּיטאַל איז גאָר א גרויסער פאַקטאָר אינם אויפבוי פון לאַנד. איך וויל אויך נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אז צווישן די אידן, וואָס זיינען געקומען מיט געלט און מאַכן געלט, געפינען זיך אויך גאַנץ גוטע ציוניסטן. זאָלן זיי אבער נישט פּאַראַדירן אלס

די „רעטער פון אידישן פאָלק", וואָרים צו מאכן היינטיקן טאָג אַז אינוועסטמענט אין ארץ־ישראל האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט אידעאַליזם. עס איז פשוט געשעפט. א איד ווי מר. פּאָלאַק, למשל, וואָס האָט געמאכט אין דער צעמענט־פאבריק „נשר" הונדערט און פינף און צוואנציק טויזנט פונט אין א קורצער צייט — אים קומט זיכער נישט קיין מאָנומענט ביים לעבן.

קומט אבער צו די ארבעטער אין די קבוצות אדער וואָס ארבעטן ביי בויען די הייזער אין תל־אביב און אין ירושלים, און וואָס פלאַסטערן די וועגן — אויף זיי מוזט איר זאָגן, אַז זיי זיינען מענטשן, וואָס ברייגנען קרבנות פארן אידישן היימלאנד.

* * *

און איך האָב געזען די וואונדערלעכע דיסציפּלין פון די אי־דישע ארבעטער, זייער אומפארגלייכלעכע אָפּפערוויליקייט און מאָ־ראַלע פאראַנטוואָרטלעכקייט.

אָט איז איין ביישפּיל פון פיל: נאָך דעם צוזאמענברוך פון דער רעוואָלוציע אין עסטרייך האָט די „הסתדרות" ארויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די ארבעטער צו העלפן זייערע חברים אין עסטרייך. האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געטענהט, אַז די עסטרייכישע סאָציאַליסטן, ווי די סאָציאַליסטן פון א סך אנדערע לענדער, האָבן אָנגענומען א מויל מיט וואַסער נאָך די בלוטיקע אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל. עס האָבן זיך דעמאָלט אפילו געפונען סאָציאַליסטן אין עסטרייך און אנדערע לענדער, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די אַראַבישע פּאָגראָמען זיינען אַן אויפ־שטאַנד פון דעם „אַראַבישן פּראָלעטאַריאַט". — די ארץ־ישראל־דיקע ארבעטער האָבן זיך אָבער דערמיט נישט גערעכנט, זיי האָבן אין דריי טעג צייט געזאמלט אכצן הונדערט פונט פאַר די פארבלוטיקטע ארבעטער אין עסטרייך. ביים סוף וואָך האָט די סומע שוין דערגרייכט צו דריי טויזנט פונט. שטעלט אייך פאָר וויפיל חדשים עס וואָלט גענומען אין אמעריקע צו זאמלען אַזאַ סומע? וויפיל קאַמפּיינס מען וואָלט געדאַרפט מאכן, וויפיל טינט מען וואָלט פארגאָסן אויף „פּובליסיטי" און אויף אויפרופן.

מען זאָגט, די „הסתדרות" איז סאָציאַליסטיש און מאַרקסיס־טיש. מען זאָגט, די „הסתדרות" מאַכט צו אָפטע סטרייקס און שטערט אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. איז וואָס אמבאַלאַנגט סאָציאַליזם — הויבט עס מיך נישט אָן צו אַרן. פאַרקערט, מיר פאַרדריסט, וואָס דער סאָציאַליזם פון דער „הסתדרות" איז א פאַ־רעווער. עס איז דער בלוטלאָזער, ציינלאָזער, מעקדאָנאַלד־סנאָודען סאָציאַליזם, פאַר וועלכן אפילו קינדער אין די וויגן שרעקן זיך שוין נישט. ווען איך האָב זיך צערעדט מיט א מענטשן, וועלכער שטייט נאָענט צו דער „הסתדרות", וועגן אָט דעם ענין, האָט ער באַ־מערקט: „נאָר שוטים דאַרפן מורא האָבן פאַר דעם סאָציאַליזם פון די היגע אידישע אַרבעטער. דער אמת איז, אז אזוי גיך ווי אַן אַרבעטער קריגט אַן אייגן שטיקל ערד, א כאַטקע, ווערט ער א סטאַטעטשנער בירגער".

אי, וואָס מען זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און מען פּאַראַ־דירט דעם ערשטן מאַי מיט דער רויטער פאָן? — איז עס אויך נישט געפערלעך. אָט קען איך א סך קרעמער און ריעל־עסטייט־לייט, וואָס שווערן ביי מאַרקס באָרד און סטאַלינס פּאות און — וועלט בלייבט וועלט.

די מורא פאַר דעם סאָציאַליזם פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז א גרונטלאָזע, ווען אפילו עס האָבן זיך געפונען איינער אָדער צוויי פון די הסתדרות־לייט, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט שטאַרקע רייד, ווי: „עקספּראָפּריאַציע פון פּריי־וואַטן קאַפּיטאַל", א. א. וו.

און סטרייקס? — פאַרוואָס נישט? וואו שטייט עס געשריבן, אז א אידישער אונטערנעמער דאַרף ווערן רייך און פעט אויפן חשבון פון דעם אַרבעטער נאָר דערפאַר, ווייל דער דאָזיקער אַרבע־טער לעבט אין ארץ־ישראל? פאַרוואָס דערלאָזן, אז א אידישער אונטערנעמער זאָל אויסנוצן די קדושה פון ארץ־ישראל, דעם אידעאַל פון ציוניזם, דעם חלום פון א אידישער היימלאַנד, פאַר זיין אייגענער קעשענע? פאַרוואָס טאַקע נישט דערלאַנגען אים איבערן קאָפּ, ווען ער וויל איינפירן א הונגער־לוין און אַראַבישע אַרבעט אין ארץ־ישראל? פאַרוואָס זאָלן זיך די אַרבעטער אין

ארץ־ישראל נישט באנוצן מיטן איינציקן קאמפס־מיטל, וואָס דער ארבעטער פארמאָגט?

טוער פון דער „הסתדרות" האָבן מיר אפילו פארזיכערט, אז מען זוכט אויסצומיידן סטרייקס ווי ווייט מעגלעך. איז, וואָס אָמ־באַלאַנגט מיר, די דאָזיקע פארזיכערונג געווען לחלוטין אן איבע־ריקע. וואָרים איך האלט, אז ווען אן ארבעטער סטרייקט, האָט ער רעכט. איך גיי נאָך ווייטער, ביי מיר איז דער אידישער אר־בעטער שטענדיק גערעכט, אפילו ווען ער איז אומגערעכט. ער איז שוין גערעכט דערמיט אליין, וואָס ער איז אן ארבעטער, אן עקס־פּלואַטירטער. אונדזער ליבע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג האָט שוין געזאָרגט דערפאר, אז דער ארבייטער זאָל זיך נישט קאָנען פאר־גינען אמאָל דעם לוקסוס פון זיין אומגערעכט. דאָס איז א פּריווי־לעגיע, וואָס די קאפּיטאליסטישע אָרדנונג גיט נאָר דעם קאפּי־טאַליסט און אויסבייטער.

געווים האָט די „הסתדרות" גרויסע חסרונות. די הסתדרות איז, למשל, באגאנגען א פארברעכן, וואָס קיין וואסער וועט עס קיינמאָל נישט אָפּוואשן, מיט דעם, וואָס מ'האָט אויסגענוצט די אַרלאָזאָראָוו־טראַגעדיע פאר פּארטיי־צוועקן, און מען האָט אָנגע־הויבן א פּראָוואָקאציע און טעראָר קעגן די רעוויזיאָניסטן און ביתרים, וואָס האָט געפירט צו דעם איצטיקן ביטערן קאמף, וואָס גייט אָן אין דעם אידישן היימלאנד. מאַנכע פון די הסתדרות־ניקעס האָבן מיר גאנץ אָפן צוגעגעבן, אז דאָס איז געווען א פארברעכן.

און עס איז פאראַן אמת אין די טענות פון די רעוויזיאָניסטן, אז מען האָט קעגן זיי דיסקרימינירט ביים פארטיילן ארבעט, און אז צוליב אָט דער דיסקרימינאציע ליידן א סך הונגער און נויט. דאָס לעצטע איז, אגב, איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער אָרגאַניזירונג פון באזונדערע יוניאָנס.

אָבער מיט אלע מוראדיקע פעלערן, וואָס די „הסתדרות" איז באגאנגען און באגייט נאָך היינטיקן טאָג, איז זי אלץ א גרויסער קאָנסטרוקטיווער כח אין דעם אויפבוי פון דעם אידישן היימלאנד. דער עיקר פון אירע פארדינסטן באשטייט אין דעם, וואָס זי באַ־

שיצט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם אידישן ארבעטער, און דאָס דערקלערט, פארוואָס דער ארבעטער איז צוגעבונדן צו דער אָרגאַניזאַציע מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה.

און די אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל זיינען, ווי איך האָב שוין באמערקט, דער איינציקער אָרגאַניזירטער עלעמענט אין לאַנד. זיי זיינען די איינציקע, וואָס האָבן אַן אויסגעצייכנטן אפאַראַט, און דער עיקר — זיי האָבן מוט, גלויבן, מסירת־נפש, אָן וועלכע דאָס אידישע היימלאַנד קאָן נישט געבויט ווערן.

די רוטענבערג סטאַנציע — דער לעבנס נערוו פונם נייעם ארץ ישראל

אין א הייסן בייטאָג, ווען די ארץ־ישראלדיקע זון האָט געגאָסן מיט עמערס אַקרעפּ איבערן קאָפּ, האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזן צו דער רוטענבערג סטאַנציע, נית ווייט פון טבריה.

דער וועג ערטערווייז צעגראָבן. אונזער אָטאָמאָביל האָט זיך געמוזט פארקירעווען אויף א שמאָלן שטויביקן וועג, וואָס שניידט זיך אריין צווישן פעלדער. פון וויטנס הערט זיך שוין דאָס קלאַפּן פון האמערס אין הארטן שטיין, דאָס שווערע סאָפּען פון א פּאראָ־וויק, דאָס קלינגען פון שטאַנגען און קייטן פון די דאמפיקע הויב־און־גראָב־מאַשינען.

מ׳בויט ארום דער סטאַנציע א נייעם שאָסיי און מ׳ברייטערט אוים דעם אלטן. דאָס טוען די ענגלענדער. קומט זיי נישט קיין קניפּ אין בעקל דערפאר, וואָרים אָט די אלע שאָסייען וואָס מ׳האָט געבויט און מ׳האלט אין בויען, און וואָס מ׳מאַכט היינט א רייזע איבער אונדזער לאַנד אזוי גלאַט און געמיטלעך, זיי קומען פון אידישע שטייערן. די אראבישע שטייערן זיינען גראָשנס, און מיט זיי וואָלט מען אפילו קיין קאָנורעס נישט געקאָנט אויפשטעלן. די שטייערן פון די אידן ברייינגען אבער אריין מיליאָנען.

איז נאָך גוט וואָס א קליינער טייל ווערט אריינגעלייגט אין שאָסייען און אנדערע לאַנד־פארבעסערונגען. די פּאלעסטינער רע־גירונג וואָלט אבער געקאָנט אויפטאָן פיל מער מיט די שטייערן, וואָס האָבן זיך ביי איר אָנגעקליבן און וואָס ליגן ווי א שטיין. ארץ־ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס ווייס נישט פון דעפיציט. פארקערט, די רעגירונג ברעכט זיך דעם קאָפּ און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט דעם איבעריקן געלט, וואָס זי האָט ביי זיך. פּאלעסטינע איז אויך די איינציקע „ענגלישע קאָלאָניע״ אין מזרח, וואו „זיין מאיעסטעט רעגירונג״ נישט נאָר דערלייגט זי נישט קיין געלט, ווי ס׳איז, למשל, דער פאל אין עגיפּטן, נאָר זי מאַכט נאָך פּראָפיט.

וועגן דעם נייעם אויסגעברייטערטן שאָסיי, וואָס מען בויט איצט, איז אָנגעגאַנגען א סכסוך צווישן דער רעגירונג און דער קבוצה „דגניה". די רעגירונג האָט געפּלאַנעוועט צו פּלאַסטערן דעם וועג האַרט ביי דער קאָלאָניע ביים גרעניץ פון די אקאַליפּטוס און ברושים־ביימער, וואָס באַשיצן די קבוצה פון דער דרויסנדיקער וועלט.

האָט „דגניה" אבער נישט געוואָלט האָבן דעם שאָסיי ביי איר טיר; מ'האָט נישט געוואָלט, אז דער גערויש פון אַטאָמאָבילן, דאָס טאַראַראַכקען פון רעדער, דער איינגעסנדיקער קליפּ־קלאַפּ פון אייזל־שע און קעמלשע קאָפּיטעס זאָל שטערן די רו, וואָס איז אויסגעגאָסן איבער די פעלדער און גערטנער. „זאָל מען בויען דעם שאָסיי אביסל ווייטער", האָט מען געטענהט, „צו וואָס ברייגנגען טומל און קאָך צו אונדזערע שטילע שוועלן?"

און „דגניה" האָט סוף־כל־סוף געזיגט, די רעגירונג האָט נאָכ־געגעבן און מען בויט דעם שאָסיי אביסל ווייטער.

„דגניהס" געזונטער שלאָף, וואָס לאָזט זיך אַרונטער מיט ווייך־אויסגעשפּרייטע פליגלען נאָך א טאָג פון שווערער אַרבעט, וועט נישט געשטערט ווערן, און אויך נישט די חלומות, וואָס „דגניה" שפּינט אין דער שטיל, ווען דער אַוונט רוקט זיך אָן מיט אַמאָל אויף באַרג און טאָל און שטערן צוציגנדן זיך, און דאָס וואָיען פון שאַקאַלן רייסט דורך דעם ווייכן סאַמעט פון דער נאַכט.

* * *

אַרבעט מען ביי דעם שאָסיי און מען אַרבעט אויך ביי דער רוטענבערג סטאַנציע. רוטענבערגס וואונדער זען זיך איבער דער גאַנצער לייגנג און ברייט פון לאַנד.

יעדער עלעקטריש לעמפּל רעדט פון זיי מיט ליכטיק־בליציקע רייד.

יעדער קינסטלעך־באַוואָסערטער בייט און שטיקל פעלד זינגט וועגן זיי מיט גרינער צעוואַקסנקייט און קאָלירענדיקער צעבליאונג.

נאָר א טייל פון ירושלים באַנוצט זיך נאָך מיט דעם עלעק־טרישן ליכט, וואָס ווערט צוגעשטעלט פון אַן ענגלישער געזעלשאַפט. און אין דער אַלטער גוססער צפת קאָפּטיען נאָך פּאַרצייטיקע סע־

ראָסין־לעמפּלעך אין די הייזער. דער רוב פון אונדזער לאַנד לעבט אָבער און ווארעמט זיך מיט די פייערן, וואָס רוטענבערג האָט אָנגעצונדן ביי די ברעגן פון כנרת און ירדן.

און גרויסע שטחים ערד ווערן אָנגעטרונקען מיט זאַפט און קראַפט דורך דער באַוואַסערונג, וואָס קומט פון דער רוטענבערג־סטאַנציע.

איז עס נאָך דערווייל דער אָנהויב פון דעם רוטענבערג־וואונדער. א סך מער וועט ערשט קומען, ווען די סטאַנציע, וועט זיך אנטוויקלען און ארבעטן מיט איר גאַנצער, פול־אויסגענוצטער קראַפט.

רוטענבערג, וואָס איז אין זיינע פריערדיקע יאָרן געווען א סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, האָט מיט זיין אויפטו געבראַכט די גרעסטע רעוואָלוציע אין אונדזער לאַנד. א רעוואָלוציע, וואָס איבערשטייגט אַלצדינג אין זיין העלדישער קאַריערע, א רעוואָלוציע פון קאָלאָסאַלן אויפבוי און שאַפן.

די שטערונגען, וואָס ער האָט באַגעגנט אין אונדזער לאַנד, זיינען געווען זיכער נישט קלענער ווי די שטערונגען, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיין אמאָליקן רעוואָלוציאָנערן וועג.

אין דער צאַרישער רוסלאַנד — די וואַנט פון א בייזער מאַכט, וואָס האָט גענומען הונדערטער יאָרן דורכצוברעכן.

אין אונזער לאַנד — א וואַנט פון בייזע, וויסטע בערג, וואָס האָבן דעם וועג פאַרצאַמט.

ער האָט אָבער באַצוואונגען די בערג און די טייכן, ווי ער און אנדערע האָבן באַצוואונגען דעם צאַריזם.

איז עס נישט אנגעקומען אזוי גרינג, וואָרים די בערג ארום און דער ירדן און כנרת האָבן זיך נישט געלאָזן אזוי גיך איינבייסן.

פאַר די בערג און דעם ירדן און כנרת האָט מען נעדאַרפט עפּעס מער ווי א רעוואָלוציע, עס האָט זיך געפאָדערט דינאַמיט, און דער עיקר — דינאַמיטישער ווילן און גלויבן, וואָס רוטענבערג פאַרמאָגט אזוי פיל.

איז ער דערפאַר ביינעקומען אלע שטערונגען און באַשאַפן די

וואונדער, וואָס מען זעט פאר זיך איבער דער גאנצער לייגג און ברייט פון אונדזער לאנד.

ס'איז אָבער נישט אָנגעקומען גרינג. ניין, גאָר נישט גרינג. צוערשט — די בערג, וואָס האָבן דעם וועג פארהאקט, און דערנאָך דער ירדן און כנרת, וואָס זיינען געלאָפן ווי ווילדע טאבונען פערד און געפּאטשט מיט זייערע כוואַליענדיקע גריוועס גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין.

טויזנטער יאָרן זיינען די דאָזיקע צוויי טייכן געלאָפן זייער איינענעם, באזונדערן וועג.

ביידע פאראייביקט אין אונדזער געשיכטע און אין דער גע־שיכטע פון דער וועלט.

ביי ביידנס ברעגן און אויף ביידנס פלאַך האָבן זיך אָפּגע־שפּילט די גרעסטע מענטשלעכע דראַמעס.

דער ירדן האָט געזען אונדזער ערשטן אריינמארש אין דעם געבאָטענעם לאנד כנען.

און איבער דעם כנרת און די גליל־בערג האָט די בלייך־אוים־געצערטע געשטאַלט פון קריסטוסן באוויזן זיך ווי א דראָענדיקער שאָטן.

זיינען זיך געלאָפן אזוי טויזנטער יאָרן אָט די צוויי טייכן, פארבאָרגן צווישן טאָלן און בערג, איבער וועלכע פארוויסטונג און טויט האָבן זיך אַלץ מער ארונטערגעלאָזן. זיי זיינען געלאָפן אָט שלאַנגיש־פארקרומט און אָט צעשוואומען־ברייט, אין פארפלייצ־טער צענאָסנקייט. זיי זיינען געלאָפן אויף זייער אייביק־שטראָמיקן וועג און געטראָגן אויף זיך און אין זיך די סודות פון דער איי־ביקייט.

קיין איבעריק נוצן האָבן זיי אבער אונדזער לאנד נישט גע־בראכט, וואָרים עס איז נישט געווען ווער עס זאָל ארויסשלאָגן פון זיי דאָס לעבן, וואָס זייערע וואסערן האָבן אין זיך געטראָגן.

האלב־חרובע אראבישע דערפלעך האָבן זיך געשפּרייט ארום זיי. אראבישע פרויען האָבן געוואשן דאָס ארימע, ברודיקע גרעט ביי די ברעגן. אייזלען און קעמלען האָבן זיך געפּאָיעט אין זיי, דאָ און דאָרטן האָט אן איינזאמער אראבישער פישער געוויגט זיך אויף

א שיפל מיט א קויטיקן זעגל. אזוי הונדערטער און הונדערטער יאָרן.

ביז רוטענבערג איז געקומען און געבראכט אויפלעבונג און בליאונג צווישן די ווימטע טאָלן און בערג.

ווי אזוי? גאנץ פשוט: ער האָט א נעם געטאָן מיט דער האנט, ווי א פארצייטיקער לעגענדארער ריז, דעם אלטן ירדן ביי דער באָרד, ארייננעשלעפּט דעם כנרת, צונויפגעגאָסן די ביידע טייכן, וואָס זיינען אזוי לאנג געלאָפן אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אנדערן; צונויפגעגאָסן זיי אין איין מעכטיקן וואסער, פארהאמערט עס מיט א ריזיקער דאמבע, געלאָזט זיי טרייבן דערנאָך דורך גיגאנ־טישע דינאַמאָס, וואָס פאטשן זיי אויף אין א ריזיקן וואסערפאַל און גיסן זיי דערנאָך איבער אין קאָלאָסאלע רערן און טורבינען.

פארשפרייט אָט די גוואלדיקע וואסער־קראפט, וואָס ער האָט געשאפן, ליכט און באוואסערונג.

דערציילט יעדער עלעקטריש לעמפּל, יעדער באוואסערטער בייט און שטיקל פעלד פון רוטענבערגס וואונדער.

דאָס איז אבער נאָך נישט אינגאנצן. אנדערע וועלן ערשט קומען. ווארים רוטענבערג האָט נאָך זיין סטאנציע נישט פאר־ענדיקט.

* * *

מיר זיינען ביי דער סטאנציע. מיר געפינען זיך אין צענטער פון פארשיידענע געביידעס. אָט איז א הויז פאר די ארבעטער. אָט איז די „לשכה" — די ביורא פון דער פארוואלטונג. אָט איז א געביידע, וואָס איז א ווערקשטאט, וואו עס ארבעטן אינזשינערן און מעכאניקער.

טוריסטן קומען כמעט יעדן טאָג זען די סטאנציע. איז פאַ־ראנען פאר זיי א ספעציעלער וועגווייזער, וואָס פירט זיי ארום און דערקלערט וואָס דאָ גייט אָן. אונדזער וועגווייזער איז א קרעפ־טיקער, געפאקטער בחור, מיט א בלאָנדן קאָפּ האָר, וואָס זיצן אומ־רואיג אויף זיין קאָפּ, ווי א קרוין אויף דעם קאָפּ פון היינטיקע מאָנארכן. דאָס ווינטל וואָס ציט פון דעם וואסערפאַל און קילט חיותדיק דאָס אָנגעהיצטע לייב, לאָזט נישט צורו דעם בחורס האָר,

שויבערט זיי, קרייזלט זיי, און אן איינגע׳עקשנטער לאָז פאַלט אים אויף דעם שטערן און איבער די אויגן. שאַרט ער אים אוועק אַלע ווײַלע אומגעדולדיק.

מיר צורײדן זיך מיט אים. ער רעדט העברעאיש מיט א רו־סישן אַקצענט, דאָס איז א „ריישיקער" העברעאיש און אויך א „חיתיקער". די „רייש" און די „חית" קראַכן און ברעכן זיך צווישן זיינע ציין, ווי די שטיינער־שפּליטער, וואָס פאַלן אונטער די האַמערן פון די אַרבעטער אויפן שאָסיי און ביי דער סטאַנציע.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז אָט דער בחור קומט פון וואָראָנעזש, פון דער קאַצאַפּן־שטאָט וואָראָנעזש. פאַראַנען טאַקע עפּעס קאַ־צאַפּישעס אין אים, אין דעם רויטן פּנים, אין דעם געזונטן קאַרק, וואָס ברווינט זיך אַרויס פון אונטער דעם קאָלנער פון איינג־געפּאַסטן קהאקי־העמדל, און פון זיינע ברייט־שוואונגיקע, „דושא־נאַראַס־פּאַשקו"־באַוועגונגען.

עס נעמט נישט לאַנג און ער צורעדט זיך מיט אונדז אויף רוסיש. דעם אָנהויב מאַכט באַזילאַנסקי. ער קען אים און רעדט מיט אים רוסיש. דערפילט זיך דער וואָראָנעזשער בחור ווי א פיש אין וואַסער. זיין קרעפּטיק־קערנדיקער רוסיש ברײנגט אַריבער אויף א ווייל די ווייטע, קאַצאַפּישע וואָראָנעזש אונטער די ליכטיקע הימלען פון אונדזער לאַנד.

מיר לאָזן זיך אַרונטער צו דער סטאַנציע. א ריזיקער בנין, וואו עס אַרבעטן די דינאַמאָס און מאָטאָרן. א יונג אין אָוועראָלס זיצט אין דער הויך אויף א ביינקל און האַלט אַן אויג אויף די זייגערס. אַן אַנדערער פּאָרעט זיך ביי א מאַשין. זען מיר פאַר זיך דאָס לעצטע וואָרט פון טעכניק אין מיטן פון אָט דער אויפגעלעב־טער וויסטעניש. גלויבט זיך ממש נישט די אויגן, אַז אָט די די־נאַמאָס, מאָטאָרן און מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך שטיל, געררויש־לאָז, אָט די זייגערס, וואָס יעדער ציטער פון ווייזער אויף דעם ציפערבלאַט האָט זיין באַזונדער מיין, זיין אייגענע מיסטעריעזע באַ־דייטונג, אַז דאָס אַלץ געפינט זיך אין עמק הירדן, אין צענטער פון נאַקעטע בערג, וואָס דערהויבן זיך מיט פעלזיקע שפּיצן. אַזאַ ווייטער, פאַרהוילענער געכטן רעדט אַרונטער פון די דאָזיקע בערג,

אזא גרויע פֿאַרגאַנגענהייט טראָגט זיך אום צווישן זייערע שפּאַלטן און היילן. אזוי פֿיל פֿעלקער און נאַציעס האָבן דאָ געלעבט און זיינען אונטערגעגאַנגען. און אזא מוראדיקע וויסטעניש איז הונדערטער און הונדערטער יאָרן געלעגן אויף זיי. אָט ערשט נעכטן מדבר, מדבר און מדבר. און נאָך היינט, נישט מער ווי א הונדערט שפּאַן פֿון אָט דעם אָרט, ליגן פֿאַרקנורעט ווי הינטישע קאַנורעס לײמיקע אַראַבישע דערפֿלעך. שווינדזיכטיקע בהמות נישטערן א גרעזל צווישן די שטיינער. ציגן שפּרינגען איבער די פֿעלזן. אָפּגעריסענע אַראַבער ליגן אויסגעצויגן אין שאָטן, אַנדערע שלעפּן זיך נאָך מאָגערע אייזלען אָדער הוידען זיך פֿויל און שלעפֿעריק אויף דעם געדולדיקן האַרב פֿון די קעמלען; אַן אַראַבערקע צולייגט א פֿייער, זי האָט זיך אויסגעצויגן מיט די נאַקעטע ליטקעס אַנטקעגן דער זון און צובלאָזט די עטלעכע שפּענדלעך אונטער דעם שטייגערנעם אויוועלע. בעדואינער געצעלטן שוואַרצן זיך; רויק און געשטאַנק טראָגט זיך צו די נאָז־לעכער.

אָט אזוי איז עס געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ביי זיי, ביי די אַראַבער, און אָט אזוי איז עס נאָך היינט ביי זיי. ס׳האָט זיך גאָרנישט געענדערט, די פּרימיטיווקייט האָט זיך אין זייערע שווינדזיכטיקע ביינער איינגעגעסן. דער אימפּעט פֿון דער וועלט, איר פּראָגרעס, איר טעכניק — צו זיי האָט עס נישט דערגרייכט. ביי זיי איז מדבר, און זיי זיינען די פֿאַרקערפּערונג פֿון מדבר.

און דאָס אַלץ אין מיטן אָט די דינאַמאָס און מאָטאָרן, אָט די קאָמפּליצירטע מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך שטיל, גערוישלאָז און טוען זייער אַרבעט מיט אזא מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט; אָט די געהיימע, מיסטעריעזע זייגערס, וואָס יעדער ציטער פֿון ווייזער אויף זייער ציפֿערבלאַט רעדט פֿון די וואונדער פֿון בראשית. ס׳גלויבט זיך ממש נישט.

און דער גערויש פֿון די וואַסערפֿאַלן, וואָס גאַלאָפּירן באַרג־אַראָפּ, ווי טאַבונען פֿערד, פּאַטשן מיט זייערע ווייסע גריוועס און שפּריצן מיט שפּריי־רעגנס, וואָס גיסן זיך איבער ווי גאָלד־טראָפּנס אין דער בלויער, זוניקער לופֿט.

זיינען דאָס נישט קיין ווילדע פֿערד, וואָס לויפֿן גלאַט אזוי אין

דער וועלט אריין. דער בחור אין אָוועראָלס, וואָס זיצט אויבן אויף א ביינקל און האלט די אויגן אויף דעם ציפערבלאַט אָנגעשטעלט, צוימט זיי ווי א געניטער רייטער; ער לאָזט זיי לויפן וואו מען דארף און ווי שנעל מען דארף; ער דארף בלויז א דריי טאָן א הענטל און די וואסערן ווערן איינגעהאלטן אדער זיי צעיאָגן זיך אימפעטיקער, און אז ער וויל קען ער זיי אינגאנצן אָפּשטעלן, איינשפּאַרן זיי, ווי מען שפּארט איין א סטאַדע שאָף אונטער א פּלויט. ער וועט עס אבער נישט טאָן, וואָרים אונדזער לאַנד דארף האָבן אַט די וואסערן, וואָס טראָגן מיט זיך ליכט און לעבן.

* * *

ביים אריינגאַנג באַגעגנט אונדז איינער פון די הויפּט-אינזשינערן. ער איז א דייטשער יונגערמאַן מיט א בלאָנד, יונג-שפּראָצנדיק וואָנצעלע איבער דער ליפּ און מיט רואיקע, געמאָסטענע מאַניערן. ער רעדט העברעאיש, אבער נישט אזוי געלויפיק ווי דער וואסערפאַל, און אפילו נישט ווי דער וואָראָנעזשער בחור. ער איז נאָך נישט לאַנג אין לאַנד. נעמט ער אונדז דערקלערן אין דייטש דעם קאָמפּליצירטן מעכאניזם פון די מאַשינען, וואָס מיר זען. ער דערציילט אונדז אויך, אז דערווייל ארבעטן נאָר דריי טורבינען, עס איז אָבער פאראן שוין א פערטער, וואָס ווערט געהאלטן אין רעזערוו. ער וועט אינגיכן נעמען ארבעטן, און דאָס מיינט נאָך מער ליכט און באַוואסערונג פאר אונדזער לאַנד.

מיר לאָזן זיך אויף א שפּאַציר צווישן די געביידעס פון דער סטאַנציע. אָט איז רוטענבערגס הויז, וואָס שטייט אויף א בערגל. דאָס איז א שיינער בנין, וואָס פעכעלט מיט זיין ווייסקייט אנטקעגן דער זון. די שטאָרן זיינען ארונטערגעלאָזן. רוטענבערג איז נישטאָ. וואו ער געפינט זיך, ווייסן מיר נישט.

דרימלט זיין הויז אין דעם היציקן טאָג, און עס דרימלט אויך דער בלומענגאָרטן ארום דער הויז. מיר גייען אויף די שטעגן, וואָס זיינען מיט ווייסע שטיינדלעך אויסגעפלאַסטערט. מיר פארלירן זיך אין דעם ים קווייטן, רויט-רויטע, ווי פון דער זון פארשכורטע, סאמעט-בלויע ווי פון נאכט-אָנגעטרונקענע, און געלע, גרינע, פיאָלעטעווע, טונקל-פּורפּורנע, ווי אלע קאָלירן פון רעגנבויגן וואָלטן

זיך אויף זיי אויסגעגאָסן. וועיעט מיט א שטילקייט אין דעם גערטענדל, נאָר דאָס זשומען פון פליגן און דאָס רוישן פון דעם וואסערפאַל אין טאָל, און דער זינגענדיקער אויפציטער פון די טע־לעגראַף־דראָטן, איבער וועלכע דאָס ווינטל שפּילט אום, ווי איבער א האַרף.

פּלוצים וואקסן פאר אונדז אויס צוויי מיידלעך. זיי זיינען אריבערגעבויגן איבער א בייט און ארבעטן מיט פּיאָשן, זיי גלייכן אוים די שטיינדלעך אויף די שטיגן, זיי גראָבן ארום די בלומען־בייטן. ביי דער זייט שטייט א בלעכענער שפּריצער. באגריסן מיר זיי. זיי גלייכן זיך אוים און ענטפערן אונדז אויף אונדזער „שלום". איינע איז אן עלטערע און א העכערע. זי איז א מיידל פון א יאָר פינף־און־צוואנציק — אזוי זאָגט מיר מיין אויג, וואָס פּרעטענדירט אויף גענויקייט אין די ענינים. די אנדערע איז נאָך גאָר א יונ־גינקע, זעט אוים נישט מער ווי זיבעצן.

צורייידן מיר זיך מיט זיי און עס ווייזט זיך ארוים, אז זיי קומען ביידע פון דייטשלאַנד.

— ווי לאנג זייט איר אין לאנד? — גיב איך א פרעג.
— זעקס חדשים — ענטפערט מיר די עלטערע.
— פיר חדשים — ענטפערט מיר די איינגערע.
— פון וואנען קומט איר?
— פון קעניגסבערג — ענטפערט מיר די עלטערע.
— פון האמבורג — דערציילט מיר די איינגערע.
— האָט איר געקענט העברעאיש אין דער היים.
— ניין.

— מיינט איר צו זאָגן, אז פאר דער קורצער צייט האָט איר זיך שוין דאָ אויסגעלערנט אזא פיינעם העברעאיש?

— יאָ, — ענטפערן זיי ביידע און צורויטלען זיך אזוי, אז די נאקעטע אויערלעך אונטער זייערע פארביקע טיכלעך, וואָס כאַפּן ארום זייערע האָר, צינדן זיך אזש אָן.

— און זענט איר דאָ צופרידן?
— גליקלעך! — גיט א זאָג די עלטערע מיידל און שטעלט

אָן אויף מיר אירע בלויליעך־גרויע אויגן און דאָס פאַרזונטע פּנים ווערט נאָך זוניקער.

די יונגע זאָגט גאָר נישט, נאָר זי שמייכלט מיט דעם שמייכל פון א קינד.

געזעגענען מיר זיך און גייען ווייטער, און דאָס וואָרט „גליק־לעך", וואָס איך האָב געהערט פון דעם מיידל, זינגט מיר נאָך און דער קינדערשער שמייכל פון דער אינגערער באַגלייט מיך.

* * *

איז שוין הפּנים באַשערט, אז צווישן די וויכטיקסטע בויער פון לאַנד זאָלן זיך געפינען — אמאָליקע קעמפער קעגן צאַריזם.

וואָרים רוטענבערג איז נישט דער איינציקער. אָט איז נאָוואָ־מעיסקי, דער אונטערנעמער פון דער ים־המלח־קאָנצעסיע, אויך א געוועזענער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

און פּונקט ווי רוטענבערג, טוט אויך אויף נאָוואָמעיסקי וואונ־דער ביי דעם אויפבוי פון אונדזער לאַנד.

דערציילט מען מיר אין ארץ־ישראל א טשיקאַווע געשיכטע וועגן רוטענבערגן און נאָוואָמעיסקין: די צוויי אמאָליקע סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט ארונטער־ברענגען די „באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ.*)

די אַלט־אַלטע „באַבושקאַ" פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט נישט געקאָנט ארייַנקומען אין דעם היינטיקן רוסישן גן־עדן. דאָס וואָס זי איז געווען איינע פון די בויערינס פון דער רעוואָלוציאָנע־רער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאָלפן צו באַפרייען רוסלאַנד, מאַכט נישט אויס ביי די היינטיקע סאָוועטישע הערשער. זאָל זי זיך נאָר געוועזן פּרוּוון באַוויַיזן ביים רוסישן גרעניץ, וואָלט מען זי באַלד אוועקגעשיקט פרירן אירע אזוי אויך אַלטע, אויסגעמאַרכעוועטע ביינער צווישן די פּראַסטיקע טונדרעס און שנייאיקע סטעפּעס פון סיביר. האָט זי דערפאַר געמוזט זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, אָפּריכטן גלות ערגעץ אין פּראַג אדער פּאַריז.

האָבן דערפאַר רוטענבערג און נאָוואָמעיסקי געוואָלט זי ארונ־

*) דאָס איז געשריבן געוואָרן פאַר דער „באַבושקאַס" טויט.

טערברייגנגען קיין ארץ־ישראל און געבן איר א מקום מנוחה אויף די עלטערע יאָרן אין אונדזער היימלאַנד.

ס׳איז אָבער דערפון גאָרנישט ארויסגעקומען — פאַרוואָס, ווייס איך נישט.

קאָן אונדזער ליבער דר. חיים זשיטלאָווסקי זיין צופרידן מיט דער ארבעט פון די צוויי חברים־תלמידים פון זיין אמאָליקער פאַר־טיי.

די זוימען פון נאַציאָנאַליזם, וואָס ער איז געווען דער ערש־טער צו פארזייען צווישן אידישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און אידישע ראַדיקאַלן בכלל, זיינען נישט געגאַנגען לאבוד.

נישט מער, וואָס די תלמידים זיינען אוועקגעגאַנגען א סך ווייטער פון דעם רבין.

דער רבי איז אין ניו יאָרק. רוטענבערג און נאָוואָמעיסקי בויען אָבער ארץ־ישראל.

דער רבי קווינקלט זיך אביסל ווען עס קומט צו ארץ־ישראל. ער וויל נישט ליידן געוויסע שטערונגען אין וועג, ווי א שטייגער אידיש־העברעאיש.

די תלמידים רייסן אבער אויף בערג, ראַמען אָפּ פעלזן, פאַר־וואַנדלען מדבריות אין בליענדיקע ישובים.

רוטענבערג מיט זיין סטאַנציע.

נאָוואָמעיסקי מיט זיין ים המלח קאָנצעסיע.

אין דער פרומער חסידישער קאָלאָניע „בני ברק"

מיר קומען אָן פון ירושלים. דער ברייטער, געפלאַסטערטער טראַקט איז פול מיט באַוועגונג און קאָכיקן לעבן. קאָלאָניעס שווינדלען פאַרביי, ווי אין א רעגנבויגן פּאַנאָראַמע. אויטאָמאָבילן מיט פּאַסאַזשירן, וואָס מאַכן צו אייך מיט דער האַנט, ווי איר וואָלט געווען אַלטע באַקאַנטע; געפּאַקטע אויטאָבאָסן, אידישע, מיט דעם צייכן פון „אגד" אויף די זייטן און אין פראָנט, און אַראַבישע.

און פוסגייער. אידן, וואָס גייען פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע. אַראַבער אויף אייזלען און קעמלען. אָט שפּאַנט א איד מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד, וואָס פלאַטערט אין דער לופט. ס'איז א וואָכעדיקער טאָג. דערדאַזיקער איד איז אָבער אַרום אונטער דער צעפלאַמטער זון אין א שוואַרצער, שבתדיקער קאַפּאָטע און א ברייטן, שוואַרצן קאַפּעלוש, ווי אונדזערע אַמעריקאַנער כלי־קודש טראָגן. דאָס איינציקע וואָכעדיקע איז דאָס שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע אין זיין האַנט. ער שניידט זיך אריין אויף דעם וועג, וואָס פירט צו דער פרומער קאָלאָניע „בני ברק".

מיר יאָגן אים שפּעטער אָן, ווארים מיר פאַרקירעווען זיך קיין „בני ברק", וואו מיר האָבן צו דערפילן א שליחות. איז דער וועג א טיף־זאַמדיקער און די רעדער פון אונדזער אויטאָמאָביל האָבן פאַר זיך א שווערן געראַנגל. מיר פאָרן אָפּ א פּאָר מינוט און דער אויטאָמאָביל בלייבט שטיין און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. דרייט אונדזער שאָופער מאַקס מיט דעם ראָד, דער מאָטאָר נעמט קרעכצן, סאָפּען שווער, ווי אים וואָלט אָטעם פאַרפעלט. מיר פאָרן אָפּ עטלעכע מינוט און ווידער סטאָפּ. דערשלעפּן מיר זיך ווי עס איז, ביז מיר דערגרייכן דאָס בערגל, אויף וועלכן די הייזער פון „בני ברק" ליגן צעוואָרפן.

מאַקס זאָגט צו אונדז: „איר גייט בעסער צו־פוס און איך וועל דאָ וואַרטן מיטן אויטאָמאָביל". די עצה איז א פּראַקטישע אונטער די אומשטענדן. נעמען מיר קלעטערן אויפן בערגל און נאָכפרעגן זיך אויפן אידן, וואָס מיר זוכן.

מיר שטעלן אָפּ א אידענע אין א היימיש קאַפּטיכל. זי ווייזט

אונדז אָן אויף דעם הויז, וואָס געפינט זיך אביסל העכער. שלעפּן מיר זיך דערווייל און פאַרפירן אויפן וועג א שמועס מיט דער אי־דענע. זי איז א באַריידעווודיקע, אירע ענטפערס זיינען באַגלייט מיט א קלוג, וואויל שמייכעלע, וואָס שיינט אַרויס פון יעדן קאַרב און קנייטש פון איר לענגלעך צעאַקערט פּנים.

„זיינט איר שוין לאַנג דאָ אין „בני ברק"?"

„אזוי לאַנג זאָלן אונדזערע שונאים קריינקען, שוין אַכט יאָר דאָ..."

„און ווי גייט אייך דאָ?"

„ניט צו פאַרזינדיקן, ברוך ד'..."

זי שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם, גלייכט אויס דאָס קאַפּטיכל, וואָס דער ווינט האָט אביסל צעפּאָרן, און הויבט אָן:

„איר פאַרשטייט? אז מען קומט פון גראַבסקים מדינה, איז דאָ גוט... הלואי אויף ווייטער נישט ערגער. אָט זעט!" — און זי גיט א פיר מיט דער האַנט איבער „בני ברק", וואָס ליגט פאַר אונדזערע פּיס און איז איבער דעם באַרג צעשאָטן מיט אירע הייזער, פעלדער און פּרדסים,—„אָט דאָס איז אַלץ אונדזערס... אונדזערס... ניטאָ דאָ קיין פּאָליאַקן, מען רייסט נישט דעם ביסן פון אייער מויל, מ'צופּט ניט קיין בערד און מ'ברעכט נישט קיין שויבן. מ'לעבט מיט אידן און פאַר אידן... איר פאַרשטייט?".

מיר פאַרשטייען.

זי קוקט אונדז אָן מיט אירע קלוגע אויגן, — די אויגן פון א אידישער אַלטיטשקער, וועלכע האָבן זיך ניט נאָר אויסגעווויינט איבער דעם „מנורת המאור", „צאינה וראינה", „שרה בת טובימס תחינות", און פון דאָרטן טרייסט געשעפּט, נאָר וואָס האָבן אויך א סך געזען און די וועלט באַטראַכט.

„און פון וואַנען קומט איר, באָבעשע?" — פרעג איך ביי איר.

„פון לאָדז"...

„און איר?" — פרעגט זי.

„פון אמעריקע"...

„פון אמעריקע?" — און זי מעסט אונדז אָפּ פאַרשנדיק, —

„פון אמעריקע? — חזרט זי איבער, — אזוי ווייט? מיינע א שכנה האָט א זון אין אמעריקע, אפשר קענט איר אָפּגעבן א גרוס?"

„אמעריקע איז א גרויס לאַנד, באַבעשע, — דערקלער איך איר, — מיט גרויסע שטעט. פאַראַן ביי אונדז מיליאָנען אידן... ניט ווי דאָ, וואו איינער קען דעם אנדערן"...

„מיליאָנען אידן? יאָ, אומעטום אידן: פּוילן, אמעריקע, אָבער דאָ איז בעסער, כ'זאָג אייך, דאָ איז בעסער".

האָבן מיר דערפילט די שליחות אונדזערע, געזעגנט זיך מיט וועמען מיר האָבן געדאַרפט און אוועקגעלאָזן זיך אויף א שפּאַציר איבער דער פרומער „בני ברק".

פּוילישע אידן האָבן דידאָזיקע קאָלאָניע געבויט. אידן פון וואַרשע, לאָדז, טשענסטאָכאָוו, ביאַליסטאָק. אידן סוחרים, פאַבריקאַנטן און חסידים וואָס האָבן געטרונקען „לחיים" אין חסידים־שטיבלעך, געפּראַוועט שלוש־סעודותן, געפּאַרן יעדן יום־טוב קיין גער. אין פּוילן איז מען אומגעגאַנגען מיט קליינע היטעלעך און לאַנגע פּאות און שוואַרצע קאַפּאָטעס. די פּנימער בלייכע, פאַרדבקטע, די אויגן פיבערדיק אומלויפנדיקע, און מען האָט פיינט געהאַט די ציוניסטן, באַטראַכט זיי פאַר אפּיקורסים, וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ...

איז אָבער געשען אן איבערקערעניש אין זייער נשמה. די לאַגע אין פּוילן און די אַלטע צוגעבונדנקייט צו ציון ירושלים האָבן עס געבראַכט. האָט מען אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון פּוילן פון די פיס און דעם שטויב פון אייגענעם לעבן און געגרינדעט די קאָלאָניע „בני ברק". מען האָט אויסגעטאָן די קליינע היטעלעך און די שוואַרצע קאַפּאָטעס און גענומען אַרבעטן אין די פעלדער. די בלייכע פּנימער זיינען געוואָרן פריש, אָפּגעברענט פון דער זון, די ווייכע הענט פאַרהאַרטעוועט און מאָזאָליסטע, און אין די אומרואיקע אויגן האָט א זיכערקייט זיך באַוויזן.

אונטערשיידט זיך ניט „בני ברק" פון די אנדערע קאָלאָניעס. דיזעלביקע הייזער און דיזעלביקע פּרדסים. די זון שטייט נאָך הויך און די מאַנסבילן זיינען אין די פעלדער. פרויען און מיידלעך אַרבעטן אין די גערטנער אַרום די הייזער. א צעבוזעמט מיידל שטייט

אריבערגעבויגן איבער א באַליע וועש. די פאַרקאַשערטע ארעמס ארבעטן מיט דער שנעלקייט פון א מאַשין. די מולינקעס שלאָגן אויף מיט א ווייס־גאַלדיקער שוימיקייט. היינגען א ווייל די זייפנ־בלאָזן אין דער לופטן ווי כשופדיקע באַלונען, איבערגעגאָסענע אין רעגנבויגיקער קאָלירעוודיקייט, און פּלאַצן. דאָס מיידל הויבט אויף דעם קאָפּ, באַגעגנט זיך מיט מיינע אויגן און איר פּול, עפּלדיק פּנים ווערט נאָך רויטער. לאָזט זי באַלד די אויגן ארונטער און די נאַקעטע, ברוינע אָרעמס צעארבעטן זיך האַסטיקער אין דער באַליע.

צוויי וועגענער מיט פריש־געשניטענעם גראָז שלעפּן זיך. אין דער הויך זיצן צוויי בחורים מיט ברייטע, שטרויענע קאַפּעליושן אין „אָוועראָלס". די קליינע, געפּאַקטע פערדלעך זעט מען קוים ארויס אונטער די גרינע בערג, וואָס באַוועגן זיך אונדז אנטקעגן. הינער לויפן אום, גאַנצע מחנות הינער. אנדערע גראַבלען מיט די פיסלעך אין דער ערד און פּיקן ארויס ווערימלעך. וואונדערט זיך מר. שאַפּירא: „אזוי פיל הינער!"...

זאָג איך צו אים: „וואָס איז אייגנטלעך דער וואונדער?".

אָט האָבן למשל „עקספּערטן" געזאָגט, אז אונדזער לאַנד איז ניט מסוגל פאַר בהמות, קי וועלן נישט געבן קיין מילך. וואָס איז? דער קלימאַט, און דער עיקר: ס'פעלט גראָז. איז טאַקע אמת, אז אין אָנהויב האָט מען געהאַט צרות מיט בהמות, מען האָט גע־בראַכט קי פון האָלאַנד, פון אונדזער ניו דזשוירזי, וואָס פאַרמאָגט כידוע, חוץ די „סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאַני", אויך גוטע בהמות, וואָס גיבן א סך מילך. האָבן זיי זיך אָבער נישט געקאָנט אַקלימאַ־טיזירן און אויסגעפּגרט, און די וואָס זיינען געבליבן, זיינען געוואָרן מאָגער, די אייטערן איינגעטריקנטע ווי אויסגעבלאָזענע פּענכערס. איז טאַקע ארץ־ישראל א לאַנד פון חכמה, ווי די גמרא זאָגט: „אווירא דארץ־ישראל מחכים". דאָס איז אָבער נישט די סיבה, וואָס בהמות האָבן זיך דאָרט נישט געקאָנט האַלטן, וואָרים בהמות דאַרפן נישט קיין חכמה, נאָר גוטע פּאַשע, און דאָס האָט געפעלט אין אונדזער לאַנד. די קאָלאָניסטן זיינען אָבער יאָ חכמים. זיי האָבן גענומען פאַרזייען פּאַשע. דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן אזוי גרינג, ווי עס רעדט זיך. מען האָט געמאַכט אַלערליי עקספּע־

רימענטן, זיך געמאַטערט, פערטיליזירט דעם באָדן. דער סוף איז אָבער, אַז ס'וואַקסט איצט גוטע פּאַשע און די קי גייען אום מיט פולע אייטערס, ווי אַ שטייגער טאָקע די קי אין „בני ברק", וועלכע מיר האָבן געזען.

אויף אַ דערבייאיקן בערגל ביים גרעניץ פון די פעלדער, וואָס לויפן אַוועק נישט ווייט ביז צו די הרי־יהודה, זיינען די קי געווען צעשפּרייט. זיי האָבן מעלה־גרהט מיט דער גליקלעכער מינע, וואָס נאָר זאַטע קי פאַרמאָגן, און נישט נאָר קי, נאָר אויך זאַטע מענטשן. אַ איינגעלע איז געזעסן אונטער אַ בוים און געהאַלטן איין אויגל אויף די קי און אַ צווייטעס אויף אַ חומשל, וואָס איז געלעגן אויף זיין שויס. ווען אַ קו איז אַוועק צו־ווייט פון דער טשערעדע און חשק געהאַט אַוועקצולויפן ערגיץ אין מרחקים, איז ער אויפגע־שפּרונגען מיט דער שנעלקייט פון אַ העזל. געלאָזט זיך לויפן איבערן פעלד און צוריק צו דער טשערעדע זי געטריבן. האָב איך זיך אָפּ־געשטעלט און ביי אים אַ פרעג געטאָן:

„האם אתה הרועה של הבהמות?" וואָס מיינט: ביזטו דאָס דער פּאַסטוך פון די בהמות?

ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון חומשל, זיי אָנגעשטעלט אויף מיר מיט יענעם חוזק־שמייכל, וואָס קליינוואַרג האָט פאַר עלטערע, און אַ זאָג געטאָן גלייכגילטיק־דערוואַקסן:

„כן!" — דאָס הייסט: יאָ...

„ומה אתה לומד?" — ד. ה. וואָס לערנסטו?

„חומש עם רש"י", ד. ה. חומש מיט רש"י.

ער האָט מיטאַמאָל אויסגעדרייט דאָס פאַרשוויצט־קיילעכדיק פּנימל צו מיר און אַ פרעג געטאָן:

„ומה האדון עושה פה? יבנה בית? יקנה אדמה? — וואָס טוט דאָ דער „אדון"? וועט ער בויען אַ הויז? קויפן ערד?"

דער „אדון", דאָס הייסט טאַקע איך אַליין, האָב נישט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב זיך אַביסל פאַרשעמט פאַר אָט דעם פּאַסטוכל פון „בני ברק", וואָס פּאַשעט די בהמות און לערנט בשעת מעשה חומש מיט רש"י, וואָרים וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? אַז קיין הויז בוי איך נישט און קיין ערד קויף איך

נישט, וואָס־זשע טו איך טאָקע אין אונדזער לאַנד? אַרומפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל און באַטראַכטן ווי אַנדערע בויען הייזער און קויפן און באַארבעטן ערד, איז נישט קיין גרויסער אויפטו.

איך האָב אים אָבער פאַרשפּאָרט צו געבן אַן ענטפער. מיך האָט געראַטעוועט פון אַ פאַרלעגנהייט אַ קו, וואָס האָט זיך פאַרגלוסט וואַנדערן צו די הרי־יהודה. דאָס פּאַסטוכל איז אויפגעשפּרונגען און געלאָזט זיך נאָך איר לויפן.

דערזען מיר מיטאַמאָל די פרומקייט פון „בני ברק" אינם געשטאַלט פון אַ אידן מיט אַ יאַרמולקע און אַ טלית־קטן. דער איד שטייט אויף אַ לייטער און שלאָגט אַריין טשוועקעס אין ברעטער פון שטיבל, וואָס ער האַלט אין בויען. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש מיט אַ ווייך, פלאַקסן בערדל און אַ וואַויל־לערנערישער, רייך־אידעמשער אויסגעכאַליעטקייט אויפן טונקל־ברוינעם פּנים, און אויגן טונקעל־בלויע, וואָס דערציילן, אַז זיי האָבן אין ים פון לומדות זיך געמונקען. קלאַפּט ער די טשוועקעס אין די ברעטער, און די ציצית פון וואָלענעם טלית־קטן איבערן העמד פלאַטערן ווי פליגל פון יעדער באַוועגונג, וואָס ער מאַכט, ער כאַפּט אויף אונדז נישט מער ווי אַ לויפיקן קוק און גייט אָן ווייטער מיט זיין אַרבעט.

מיר גייען פאַרביי אַ הויז און זען דורך דער אָפענער טיר אַ אידענע אין אַ טשיפּיק פּרעסן וועש. זי גייט אונדז אַרויס אַנטקעגן און בעט אונדז, מיר זאָלן אַריינקומען אינעווייניק. וואָס איז? זי האָט געהערט פון איר שכנה, אַז מיר זיינען פון אַמעריקע וויל זי ביי אונדז עפּעס פרעגן.

גייען מיר אַריין אינעווייניק און דערזען זיך אין אַ שטיבל, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ גערטענדל. אַ קויש מיט פרישע וועש. אַ פּרעס־ברעט אויף צוויי ביינקלעך. אויף אַן אויוועלע קאָכן זיך טעפּלעך. אַ קאַץ וואַשט זיך אין אַ ווינקל. די אידענע ווישט דעם שוויים פון פּנים מיטן פאַרטוך און בעט אונדז זיצן:

„ווילט מיר אפשר טרינקען אַ גלעזל טיי?"

„ניין, מיר איילן זיך, אַ דאַנק..."

„אָבער אַראַנזשן מעגט איר דאָך פאַרזוכן, — גיט זי אַ זאָג מיט אַ באַליידיקטער מינע, — פון אייגענעם גאָרטן, אָט זעט" —

און זי ווייזט אונדז אָן אויף די אָראַנדזש-בוימלעך, וואָס שמעקן אריין אין אָפֿענעם פענצטער.

זי וויל וויסן, צי קענען מיר אפשר איר זון אין אמעריקע.

„וואו געפינט זיך אייער זון?"

„אין שיקאגא".

דערציילן מיר איר, אז מיר קומען נישט פון שיקאגא. מיר קומען פון ניו יאָרק.

זי קוקט אויף אונדז אַנטוישט און שווייגט א ווייל.

„אבי איך האָב געדענקט, כ'וועל קאָנען אָפּנעמען דורך אייך א גרוס — רעדט זי צו זיך שטיל און אומעטיק... — שוין באלד א יאָר, אז מיר האָבן נישט געהערט פון אים. ער איז דאָרטן פאר־הייראַט און אים איז געגאַנגען גוט, ער פלעגט אונדז שיקן געלט. אַט דאָס שטיבל האָבן מיר מיט זיין געלט געבויט. מילא, איז נישט קיין געלט, מיר וויסן, ס'גייט אים נישט גוט, מ'זאָגט די ציטן זיינען שלעכט ביי אייך אין אמעריקע... מען שיקט איצט געלט פון דאַנען צו אייך. מיינע א באַקאַנטע האָט א שוועסטער ביי אייך אין ניו יאָרק, פלעגט זי איר שיקן געלט. דעם ערב פסח האָט מיין באַקאַנטע געשיקט איר שוועסטער קיין ניו יאָרק פינף פונט... מיר דאַרפן נישט זיין געלט. מיר שלאָגן זיך דורך. מיין מאַן ארבעט. אָבער — א בריוול...".

די אידענע ווערט אנטשוויגן, קוקט ערגיץ אין א ווינקל מיט אירע אומעטיקע אויגן. ס'איז אָנגעלאָדן-שטיל אין שטיבל, נאָר דאס זידן פון די טעפּלעך, דאָס מורקען פון דער קאַץ, וואָס האלט אין איין וואַשן די געפלעקטע לאַפּעס, און דאָס זשומען פון די פליגן הינטערן פענצטער.

„וואָס טוט אייער מאַן?" — רייסן מיר איבער דאָס שווייגן.

„ער ארבעט ביי געביידעס. פאַרדינט זיינע צוואַנציק פּיאַסטער א טאָג. מיר האָבן אויך א זון אין ירושלים און א פאַרהייראַטע טאָכטער אין קאָלאָניע... מ'שלאָגט זיך דורך, נישט צו פאַרזינדיקן, אָבער א בריוול פון דאָרט"...

מיר געזעגענען זיך און די אידענע באַגלייט אונדז צו דער טיר.

א באַזוך אין „עמק השרון" — דער שטאָלץ פון ארץ ישראל קאלאניעס

קומט מען קיין ארץ־ישראל, און מען צערעדט זיך מיט א דאָרטיקן אידן, איבערהויפּט ווען דער איד איז א יונגער, פון חלוצ־יסטישן שניט, איז די ערשטע פראַגע:

— זייט איר שוין געווען אין עמק יזרעאל?

און ערשט דערנאָך, נאָך א לאַנגער פּאוזע:

— און דעם עמק השרון האָט איר שוין געזען?

אזוי איז עס שוין: צוערשט דער עמק יזרעאל און דערנאָך דער עמק השרון, וואָרים דער „עמק יזרעאל", דאס איז דאָס אינגסטע, געצערטלטסטע קינד פון ישוב; דאָס קינד, וואָס וואַקסט פון טאָג־צו־טאָג, וואָס ווערט אלץ גרעסער און געראָטענער. האָט מען נחת פון דעם וואַקסן, קוועלט דאָס הארץ פון שמחה, וואָס דאָס קינד ווערט העכער, קרעפּטיקער אויף די פיסלעך און קריגט אלץ מער בלוט אין די בעקלעך.

דער „עמק השרון" אבער איז שוין אן אלטער, דערוואַקסענער מענטש. ער האָט שוין געפּאַקט, געמאָזלט, פון די קינדער־שיכלעך ארויס, דורכגעמאַכט אלערליי צרות, ווי ס'איז דער גורל פון מענטשן, וואָס גייען דורך א לאַנגן וועג אין לעבן.

און ווי א דערוואַקסענער מענטש, וואָס האָט שוין פיל איבער־געליטן, איז דער „עמק השרון" שוין מיד. דער שני פון אלטקייט זעט זיך ערטערווייז צווישן זיינע האָר.

און נאָך עפּעס: ארץ־ישראל לעבט מיטן היינט און, נאָך מער, מיטן מאָרגן. מען האָט קיין צייט ניט צו טראַכטן פון נעכטן. מען איז צופיל פאַרטאָן אויף אָפּשטעלן זיך און אומקוקן זיך אויף צוריק.

און דער „עמק יזרעאל" פאַרקערפּערט מיט זיך דעם היינט און מאָרגן פון ישוב.

דער „עמק השרון" אָבער, וואו די מערסטע אַלטע קאָלאָניעס זיינען צעוואָרפן, — ער איז דער נעכטן. די פאַרגאַנגענהייט, דער אָנהויב פון וועג, דער ווייטער, ליכטיקער פרימאָרגן פון וועלכן צענדליקער יאָרן טיילן אָפּ. כאָטש אין דעם „עמק השרון" ווערט נאָך אויך גענוג געשאַפן פאַרן מאָרגן. ס'וואַקסן דאָרטן אויס נייע קאָלאָניעס, ס'בויען זיך נייע אינדוסטריעס, ס'דערהויבן זיך, באַלד ווי מען פאָרט ארויס פון תל־אביב, די פרישע בנינים פון אַלערליי פאַבריקן. די זייד־פאַבריק „משי", וואָס דער פּעטערסאָנער איד זאַקס האָט אויפגעשטעלט. די צעמענט־פאַבריק פון „נשר". פאַבריקן פון בעטאָן, וואו רערן ווערן געמאַכט. א פּאָר כעמישע פאַבריקן. א ציגאַרעטן־פאַבריק און א סך אַנדערע.

און נאָך עפּעס, וואָס האָט שוין צו טאָן מיט דעם אונטערשייד אין לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער פון „עמק יזרעאל" און „עמק השרון".

אין דעם „עמק יזרעאל" גיט מען זיך אָפּ מערסטנס מיט תבואה, די פעלדער זיינען פאַרזייט מיט ווייץ, גערשטן, קאָרן. ס'איז די ברויט־קאַמער פון ישוב, פאַראַן אויך מאַראַנצן־פּרדסים, וויינ־גערטנער, אָבער דער עיקר איז ברויט, „דאָס לעבל ברויט ארום וועלכן די זון דרייט זיך."

אין „עמק השרון" איז שוין דער עיקר דער פּרדס. פריער וויינטרויבן און אין די לעצטע יאָרן מאַראַנצן און וויין. און מאַ־ראַנצן — דאָס שמעקט שוין מיט לוקסוס. אָן ברויט קאָן מען זיך נישט באַגיין, אָבער אָן וויין און מאַראַנצן איז נישט געפערלעך.

און פּרדסים האָבן, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן, אנגע־הויבן שמעקן מיט ספּעקולאַציע; עס טראָגט זיך פון זיי דער ריח פון הו־הא מסחר. דערוויילע איז גוט, מאַראַנצן זיינען א גלענצנדיק געשעפט, מיט וויין ווערט אויך בעסער, מען האָפט, אז די אָפּשאַ־פונג פון „פּראָהיבישאָן" אין אמעריקע וועט פיל העלפן. מען איז אָבער נישט אינגאַנצן זיכער. שטילערהייט קנייטשט זיך דער שטערן פון דאגות: ווער ווייסט ווי לאַנג די שפע וועט אָנהאַלטן? מען הערט: שפּאַניע נעמט קאָנקורירן מיט אירע אראַנדזשן. און דער אינזל ציפּערן. מען טרייסט זיך אפילו: דער פּאַלעסטינער אָראַנדזש

איז דער בעסטער אין דער וועלט, אָנגעגאָסן, מער ווי יעדער אנדער אַראַנדזש, מיט געשמאקן זאַפט. דער מאַרק אין ענגלאַנד און אנ־דערע לענדער כאַפּט נאָך אַלץ די אַראַנדזשן פון אונדזער לאַנד. פונדעסטוועגן נעמט שוין נאָגן די זאָרג פאַר קאָנקורענץ. מען האָט מורא אַז דאָס אַראַנדזש־גאָלד זאָל נישט ווערן ביסלעכווייז אָפּגעריבן און פאַרלירן זיין געוויכט.

און דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אַלצדינג, וואָס ווערט געטאָן אין אונדזער לאַנד:

דער „עמק יזרעאל" איז „כולו קודש", די ערד איז געקויפט געוואָרן פאַר די פאָלקס־געלטער פון „קרן־קימת" און איז דאָס אייגנטום פון אידישן פאָלק.

און אידישע הענט האָבן די זומפּן געטריקנט, די שטיינער געהאַקט, די וועגן געפּלאַסטערט, די ברונימער געגראָבן.

און אידישע הענט אַקערן און פאַרזייען די פעלדער און פלאַנצן די פּרדסים. און אויך אידיש לעבן צעבליט זיך דאָרטן מיט א פאַר־כאַפּנדיקער פאַרביקייט.

דאָרטן זיינען די קבוצות, וואו די העכסטע אידעאַלן פון שותפותדיק מענטשלעכן צוזאַמענלעבן ווערן פאַרפלאַנצט.

דאָרטן איז יעדער איינער און אַלע אינאיינעם דער בעל־הבית איבער דעם וואָס ווערט געשאַפן.

די ערד אין „עמק השרון" איז אבער פּריוואַט־אייגנטום. נאָר דאָ און דאָרטן זיינען צעוואָרפן שטיקער באָדן, וואָס באַלאַנגען צום „קרן קימת". אין א סך קאָלאָניעס ווערט די ערד באַארבעט פון פרעמדע, אַראַבישע הענט.

פאַראַנען קאַלאַניעס אין „עמק השרון" וואָס דערמאָנען אין קליינע, היימישע שטעטלעך, און דער הויך פון קליינשטעטלדיקן, גראָשענדיקן מסחר טראָגט זיך איבער זיי.

פרעגט מען דערפאַר צוערשט דעם פרעמדן, וואָס קומט קיין ארץ־ישראל:

— צי זענט איר שוין געווען אין „עמק יזרעאל"?

און ערשט דערנאָך, ווי מען וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט:

— און האָט איר שוין געזען דעם „עמק השרון?"

איינגנטלעך פרעגט מען נישט: „צי זענט איר שוין געווען אין „עמק יזרעאל". די פראגע איז געוויינלעך: „צי זענט איר שוין געווען אין „עמק"? ווארים אז מען זאגט „עמק" ווייסט מען שוין, אז מען מיינט דעם „עמק יזרעאל", פונקט ווי ס'וואלט גאר נישט געווען קיין אנדער עמק אין אונדזער לאנד.

* * *

בין איך זיך מודה, אז אט די באציאונג צום „עמק השרון" האט מיך אביסל פארדראסן.

כ'האב פארשטאנען די סיבה. איך האב זיך אבער געפילט ווי באליידיקט פאר אט דעם טאל, וואס לויפט אוועק אויף מיילן און מיילן; פאר זיינע פעלדער, וואס כוואליען זיך אין גרינס, און איבער וועלכע די גרויע, שטום־פארטראכטע, שטריינג־איינגעצוימטע הרי יהודה קייטלען זיך ארויף און אראפ, ארויף און אראפ; און פאר די פרדסים, וואס שטייען אנגעלאדענע מיט דעם גאלד פון זייערע פירות אויף די געמאסטענעביימלעך; און פאר די קאלאניעס, די אלטע און די נייע, וואס ליגן צעווארפן איבערן גאנצן טאל און נעסטלען זיך צווישן די יהודה־בערג.

ווארים שיין איז דער „עמק השרון", שענער אין א סך פרטים פון „עמק יזרעאל". דער באדן איז פרוכטיקער, לייגנער באארבעט, רייכער אין גרינס און ביימער.

לאזן מיר זיך אוועק פון תל־אביב צו די קאלאניעס פון „עמק השרון".

ס'איז גאנץ פרי, די זון אין אונדזער לאנד גייט אבער אויף מיט דעם ערשטן אויפשפראץ פון פרימארגן, אדער אפשר גייט זי קיינמאל נישט אונטער, ווארים בארג און טאל באדן זיך שוין אין שטראמען צעשמאלצענעם גינגאלד.

ס'האט נעכטן גערעגנט, ליגט היינט אונדזער אלט־ניילאנד א יונג־אויסגעוואשנס, א פריש־שמעקעדיקס.

א שווארצער פלעק טרעט ארויס. מיר דערנענטערן זיך און זען: אן אראביש דערפל, א דערפל פון בלעך. די וואוינונגען זיינען געמאכט פון בלעכענע קאנען און שטיקער פארזשאווערטע אייזן און זען אוים ווי קאנורעס פאר הינט. אפגעריסענע

אראבישע קינדערלעך וואלגערן זיך אויפן גראָז. די אויגן רויט־אָנגעשוואָלענע ווי ביי די מערסטע אראבישע קינדער. די פרויען זיינען פארטאָן. די מענער זיצן מיט די פיס אונטער זיך. אן אָנגעבונדענער אייזל דרימלט מיט ארונטערגעלאָזענע אויערן. א קעמל האָט זיך אויסגעצויגן אויף אלע פיר און קייט די אייגענע סליונע. א מיידעלע מיט צעשויבערטע הערלעך, א האלב־נאַקעטע, פירט אן אלטן, בלינדן אראבער ביי דער האנט. ארום דעם זקנס רויטער פעסקע וויקלט זיך א ווייסער טוך.

איז אָט דער ווייסער טוך נישט קיין קלייניקייט, ער דינט אלס צייכן, אז דער זקן האָט שוין געהאַט די זכיה עולה רגל זיין צום קבר פון הייליקן נביא מחמד אין מעקא.

געצעלטן פון בעדואינער אין שאָטן פון די הייזער פון „מקוה ישראל״ וואָס נעמען שוין ארויסטרעטן פון צווישן די ביימער. פּרדסים אויף ביידע זייטן שאָסיי, פּרדסים און פּרדסים אזוי ווייט ווי דאָס אויג קאָן כאַפּן, מיט פּאַרקנס ארומגעצאַמט און אייזערנע טויערן מיט די נעמען פון די בעלי־בתים אָנגעקלאַפּט.

צווישן די ביימלעך זעען זיך די אָנגעבויגענע רוקנס פון די ארבעטער. מיידלעך, בחורים שטייען אויף לייטערס וואָס זיינען אין די ביימער אָנגעשפּאַרט, שניידן אָפּ די מאַראַנצן פלינק מיט אזעלכע שערלעך און וואַרפן זיי אריין אין דעם זעקל וואָס איז אויף דער פּלייצע אריבערגעוואָרפן ווי א טאַש.

אין פראָנט פון א הילצערנעם הויז, וואָס איז א מין סקלאַד, איז אָנגעוואָרפן א באַרג מיט אָראַנדזשן. קעסטלעך שטייען ביי דער זייט. אידן און אראבער קלייבן איבער די אָראַנדזשן, באַטראַכטן זיי פון אלע זייטן און וואַרפן זיי דערנאָך אריין אין די קעסטלעך.

א מיידל מיט א בחור גייען ביי דער זייט פון שליאַך, זיי טראָגן ראַנעצן אויף די פּלייצעס. דער בחור אין נאָלף־זאָקן און א קהאַקי־העמד. די מיידל אין ניקערס. א נאָרדיש־בלאָנדער, דער בחור, ווי וואַטאָן אליין וואָלט זיין זיידע געווען. דאָס מיידל א מיטל־וואוקסיקע, א קוועקזילבערדיקע, מיט שווארצע, שפּילעוודיקע אויגן.

„דייטשן", גיט מאקס א זאָג, ווען אונדזער אויטאָמאָביל גלייכט זיך אוים מיט זיי.

„דייטשן" מיינט איינגעוואנדערטע דייטשע אידן. זיי לאָזן זיך דערקענען, א טייל האָבן זייער וואנדערלוסט אויך אין אונדזער לאַנד געבראכט, איבערהויפּט די יוגנד. זיי וואנדערן אום איבער אונדזער לאַנד מיט זייערע ראנעצן. יונגע, גרינג־פּוסיקע, איידער זיי וועלן זיך באזעצן און נעמען צו דער ארבעט.

* * *

מיר פאָרן אריין אין טויער פון „מקוה ישראל".

מיר זיינען אין איינער פון די ערשטע קאָלאָניעס וואָס דער וואונדערלעכער נעטער האָט מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק צווישן די דעמאָלטיקע וויסטעניש אויפגעבויט.

זיין קבר און מאנומענט שטייט אין הארץ פון דער קאָלאָניע אויף א בערגל, ארומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן.

בלומען וואקסן אויפן קבר, רויטע פעלד בלימלעך. אין געוויסע געגענדן, אין סעבאסטיע, למשל, רופן זיי די אראבער „איר־דישע בלימלעך". א טרעפלעכער נאָמען. איז דאָך יעדער בלימל מיט דעם בלוט פון אידישע העלדן אָנגעטרונקען. נישט נאָר מיט דעם בלוט פון די מאקאבייער, בר־כוכבא, יוחנן מגוש חלב, שמעון בר גיורא און טויזנטער אנדערע, נאָר אויך מיט דעם בלוט פון נעטער, די ביל"ו און די מחנות וועלכע האָבן דורכגעריסן א וועג אין דעם מדבר מיט פארבלוטיקטע נעגל, און אויסגעפלאסטערט אים מיט זיך — מיט דעם אייגענעם לעבן.

קומט מען אהער יעדן יאָר אין טאָג פון נעטערס יאָרצייט, צו זיין קבר, מ'שטייט שווייגנדיק אין שאָטן פון די בוימער וואָס רוישן איבער אים. מ'גייט דערנאָך אוועק געשטארקטע פון זיין גייסט, וואָס ער האָט געלאָזן אין „מקוה ישראל".

* * *

„מקוה ישראל" איז היינט אן אגריקולטור־שול, די בעסטע אין ארץ־ישראל. לערנען זיך דאָרטן די קינדער פון אונדזער לאַנד ווי צו באארבעטן די ערד, ווי צו זייען און פלאנצן, ווי ארומגיין ארום בהמות און עופות, וועלכע מעטאָדן אָנצוואווענדן, אז די ערד פון

אונדזער לאנד וואָס האָט טויזנטער יאָרן געפּוסטעוועט, און איז פון אראבער ביז איר לעצטן ביסל זאַפט אויסגעצויגן געוואָרן, זאָל ווידער קומען צום לעבן.

פּאַרטיק מיט דעם קורס גייט מען צוריק צו די קאָלאָניעס, אין די קבוצות און מ׳פאַרזייט אויף דער ערד די זוימען פון דער תורה וואָס מ׳האָט געלערנט. איז „מקוה ישראל" א רעזערוואואר פון צוגעגרייטע, פּראָדוקטיווע כוחות פאַר אונדזער לאַנד.

זען מיר די יוגנט אין די גערטנער און פעלדער, באַטראַכטן מיר די גרויסע, זויבערע שטאַלן, וואו די בהמות שטייען פאַר די זשאָלאָבעס. די בינשטאָקן, וואָס זיינען אויסגעשטעלט ווי שפּיל-צייג-שטיבלעך פאַר קינדער, די עופות, די מילכעריי.

יעדער שפּאַן ערד איז באַארבעט, יעדן שפּאַן ערד גרינט און בליט, און וואו מ׳דרייט זיך אוים ארבעט יונגוואַרג, שטייט מען מיט אויסגעבויגענע רוקנס, ווער אין פּרוכט-גאָרטן, ווער אין וויינ-גאָרטן, ווער איבער בייטן גרינצייג, און ווער ביי די אָראַנדזש בוימ-לעך.

די זון וואַרעמט מיט פרילינג-מילדקייט און א זשומען פון בינען איז אין דער לופט, און טויבן וואָרקען איבער א טויבענשלאַק אויף א סלופּ, און פויגלען דרייען זיך איבערן קאָפּ און א פויגל-סוויסטשעריי צווישן די צווייגן פון די שלאַנקע אקאַליפּטוסן. פּע-בערדיקע פאַלמען און ברייט-צעצווייגטע ברושים.

מיר גייען אום אליין, קיינער קוקט זיך אויף אונדז נישט אום. מ׳האָט נישט באַמערקט ווי מיר זיינען אריינגעפאָרן אין טויער און ארויסגעפאָרן.

„מקוה ישראל" איז פאַרנומען. די יוגנט אין „מקוה ישראל" ארבעט, זייט, פלאַנצט, שמידט, און האָט קיין צייט נישט פאַר די ליידיק-גייער — טוריסטן.

פתח תקוה, א גאַליציאַנער שטעטל, אריבער־געטראָגן קיין ארץ ישראל

אין דער אלטער „פתח־תקוה" — א וויכטיקע רינג אין דער קייט פון קאָלאָניעס, וואָס דער „נדיב הידוע" האָט אויפגעבויט מיט אזויפיל ברייטהארציקייט.

וואָלט איך ניט געוואוסט, אז „פתח תקוה" איז א קאָלאָניע אין ארץ־ישראל, וואָלט איך געדיינקט, אז פון אונזער „שעווראָלעי" איז געוואָרן א כישוף־טעפיך, און אז דער דאָזיקער כישוף־טעפיך האָט מיך מיט איין פלי אריבערגעטראָגן אין א קליין, היימיש, פאַר־וואָרפן שטעטל; וואָרים נעמט אוועק פון די שטויביקע געסלעך פון „פתח־תקוה", מיט זייערע געהויקערטע הייזלעך און קלייטלעך און סאָדע־וואַסער־קרעמלעך און רעסטאָראַנדלעך,—נעמט אוועק די אידן, וואָס דרייען זיך אום אויף די געסלעך, די גערטנער און פרדסים, וואָס רינגלען זיי ארום, און דעם אייביק־לויטערן הימל איבער זייערע קעפּ, און די זון, וואָס לאָשטשעט פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג, און איך וואָלט געדיינקט, אז „פתח־תקוה" איז ערגעץ אין פּוילן, גאַליציע, צי אין מיין אייגענער פּאָדאָליע.

זיינען אָבער פאראן פרדסים ארום, און אקאַליפּטוס־ביימער, וואָס די אראַבער רופן „סעדזשער איל יהוד" (אידישער בוים), שטרעקן זיך פון אַלע זייטן, און פּאַלמען וואַרפן אָפּ זייערע לאַנגע שאָטנס, און העברעאישע שילדן אויף די קלייטלעך, סאָדע־וואַסער קרעמלעך און רעסטאָראַנדלעך, און אידן ריידן העברעאיש, און אידישע קינדערלעך פאַרקלינגען די לופט מיט העברעאישע אויס־רופן, און אידישע שאָופערס שרייען אריבער איינער דעם אנדערן פון זייערע אויטאָבאָסן אין העברעאיש.

נעמט אָן דערפאר די היימיש־קליינשטעטלדיק־אויסזעענדיקע „פתח־תקוה" גאָר אן אנדער קאָליר, און עס איז ניט קיין פאַרוואָר־לאָזטער, אידישער ישוב ערגעץ אין פּוילן, גאַליציע אָדער רומעניע, נאָר אן אַלטע קאָלאָניע, מיט אַלטע, ליכטיקע טראַדיציעס אין ארץ־ישראל.

מיר גייען אריין אין א רעסטאָראנדל אָפּכאָפּן דאָס הארץ.

דאָס רעסטאָראנדל איז אָפּן אויף דער גאַס. אין פראָנט — א שילדל מיט די ווערטער „באר" אין ענגליש און העברעאיש. באשטייט די „באר" פון עטלעכע טישלעך. אויף א לאנגן טיש זיינען אָנגעשטעלט שאכטלעך דעליקאטעסן. אויף די פּאָליצעס— פלעשער וויין, קאָניאק און אנדערע משקאות. א ווייבל, מיט פאר־קאשערטע ארבל און לויפיקע אויגן, קוקט ארויס פון דער אָפענער קיך־טיר, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט א הילצערן ווענטל.

א יונגע בתולה אין א פארטוך, מיט גיבע באוועגונגען, וואַקסט אויס פאר אונזער טישל און פרעגט אונז אין העברעאיש, וואָס די „אדונים" פארלאנגען.

די „אדונים" האָבן געבראכט מיט זיך אן אפּעטיט פון הונגע־ריקע וועלף. פארלאנגען זיי אלצדינג, וואָס ס'לאָזט זיך נאָר עסן: א פּאָר שאַכטלעך סארדינען, אייער, ברויט.

— און סמעטענע? — פרעגט דאָס ליבע מיידל.

— זאָל זיין סמעטענע.

— און קעז? — קוקט זי מיר אריין ליבלעך אין די אויגן.

— זאָל זיין קעז.

— און מילך?

— זאָל זיין מילך.

— אבל העיקר! העיקר! — רופט אויס באזיליאנסקי.

— מה הוא העיקר? — שמייכלט דאָס מיידל מיט אירע ווייכשל־ליפּלעך.

— לחם! — גיט ער א זאָג קורץ, שארף און אנטשיידן.

וואַקסט אויס אויפן טישל א לאנגער, ווייסער, צעשניטענער „לחם".

עס נעמט ניט קיין מינוט און די בולקע ווערט צעריבן צווישן אונזערע ציין.

גיט שוין מאַקס א זאָג:

— לחם!

ברענגט דאָס מיידל ווידער א בולקע.

עס איז נאָך אָבער אלץ ניט גענוג. איך קאָן נאָך ביז היינט

ניט פארשטיין, וואָס מיר האָבן זיך אזוי צע׳לחמ׳ט אין „פתח־תקוה״; אפשר האָט עס צו טאָן מיט דער פתח־תקוהדיקער לופט?

דאָס ווייבל און דאָס מיידל האָבן זיך איבערגעקוקט עטליכע מאָל. זייערע אויגן האָבן אונז געזאָגט, אז זיי האָבן געטראכט צו זיך: פון וועלכן הונגער־לאַנד קומען זיי, אָט די פרעמדע אידן? נעבעך, א רחמנות אויף זיי... ווער ווייסט, ווי לאַנג זיי האָבן קיין שטיקל ברויט ניט אָנגעזען אין די אויגן.

זיי זיינען אָבער באַלד געוואָר־געוואָרן, אז מיר קומען פון אמעריקע; איז זיי שוין מן־הסתם קלאָר געוואָרן דער ענין; וואָרים אין ארץ־ישראל דיינקט מען, אז מיר „אמעריקאנער״, זיינען אויף גרויסע צרות. יעדן מאָל, ווען אן ארץ־ישראל׳דיקער איד האָט זיך מיט מיר צעשמועסט און אויסגעפונען, אז איך קום פון אמע־ריקע, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אויגן פול מיט רחמנות, און א זאָג געטאָן:

— ס׳איז זייער שלעכט ביי אייך... ניט אזוי?

דער „אמעריקאנער״ אין מיר פלעגט אין אזעלכע מאָמענטן דערוואכן, א הויב־טאָן שטאָלץ דעם יענקי־קאָפּ און איך פלעג באַמערקן:

— ניט געפערלעך!... דער טייוול איז ניט אזוי שווארץ ווי מען מאָלט אים.

דאָס ווייבל ווערט מיט אונז היימיש און פארטרויט אונז, אז זי איז די באַלעבאָסטע, און אז די „באר״ איז איר געשעפט. דאָס מיידל איז פארשוואונדן א ווייל אין קיך ברייגנען אונז טיי. דער־ציילט אונז די באַלעבאָסטע, אז דאָס מיידל ארבעט ביי איר, זי איז זעקס חדשים אין ארץ־ישראל און קומט פון פוילן. זי אליין איז אויך א פוילישע. זי דאַרף עס מיר אפילו ניט דערציילן, פוילן קלינגט ארויס פון איר ווייך־זינגעדיקן אידיש. זי איז שוין צוועלף יאָר אין ארץ־ישראל.

— פוילן — ניט זי א זאָג — אז פארברענט זאָל זי ווערן מיט גראבסקי׳ן אינאיינעם! אָט דאָ איז אונזער היים... ארץ־ישראל, פּאַלעסטינע — פארטייטשט זי אונז, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אז

אמעריקאנער אידן ווייסן ניט, אז ארץ־ישראל איז פּאַלעסטינע: וואָרים אויף אמעריקאנער אידן קאָן מען אלץ גלויבן.

איך פאַרטשעפּע א שמועס מיט דעם מיידל — איינער פון יענע שמועסן, וואָס מען פירט מיט מיידלעך גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, פון הנאה־וועגן: צי זי האָט שוין א חתן? — ניין, זי האָט נאָך ניט קיין חתן.

— זי וויל א דאָקטאָר, נאָר א דאָקטאָר, — גיט דאָס ווייבל א זאָג מיט א שמייכל.

דאָס רונדע פּנימל ביי דעם מיידל ווערט צונטער־רויט.

— און א פיינער חלוץ טויג דיר ניט? — באמערקט באַזי־ליאנסקי.

— א חלוץ! פאַרוואָס ניט? — איז דאָס מיידל גרייט איינ־גיין אויף א קאָמפּראָמיס.

— באלאנגסטו צו דער הסתדרות?

— דערווייל נאָך ניט; איך בין אָבער א סאָציאַליסטקע! — רופט זי אויס און פאַרשווינדט ווידער אין קיך, וואָרים עס פעלט שוין ווידער „לחם" אויפן טיש.

האָבן מיר זיך געזעגנט, באצאָלט, פאַרלאָזן די פּתח־תקווהדיקע „באר" מיט דעם געפיל, אז אונזער באזוך קאָן נאָך ארויסרופן א הונגער אין דער קאָלאָניע, ווי א שטייגער הייעשריקן וואָלטן זיך דאָ ארונטערגעלאָזן.

מיר גייען איבער דער הויפּט־גאַס, באטראכטן די קרעמלעך, די הייזער. דאָ און דאָרטן שילדלעך: „בית־מכולת", „חייט", „סנדלר", „מלון", ס'הייסט א האָטעל; א סינעמא. אין די זייטיקע געסלעך — די הייזער פון די קאָלאָניסטן, אָרעמע, איינשטאָקיקע, און רייכע, ווי פּריצישע ווילאַס, מיט וועראַנדעס, בלומען, גערטנער.

פון אָן אָפענעם פענסטער טראָגן זיך פּיאַנאָ־קלאַנגען. פּאַראַ־נען רייכע, איינגעפונדעוועטע קאָלאָניסטן אין „פּתח־תקווה" און אויך אין די אנדערע קאָלאָניעס.

אָן עלעגאַנט מיידל גייט אריבער די גאַס. זי טראָגט הויך דאָס פיין־פאַרקאַמטע קעפּל אויף די דינע, אויפּציטערנדיקע אקסלען, שפּאַנט פאַרזיכטיק מיט די פיסלעך אין לאַקירטע שיכלעך מיט

הויכע קנאפּל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער שטורם וואָס קנוילט זיך אין דער לופט זאָל ניט צושטיין צו איר געבלומט, זומער־דיק קליידל, וואָס כאַפּט אַרום גראַציעז די דינע טאַליע. ס׳וועט איר אָבער ניט העלפן, וואָרים דער שטויב שוינט קיינעם ניט.

און וואָס טוט זי דאָ, דאָס מיידל, מיט דעם הויך פון גרויס־שטאָט איבער איר גאַנצער פיגור? ווער איז זי? אַ טאָכטער פון אַ רייכן קאָלאָניסט, וואָס שטודירט אַדער פאַרברענגט אַזוי אין פּאַריז און איז געקומען צו־גאַסט? אַ טוריסטקע? ווער ווייסט.

און ווייטער הייזער, קליטן, פּרדסים און פּרדסים. דאָס טונקל און געל גאָלד פון מאַראַנצן און לימענעס צווישן גרינע בלעטער. די פּתח־תּקוה׳ער שול, וואָס דערהויבט זיך אויף אַ בערגל. אַן אַראַ־בער מיט אַן אָנגעלאָדענעם אייזל. נאָך אַן אַראַבער מיט אַ קעמל, וואָס שלעפּט מיט דעם האָרב, מיט וועלכן דער רבונו־של־עולם האָט אים געשטראָפט פאַר זיין נאַרישער גאווה.

אומעטום באַגעגנט מען זיי, די אַראַבער, אויף אַלע וועגן און שטעגן. מעג עס קלינגען שאָוויניסטיש, מעגן אונזערע „אידישע אַראַבער" מיך „רופן נעמען", איך קאָן מיר אָבער ניט העלפן. פאָרנדיק איבער אונזער לאַנד און זעענדיק די אַראַבער פּלאָנטערנדיק זיך אויף יעדן שפּאַן, האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז זיי זיינען איבעריקע, מ׳דאַרף זיי ניט. איך האָב זיך געפרעגט: וואָס טוען זיי דאָ? ווער דאַרף זיי? וואָס פאַר אַ נוצן ברענגען זיי דעם לאַנד?

וואָס פאַר אַ נוצן האָבן זיי געבראַכט דעם לאַנד דורך די הונדערטער יאָרן, וואָס זיי זיינען דאָרט?

כ׳ווייס דעם ענטפער: „אָט טאַקע די הונדערטער יאָרן וואָס זיי זיינען דאָרטן, גיט זיי דאָס רעכט". איז עס אָבער „אַ תּירוץ פאַר דער וועלט", פאַר די ענגלענדער, פאַר די „אידישע אַראַבער". עס איז אָבער פאַראַנען אַ העכערע אויפפאַסונג פון רעכט, דאָס רעכט וואָס ווערט געגעבן דורך קאָנסטרוקטיוון בוי און קרעאַטיוון אויפטו.

וואָס האָבן אָבער די אַראַבער געבויט און געשאַפן אין ארץ־ישראל? זיי זיינען דאָך געווען ווי היישעריקן אין לאַנד, יעדן גרעזל אויפגעגעסן, דעם זאַפט פון דער ערד אויסגעזויגן, געבראַכט

פארוויסטונג און טויט דארטן, וואו ס'האט אמאל געבליט און געלעבט.

פרעגט ביי אברהם שאפירא, איינער פון די עלטסטע קאלא־ניסטן אין ארץ־ישראל, און ער וועט אייך דערציילן.

א לעגענדארע פיגור אט דער אברהם שאפירא. צו ניין יאר איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל. ער קאן די אראבער, לעבט מיט זיי בשלום, קאן דורכקומען מיט זיי ווי קיין אנדערער. זיי האבן פאר אים דרך־ארץ און מורא.

דער אראבער, וואס איז בטבע א פייגלינג, טרעט צוריק באלד ווי מ'ווייזט אים א פויסט — ער האט שטענדיק דרך־ארץ פאר דעם, פאר וועמען ער האט מורא. פרעגט דערפאר ביי דעם אלטן שאפירא, און ער וועט אייך דערציילן וועגן די אראבער.

לאזן מיר זיך טאקע אוועק צו זיין הויז. ער איז אבער אין תל־אביב. נעמט אונז אויף זיין זון, א ברייט־פלייציקער, פעסט־געבויטער, א „בחור כארזים". ער איז געבארן אין פתח־תקוה, אן אמתער ארץ־ישראלדיקער און רעדט דאך א פיינעם אידיש.

זאל אט דער פאקט זיין א נחמה פאר אונזערע אידישיסטן.

וויל איך נאך עפעס דערציילן אונזערע אידישיסטן, וועלכע נעמען זיך אזוי צום הארצן וועגן העברעאיש אין ארץ־ישראל. העברעאיש איז טאקע די שפראך פון אונזער לאנד, מ'רעדט אבער אויך אידיש אומעטום.

איך האב גערעדט מער אידיש אין ירושלים, תל־אביב, אין די קאלאניעס און קבוצות, ווי אויף איסט בראדוויי, און כ'האב זיך גע־פילט באמת שטאלץ דערמיט. איך האב אויסגעפונען אין א"י, אז איך האב נאך ניט פארגעסן „גירסא דינקותא" און אז איך קאן ריידן א נישקשה'דיקן העברעאיש, אפילו מיט דער מוזיקאלישער חברה הספרדית, וואס האט מיר אבער כלל ניט געשטערט צו ריידן אויך אידיש.

און וואונדער איבער וואונדער — קיינער איז ניט געווען גרייט צו לינטשן מיך, ווען איך האב גערעדט אידיש, אפילו ניט אין **תל־אביב, פון וועלכער אונדזערער א באקאנטער אידישער שרייבער**

האַט דערציילט, אַז מען האָט אים ניט געוואָלט פארקויפן קיין זאַך אין א תל־אביבער קראָם, ווייל ער האָט גערעדט אידיש.

איך האָב געקאַנט אויסקויפן אלע תל־אביב'ער קראָמען, און גראָד אין אידיש. וואָס מיר איז געשטאַנען אין וועג, איז ניט אונזער ליב, וואויל־קלינגענדיק מאַמע־לשון, נאָר ממתקים.

שלאָג איך דאָ דערפאר אָן א נביאישן טאָן, ווי ס'פּאַסט פאר איינעם, וואָס שרייבט פון ארץ־ישראל, און זאָג צו אונזערע אידי־שיסטן:

נחמו! נחמו! זייט געטרייסט, זייט געטרייסט. מ'רעדט אויך אידיש אין ארץ־ישראל. א פארביקן, א פארשידנארטיקן, א אידיש פון אלע לענדער און מדינות: א פּוילישן, א גאליציאנער, א רומע־נישן, אַן אוקראַינישן, אַן אמעריקאנער, און אמאָל אויך א טאַטע־רישן.

און פון די אידישיסטן — צו די טשיקאווע בהמות, וואָס מיר האָבן געזען אין אברהם שאפּיראָס שטאַל. שאפּיראָס זון האָט אונז אריינגעפירט אין הויף ווייזן די „אימעניע". האָבן מיר געזעען פאר זיך אַן איינגעפונדעוועטע ווירטשאַפט פון אַן אַלטן, איינגעזעסענעם באַלעבאָס. מיר גייען אריין אין שטאַל און זעען דאָרטן עטלעכע צענדליק קי, אלע בייביקע. אין א זייט עטלעכע יונגע קעלבלעך.

דערציילט אונז דער יונגער שאַפּיראָ: אָט די קי באַלאַנגען צו א דייטשן אידן, וואָס איז געווען א פּי־הענדלער. צוליב דער מכה פון היטלעריזם האָט דער איד געמוזט אנטלויפן אין דער שווייץ. ער האָט באַשלאָסן אריבערקלייבן זיך קיין ארץ־ישראל. ער איז אָבער א פראַקטישער מענש. האָט ער גענומען צוערשט איינ־קויפן בהמות און זיי אוועקשיקן אין אונזער לאַנד. ער האָט גע־מאַכט אַן אָנהויב מיט דרייסיק קי, נאָך זיבעציק וועלן קומען. מיט די קי האָט ער אויך געשיקט זיינע צוויי יונגע זין. די קי זיינען „אויף קעסט" ביי אברהם שאַפּירא.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. שיקן קי אליין איז ניט קיין גרויסע חכמה. דער דייטשער איד איז געפאַלן אויף אַזא פּאַרטל: ער האָט אוועקגעפירט צוערשט די קי צו א בוהאַי, געזעען זיי זאָלן

שוואַנגער ווערן אַלע אין איין צייט, כדי ווען זיי וועלן אָנקומען קיין ארץ־ישראל, זאָלן זיי זיך אָפּקעלבן — וועט ער האָבן אריבער־געשיקט ניט קיין הונדערט קי, נאָר צוויי הונדערט. חוץ דעם וועט ער האָבן אויך מילכיגס, ווייל קי וואָס קעלבן זיך אָפּ האָבן א טבע אזא — זיי גיבן מילך.

ווי איר זעט, איז דער רייטשער איד גאָר ניט קיין נאַר. זיין איינפאַל וואָלט, אגב, געווען אן אויסגעצייכנט מיטל, קעגן די איינוואנדערונגס־באשרענקונגען, וואָס די פּאַלעסטינער מאַכט האָט איינגעפירט. מען וואָלט געדאַרפט אַרויסשיקן וואָס מער שוואַנ־גערע פרויען קיין ארץ־ישראל, וואָלט מען אין א קורצער צייט געקאָנט פאַרדאָפּלען די אידישע באַפעלקערונג.

ס׳לוינט זיך א טראַכט צו טאָן וועגן דעם... יונגע ציוניסטן, גיט א טראַכט.

אין דער שטאָט וואו מען טרינקט ווײַן אומזיסט

מיר זײַנען אין ראשון לציון, מיר גייען פאַרבײַ רייען הײַזער, וואָס שטעלן זיך אין גערטנער, די גרויסע שול, דעם „בית־עם", עטלעכע שמאָלע געסלעך, וואו פון ביידע זײַטן וואַקסן ווײַנגערטנער, א שטיקל לײדיק פעלד, נאָך הײַזער און ווײַנגערטנער.

און אָט וואַקסן אויס פאַר אונדזערע אויגן די לאַנגע, צעוואָרפענע געבײַדעס וואו עס געפינען זיך די ווײַנקעלערן.

עס שטייען עטליכע אויטאָמאָבילן, דאָס זײַנען אָנגעפאָרן אַנדערע טוריסטן, אידן פון אויסטראַליע, וואָס זײַנען געקומען אין א היפּשער צאָל. מאָטאָר־טראָקס מיט פעסער און קעסטלעך. א פערד אין וואָגן געשפּאַנט. אידן עלטערע און יונגע פּאַדיען אַרום די טראָקס, שלעפּן פעסער, לאָדן אויס קאַסטנס.

אין דער לופט א שאַרף־ווײַניקע זויערקייט, וואָס רייצט די נאָזלעכער.

מיר גייען אַרײַן אין דעם גרויסן פּאָדער־צימער. אויף א טישל, בײַ דער וואַנט, זײַנען אָנגעשטעלט פלעשער און גלעזער.

קאָנט איר צוגיין און אָנגיסן זיך פון די פלעשער, וואָס פאַר א ווײַן איר ווילט און טרינקען וויפיל אײַער האַרץ גלוסט.

דער ווײַן איז פרײַ פאַר יעדן באַזוכער. נעמען מיר פּאַרזוכן: אַביסל „מוסקאַטער", אַביסל „טאָקאַי", א גלעזעלע „פּאָרט", א גלעזעלע „רויטן", א גלעזעלע „ווײַסן", און דאָס בלוט אין די אָדערן נעמט ביסלעכווײַז זינגען, און אין קאָפּ, וואָס איז אַזוי אויך פאַרשכורט פון אַזוי פיל זען און הערן, ווערט אָגיל־וואָשמחדיק.

מר. שאַפּיראָ, דער פאַרוואַלטער פון די קעלערן, און דער פאַרטרעטער פון באַראָן ראָטשילדס אונטערנעמונגען אין ראשון לציון און חיפה, נעמט אונדז אויף אין זײַן ביוראָ. ער איז א מענטש אין די מיטעלע יאָרן. טונקל, מיטל־וואוקסיק און לײַביק. ער האָט קלוגע אויגן, וואָס קוקן דורך ברילן און מאַניערן פון א וועלט־מענטש.

ער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אין זיין פריער יוגנט, שפּע־מער זיך אריבערגעקליבן קיין פּאריז, וואו ער איז שוין עטליכע און צוואנציק יאָר. ער האָט נאָך איצט אויך זיין פאמיליע דאָרט און ער פארברענגט עטליכע חדשים אין יאָר אין פּאריז.

ער איז א פּארטרויאונגס־מענטש פון אלטן באראָן, וואָס האָט איבערגעגעבן די קעלערן צו די קאָלאָניסטן. ער האַלט אָבער נאָך אָן א געוויסן קאָנטראָל און שאַפּירא איז דעם באראָנס פּארטרעטער אין דעם קאָלאָניסטן־קאָאָפּעראטיוו, צו וועלכן די קעלערן באַלאַנגען היינט.

דערציילט ער אונדז פון דעם ווייַנגעשעפט:

אין די לעצטע יאָרן גייט עס נישט גוט. פאראַן פארשיידענע סיבות: די אַלגעמיינע שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע אויף דער וועלט. די יאָרן פון „פּראָהיבישאָן" אין אמעריקע. דער אָפּגעהאַקטער מארק אין דייטשלאנד זינט היטלערן. מ'האַלט נאָך אפילו אָן א ביוראָ אין דייטשלאַנד, כדי איינגאנצן נישט צו פארלירן דעם צו־טריט פון ארץ ישראלדיקע וויינען, עס באַצאָלט אָבער קוים אויף די הוצאות פון דער ביוראָ.

חוץ דעם האָט מען אויפגעהערט פלאַנצן וויינטרויבן. אראנ־דזשן־פּרדסים באַצאָלן זיך בעסער, האָבן זיך אַלע א כאַפּ געטאָן צו אָראַנדזשן.

ער האָפט אָבער, אז עס וועט ווערן בעסער: דאָס אָפּשאַפן פון פּראָהיבישאָן אין אמעריקע וועט ווידער עפענען דעם אמערי־קאַנער מארק. עס קומען שוין אָן גרעסערע באַשטעלונגען פון אמעריקע. אָט האַלט מען טאַקע איצט אין פארקאָרקעווען טויזנ־טער פלעשער. מאָרגן וועלן זיי אָפּגיין פון חיפה כדי אָנצוקומען אין צייט אויף פסח קיין אמעריקע.

„און ווי געפעלט אייך אונדזער קאָניאַק?" גיט ער א פרעג ביי „אונדזער מר. שאפּיראָ" און גיסט אים אָן א גלעזל.

אונדזער מר. שאַפּירא פארזוכט און קווענקלט זיך. „מיר דוכט, אז דער פראַנצויזישער איז געשמאַקער", באַמערקט ער.

„זע איך דאָך, אז איר זענט א מבין אויף קאָניאַק", שמייכלט

דעם באַראָנס שאַפּירא, „אויב אזוי מוזט איר פאַרזוכן אַן אַנדער סאָרט."

ער דריקט אַ קנעפּל און עס קומט אַריין אַ יונגערמאַן. ער גיט אים אַ זאָג עפּעס אויפן אויער און יענער וואַקסט באַלד אויס מיט אַ פלאַש, „אונדזער מר. שאַפּירא" פאַרזוכט און רופט אויס:

„אָט דאָס, זעט איר, איז קאָניאַק."

ווערט דער שמייכל ברייטער אויף דעם קיילעכדיקן, נעפּאַל־דעוועטן פּנים פון „באַראָנס שאַפּירא".

* * *

און ער דערציילט אונדז טשיקאַווע זאַכן פון אַלטן באַראָן:

דער עטליכע און אַכציק יאָריקער זקן צינדט זיך אָן ווי אַן ענטוזיאַסטישער בחור'ל ווען ער רעדט וועגן ארץ־ישראל. ער אינ־טערעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס גייט אָן אין אונדזער לאַנד...

„און די צרות און שוועריקייטן, וואָס דער באַראָן איז זיך אויסגעשטאַנען די ערשטע יאָרן," באַמערקט ער נאָך אַ פּויזע. „די קאָלאָניסטן האָבן זיך געבונטעוועט, געקריגט זיך מיט די פּקידים, געהאַט טענות צום באַראָן"...

ווייס איך פון דעם אַלעמען. ווייס איך אָבער אויך, אַז די צרות זיינען די ערשטע קאָלאָניסטן זיך אויסגעשטאַנען. אַז געליטן פון דעם באַראָנס פּקידים האָבן זיי, אַז באַליידיקונגען, דערנידערונ־גען, הונגער, האָבן זיי איבערגעטראָגן, און אַז עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז דער „נדיב הידוע", וואָס מיינט אַזוי פיל פאַר דעם ישוב אין אונדזער לאַנד, האָט באַפרייט די קאָלאָניסטן פון „ראשון" און זיינע אַנדערע קאָלאָניעס פון דעם פּקידים־יאָך, און איינגעזעזן די גערעכטיקייט פון זייער קאַמף.

מר. שאַפּירא פירט אונדז ווייזן די קעלערן. מיר גייען דורך געמויערטע היילן, וואָס זיינען ווי פעסטונגען געבויט. ריזיקע פעּ־סער, וואָס מיט דעם וויין פון זיי קאָן מען אַ רעגימענט סאָלדאַטן אָנשכורן. היינט, ווי מ'וואַשט די וויין־פלעשער, ווי מ'פילט זיי אָן, ווי מ'קאָרקעוועט זיי און ווי מען פאַרפּאַקט זיי אין די קאַסטנס.

מר. שאַפּירא דערציילט אונדז אויך, אַז מ'קלייבט זיך דאָ בויען אַ ברויערי. דער קאַפּיטאַל איז שוין דאָ, אַלץ איז צוגעגרייט.

ביער איז א טייערע משקה אין ארץ־ישראל. די ענגלענדער האָבן דעם מאָנאָפּאָל, ווי אויף א סך אנדערע סחורות און פּראָדוקטן. ארץ־ישראל איז אן אויסגעצייכנטער מארק פאר ענגלישע פאברי־קאנטן. ענגלאנד דערלייגט נישט דער באָבעס ירושה צו אונדזער לאנד. טאקע ס׳פאָלק פון דער „ביבעל". טאקע, איך בעט איבער אייער כבוד, „באלפור־דעקלאראציע". ענגלאנד האָט טאקע, ווי אונדזערע ליבע ציוניסטישע פירער האָבן אונדז איינגערעדט, „גע־געבן אונדז ארץ־ישראל" אוים ריינער, הייסער ליבע צום אידישן פאָלק. אבער, אז מ׳קאָן, אינאיינעם מיט דער ביבעל און מיט דער ליבע צום אידישן פאָלק מעלקן ארץ־ישראל, מעלקט מען.

און די ענגלענדער זיינען אלטע, גענימטע מעלקער. זיי קאָנען די מלאכה. שוין צייט. געלערנט זיך אזוי פיל יאָרן אין אינדיע, עגיפּטן, און אומעטום, וואו אן ענגלישער סאָלדאט האָט אוועקגע־שטעלט זיין אייזערנעם אָפּצאַס.

לייגט די ענגלישע מאכט שטיינער אין וועג פון דער געפּלאנ־טער ברויערי, עס וועט שטערן די ענגלישע ביער־פאבריקאנטן. ארץ־ישראלדיקע אידן מוזן דערפאר טרינקען שלעכטן ענגלישן ביער און צאָלן א פּרייז ווי פאר שאמפּאניער.

גזעגענען מיר זיך מיט דעם גאסטפריינטלעכן מר. שאפּירא, שפּאצירן דורך די רחוב ראָטשילד מיט אירע ברייטע אלייען, כאפּן א קוק אויף דער שיינער שול, אויף דעם אימפּאָזאנטן „בית־עם" און טעאטער, אויף די פיינע הייזער פון די רייכע ראשון־לציונער קאָלאָניסטן, און די שאָטנס פון די ערשטע גרינדער, פון די אלטע „בילו׳צעס", די ברידער פיינבערג, לעוואנטין, אייזענבערג און די אנדערע, נייען אונדז נאָך.

א סך ליגן שוין אויפן בית־עולם, וואָס שפּרייט זיך מיט זיינע גרויע נידעריקע מצבות אונטער ראשון לציון. אנדערע לעבן נאָך, זקנים, זאַט אין יאָרן, זאט אין ביטערע איבערלעבונגען, זאט אין לאנגע, איבערמענטשלעכע גראנגלען. אָבער אויך זאט אין נחת. וואָרים דאָס וואָס זיי האָבן אין דער אמאָליקער מדבר מיט שווייס און בלוט פארזייט, בליט מיט טויזנט בליאונגען, גייט אויף אין דעם גאָלד פון די פּרדסים, אין דער פריש־גרינער צעוואקסנקייט פון

די ווייַנגערטנער, וואָס פֿלעכטן זיך אַרום ראשון לציון, אין די אַקאַ־ליפּטוס־וועלדלעך, אין די הויכע, האָפֿערדיקע ברושים־ביימער, אין די מאַנדל־ביימלעך, וואָס טרייסלען מיט דעם יונגן קאָפּ פֿון זייער שנייאיקן צוויט, אין די הייזער, וואָס דרימלען אין שאָטן, אין דעם גערויש פֿון ארבעט, און אין די גלעקלדיקע קולות פֿון די קינדער־לעך.

זיי, די קינדערלעך, האָבן עס גרינגער, ווי די טאַטעס. זיי מעגן לאַכן און טאַנצן.

די טאַטעס האָבן געהערט ווינציק געלעכטער אין זייער פֿריִען לעבן.

אין א „קאַפּעטעריע" אין רחובות

מיר זיינען אין רחובות. אייגנטלעך ניט אין רחובות, נאָר אין דער „קאַפעטעריע", וואָס שטייט אויפן שאָסיי, וואו פוןביידע זייטן ציט זיך די הויפּט-גאַס.

רחובות — דאָס איז די מלוכה פון דעם באַקאַנטן משה סמי־לאַנסקי, וואָס האָט אַמאָל געשריבן פיינע מעשהלעך אין העברעאיש אונטער דעם נאָמען „האוואַדזשא מוסא".

„האוואַדזשא" איז אין אַראַביש ווי דאָס העברעאיש וואָרט „אדון" אָדער אונדזער היימישער „מיסטער". עס מיינט אויך בעל־הבית.

שרייבט היינט ניט מער משה סמילאַנסקי קיין העברעאישע מעשהלעך אונטער דעם נאָמען „האוואַדזשא מוסא", נאָר ער ניט זיך אָפּ מיט אַן אַנדער אַרבעט, וואָס האָט אויך צו טאָן מיט „האַ־וואַדזשא", „אדון", און נאָך מער מיט דעם באַגריף „בעל־הבית".

רחובות איז היינט די פעסטונג פון דער אידישער קאָלאָניסטן־בורזשואַזיע אין ארץ־ישראל.

דאָרטן ווערן געשמידט די וואָפן קעגן דער הסתדרות.

דאָרטן ווערן מושטירט די מחנות פון די בעלי־בתים קעגן די אַרבעטער, וואָס קעמפן פאַר אידישער אַרבעט, וואָס ווילן נישט דערלאָזן, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ לאַנד פון ערד־באַראָנען פאַר וועלכע אַראַבער אַרבעטן; וואָס ווילן אויך, אַז דער אידישער אַרבעטער זאָל קריגן אַ מענטשלעכן לעבן און ניט אַרונטערנידערן צו דער מדרגה פון דעם אַראַבער, וואָס שטעלט זיך צופרידן מיט אַ „פיטע", אַ זאַק שטרוי און ווען ער האָט נישט קיין ווייב, מאַכט ער דאָס אייזעלע פאַר זיין ווייב.

איז „האוואַדזשא" סמילאַנסקי דער אָנפירער פון די דאָזיקע מחנות.

פון זיין שיינעם הויז אין רחובות און פון זיינע פעלדער און פּרדסים קאָמאַנדירט ער זיינע „אכרים־ארמייען" קעגן דער שטאָליץ־ווידערשפעניקער „הסתדרות".

דער קאמף גייט אָן אויף עטלעכע פראָנטן, אינם ושורנאל „בוסתנאי", וואָס ער גיט ארויס, אין דער טעגלעכער צייטונג „דואר היום", וואָס דערשיינט אין ירושלים, און האָט שוין דורכגעמאכט אַלערליי גלגולים און אין „ועד לאומי".

האָט איר דאָ אביסל ארץ־ישראלדיקע פּאָליטיק. איין גאָט אין הימל ווייסט, אז איך האָב געוואָלט אויסמיידן דעם גאָר ניט פריילעכן ענין פון פּאָליטיק, שרייבנדיק פון אונדזער לאַנד.

רחובות האָט מיך אָבער א טרייב געטאָן אויף דעם גליטשיקן וועג. אייגענטלעך ניט רחובות אליין, איר שטויסט זיך אָן אויף דעם, וואו איר גייט און וואו איר שטייט אין ארץ־ישראל.

גענוג אבער.

די „קאָפּעטעריע" איז א קאָאָפּעראטיווע. איינגעאָרדנט לויט דעם אמעריקאנער מוסטער. איר באדינט זיך אליין. איר נעמט א בלעכענע טאַץ מיט די מכשירים, שטעלט זיך אוועק ביי דעם לאַנגן טיש און ווארט מ'זאָל אייך אויסטיילן די שפּייז, וואָס איר פאר־לאַנגט. דערנאָך זעצט איר זיך אוועק ביי די ציכטיקע טישלעך.

צוויי מיידלעך גיבן ארויס די שפּייזן, איינע א הויכע, א דינע, ווי א ווערבע, מיט אַן איידל, בלייכלעך פּנים און ערנסטע אויגן, אביסל צו ערנסט פאר אזא יונג, ליב מיידל. די צווייטע, — מיטלוואוקסיק, דיקלעך, מיט פרישע באַקן, לויפנדיקע אויגן און אַן אינטריגירנדיק שמייכעלע.

אין דער קאָפּעטעריע זיצן ארבעטער, ארבעטערינס פון דער קאָלאָניע און רייבן אריין מיט אַפּעטיט דאָס עסן. בחורים אין קהאקי־העמדלעך מיט ווינטיק־צעשויבערטע האָר, קורץ־געשוירענע מיידלעך מיט דעם אומפארמעקטן הויך פון פּוילישער, דייטשער, אמעריקאנער אינטעליגענטישקייט.

מ'וואָרפט זיך דורך מיט רייד מיט די מיידלעך, וואָס טיילן אויס די שפּייז. זיי זיינען דייטשקעס, א קורצע צייט אין לאַנד. דאָס מיידל מיט דעם אינטריגירנדיקן שמייכעלע דערציילט מיר איינס־צוויי, אז זי איז אינגאנצן זעקס חדשים אין ארץ־ישראל און אז זי קומט פון קעניגסבערג.

זי און די אנדערע ריידן שוין אבער העברעאיש. ווען איך בין

אין א פאַרלעגנהייט וועגן עפּעס א מאכל, גיט צו מיר דאָס מיידל א זאָג :

„הבט על הכותל !" (קוק אויף דער וואַנט).

פאָלג איך, כאָטש מיר איז אביסל קשה, וואָס מיר וועט ארויס־קומען, ווען איך וועל קוקן אויף דער וואַנט. די עצה איז אָבער ניט קיין שלעכטע, וואָרים אויף דער וואַנט זיינען אויסגעהאַנגען שפּייז־קאַרטעס געדרוקט אין העברעאיש, און ניט נאָר גיבן אייך די שפּייז־קאַרטעס די נעמען פון די מאכלים נאָר אויך וויפיל וויטאמינען און „קאַלאָרים" זיי אנטהאַלטן.

האָב איך געקוקט אויף דער וואַנט און עפּעס געלערנט.

אין דער רחובות׳ער קאַפעטעריע האָבן מיר געקראָגן דעם געשמאַקסטן מאָלצייט אין ארץ־ישראל. „בעסער ווי אין דעם קינג דייוויד האָטעל", האָט מר. שאַפּיראָ א זאָג געטאָן. באַזיליאַנסקי און מאַקס האָבן געשוויגן. זייערע צעפּלאָמטע פּנימער האָבן אבער עדות געזאָגט, אז זיי זיינען מסכים מיט מר. שאַפּירא. און באַצאָלט האָבן מיר א שיבוש.

איז דאָס א קאַפעטעריע פאַר ארבעטער, ניט פאַר פּראָפיטן. דאָס וואָס מיר זיינען טוריסטן פון דער „רייכער אמעריקע", האָט נישט אויסגעמאַכט.

די זון נעמט זיך שוין זעצן אונטער די בערג פון יהודה און מיר באַשליסן צו פאָרן איבערנעכטיקן אין ירושלים.

האָט די זון זיך אָפּגעטאָן מיט אמאָל פון דער ערד און דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט. אזוי איז שוין די זון אין אונדזער לאַנד, זי פאַרגייט ניט פּאַמעלעך, גוססט נישט אין א לאַנגער, מיט בלוט־אָפּגייענדיקער גסיסה, זי שטייט דעם גאַנצן טאָג א פול־צעפּלאַמטע, שטייט אזוי לאַנג ווי די צייט האָט איר אָנגעצייכנט, און ווען די מינוט פון איר פאַרגיין שלאָגט, פאַרשווינדט זי איינס־צוויי אָן ווייען פון פאַרגיין, אָן דער מעלאַנכאָליע פון אונטערגאַנג.

קומט אָן דער אָוונט מיט אמאָל, די שאָטנס לאָזן זיך ארונטער פון די בערג ווי גאַלאָפּירנדיקע רייטער, דער הימל צעצינדט זיך מיט מילימיליאַסן שטערן. און א שטילקייט נידערט אראָפּ אויף דער ערד, אזא שטילקייט, אז דאָס פּולסירן פון אייגענעם בלוט

פאַרנעמט דער אויער. אַלץ האָט ווי דעם אָטעם איינגעהאַלטן, באַרג און טאָל, גרעזל און בלעטל, שטיין און שטויב האָבן דעם אָטעם איינגעהאַלטן, און האָרכן זיך איין מיט אַ פאַרגאַפטקייט אין דער שטילקייט, אין דעם שטומען געזאַנג פון די שטערן איבערן קאָפּ.

אַ שאַקאַל צעוואויעט זיך קעגן דעם בלייכן לבנה־סערפּ. אַן אייזל פאַרגייט זיך אין אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם ברייה: און ווייטער שטיל. נעמט אָן די לאַנדשאַפט אַ פאַנטאַסטישן אויסזען, ווען דער אָוונט לאָזט זיך אַראָפּ. אַלץ ווערט טראַנספאָרמירט, אין אַ כּישוף איבערגעגאָסן. די בערג, וואָס שנײַדן זיך אַרויס, ניין, דאָס זײַנען נישט קיין בערג, נאָר אַלטע, פאַרצוויבערטע טעמפּלען. די ביימער — פאַרגייסטיקטע געשטאַלטן. שאָטנס פון פאַרגאַנגענע דורות, וואָס טראָגן זיך דאָ אום. און די סילועטן פון די אַראַבער מיט זייערע קעמלען, וואָס שפּאַנען ווי פאַנטאַסטישע באַשעפענישן. דער וויברירענדיקער אויפציטער פון זייערע גלעקלעך. די שאָף, וואָס אַ פאַרשפּעטיקטער פאַסטוך טרײַבט איבערן פעלד. די שוואַר־צע געשטאַלט פון אַן אַראַבערקע מיט אַ קרוג אויפן קאָפּ. דאָס ווימלענדיקע ליכט פון אַן אַראַבישן דאָרף. די פײַערן פון בעדו־אינער געצעלטן ביים פוס פון אַ באַרג.

דערנאָך בערג, בערג און בערג, מיט שפּיצן ווי די דאָמען פון מאָשעען.

ווייעט מיט אַ שטילן אומעט פון אָט דער שטילקייט. אַ שטיל־זיסער אומעט וואָס ברענגט אַ פייכטקייט אין די אויגן. באַזילי־אָנסקי ברומט פאַר זיך אויך אַזוי זיס־אומעטיק:

ולזאת אנו מחכים.

ולזאת אנו מצפּים!

„אָט אויף דעם וואַרטן מיר און אָט אויף דעם האָפן מיר״— אויף דער שטילקייט, וואָס אונדזער לאַנד ווייעט אָן, אויף דער רו, וואָס אָטעמט פון איר, אויף דער אומעטיקער פרייד, וואָס ציטערט אין איר לופט, ווי זינגענדיקער ציטער פון אַ האַרף.

זײַנען מיר שוין נאָענט צו ירושלים.

ירושלים די הייליקע. ירושלים די איין־און־איינציקע. ירושלים הבנויה.

אויפן שאָסיי קיין תל־אביב

מיר זיינען ווידער אויף דעם שאָסיי וואָס פירט קיין תל־אביב. פּרדסים אויף ביידע זייטן. אָראַנדזשן־דופט פאַרפּומירט די לופט און פאַרשכורט. אָט זיינען די גרויסע פּרדסים, וואָס פאַרנעמען הונדערטער דונאַם און קאָסטן א פאַרמעגן. זיי זיינען ארומגענומען מיט פּלויטן, און ביי די פּלויטן דערהויבן זיך אַקאַליפּטוס און ברושים־בוימער. און אייזערנע טויערן פירן צו די פּרדסים. אויף די טויערן די נעמען פון די בעלי־בתים. ווייזט אונדז אָן באַזי־לאַנסקי:

„אָט דאָס איז דער פּרדס פון אייער װאַרבורג".

באַטראַכטן מיר דעם פּרדס פון „אונדזער װאַרבורג", א שיי־נער פּרדס, הלואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. דער הויכער, געשניצטער טויער מיט דעם אָנגעשלאָגענעם בלעכל מיט גאָלדענע אותיות קוקט מיוחסדיק און זאָגט אָן שטאָלץ דער וועלט: „דאָס, זאָלט איר וויסן, איז ניט אבי־וועמ א פּרדס, ס'איז װאַרבורגס פּרדס"...

און באלד נעמט שוין אָטעמען מיט שטאָט, מיט גרויס־שטאָט. קוימענס פון פאַבריקן, דער אימפּעט און גערויש פון אינדוסטריע. אָט איז די זיידן־פאַבריק „משי", וואָס דער פּעטערסאָנער איד זאַקס האָט אויפגעבויט. א ווייסער בנין, וואָס האָט זיך צעלייגט מיט אַן אמעריקאַנישער גרויס־אינדוסטריעלער ברייטקייט. און אָט זיינען עטלעכע כעמישע פאַבריקן און פאַבריקן פון בעטאָן, און א סיגאַ־רעט פאַבריק, און סקלאַדן אלערליי: א סקלאַד פון דער „תנובה", די קאָאָפּעראַטיווע מילך־געזעלשאַפט, וואָס פאַרזאָרגט ארץ־ישראל מיט פרישער מילך, קעז און פּוטער און וואָס האָט אירע מילך־קרעמלעך און מילך־רעסטאָראַנען איבערן גאַנצן לאַנד. און וועגע־נער געלאָדן מיט אלערליי סחורות ציען זיך. איין מאָטאָר־טראָק, וואָס פירט קעסטלעך מיט וויין, האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל

א גומי־שינע האָט געפּלאַצט. שטעלט זיך אויך אָפּ אונדזער שאָר־פער מאַקס צו העלפן א ברודער אין א צרה. אזוי זיינען זיך שוין נוהג די שאופערן אין אונדזער לאַנד, ווי די תורה האָט געהייסן. אי וואָס דעמאָלט האָט זיך געהאנדלט וועגן אן אייזל אָדער אן אָקס, וואָס זיינען געפאלן אויפן וועג? מאַכט נישט אויס. דער גייסט איז דערזעלבער. ווייזט זיך ארויס, אז אָט די קאַסטנס ווין זיינען באשטימט ניט פאר תל־אביב, נאָר פאר אונדזער אמעריקע. זיי ווערן געשיקט צו א ניו יאָרקער ווין־הענדלער מיטן נאָמען מאַטסמאַן, וואָס האָט געשלאָסן אן אָפּמאַך מיט די קעלערן אין ראשון לציון אָפּקויפן פאר א פּאָר מיליאָן דאָלאר ווין. איך קען גראָד דעם מאַטסמאַנען. איך געדענק אים נאָך פון די טעג, ווען די בראַנדייס־גרופּע האָט זיך געלאָזט הויך הערן אין דעם אמעריקאַ־נער ציוניזם. היינט גיט ער זיך אָפּ מיט פּראַקטישע זאַכן, ער זוכט שאַפן א ברייטן מאַרק אין אמעריקע פאר ארץ־ישראלדיקע ווייגען. מר. שאַפּירא, דער פאַרוואַלטער פון די ווין־קעלערן אין ראשון לציון, האָט גערעדט מיט גרוים באַגייסטערונג פון זיין אָפּמאַך מיט מר. מאַטסמאַן. ער גלויבט, אז דורך אים וועט אמעריקע אָנהויבן קויפן די ארץ־ישראלדיקע ווייגען אויף אן אמתן און נישט גלאַט אזוי איינמאָל אין א יובל.

די הייזער פון תל־אביב שיילן זיך שוין ארוים.

תל־אביב, די יונגע, די קאָכיקע, די בויענדיקע און וואַקסנ־דיקע, נעמט אונדז אויף מיט דעם גערויש פון אירע גאַסן און געסלעך, מיט דעם טומל פון אירע קראָמען, מיט דעם הו־הא און האַוועו פון אירע טויזנטער איינוואוינער, וואָס ציען זיך שטראָמענ־וויין וואו דאָס אויג פאלט נאָר.

אין דער וואונדער שטאָט — תל אביב

א קליפּ־קלאַפּ פון האַמערס איבער שטיין.

א בריאַזג פון זעגן, וואָס בייסן־רייסן זיך אריין אין ברעטער און קלעצער מיט די ציין.

אַן אויפקראַך פון דינאַמיט, וואָס צעפולווערט ערגעץ פעלזן און סקאַלעס אין שטויב.

א טראַך־טאַראַך פון שווערע וואַגענס מיט משאות, וואָס שלעפּן זיך איבער די ברוקירטע שאָסייען.

א קלינגען פון קייטן און שטאַנגען פון די גראָב־און־הויב־מאַשינען, וואָס סאָפּען און פייפן מיט זייערע פּאַראַוויקן ביי די נייע הייזער, וואָס האלטן זיך אין בויען.

אַן אָפּהילך פון קאָפּיטעס פון אייזלען און קעמלען, וואָס ציען זיך אין לאַנגע שורות אָנגעלאָדן מיט זעק און קוישן שטיינדלעך, זאַמד, קאַלך און צעמענט.

א טומל און געשריי פון טויזנטער ארבעטער: סטאָליאַרעס, מוליאַרעס, פּלאַסטערער, פונדאַמענטן־לייגער, רינשטאָק־גרעבער, בלעכער, מעכאַניקער.

און דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוו פון דער באַן, וואָס שניידט דורך דאָס האַרץ פון דער שטאָט.

און א הו־הא און געפּילדער פון טויזנטער מענטשן, וואָס פּילן אָן די גאַסן און געסלעך, פון טויזנטער קינדערלעך, וואָס פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס, שפּילן און שטיפן אין יעדן ווינקל.

און טומל און קאָך אין די הונדערטער קראָמען און געשעפטן, אין די באַנקען און רעסטאָראַנען, און קאַפע־הייזער.

און דאָס הילכיקע טרובען פון די האָרנס פון די אָטאָמאָבילן, וואָס טראָגן זיך בליציק איבער די גאַסן, פּאַרקירעווען זיך אקראָ־באַטיש־קונציק אין איין גאַס אריין און פון א צווייטער ארויס.

און דאָס קנאַקן פון די בייטשן פון די קוטשערס, וואָס זיצן הויך אויף די קעלניעס פון זייערע נישט באַזונדערס־געהויבענע

קאָוטשן און טרייבן די נישט־באַזונדערס־אַדלערדיקע סוסים.

און דער אויסגעצויגענער געשריי פון אַראַבער, וואָס פירן אום אויף אייזלען גרינצייג און אַנדערע פּראָדוקטן.

און אַ שטויב אין דער לופט, אַ מעליק־ווייסער שטויב, וואָס הייננט שטענדיק איבער דער שטאָט ווי דער טומל און גערויש, ווי די פאַרביק־קאָכיקע סימפאָניע פון טויזנט און איין קולות.

איז דורכגענומען דער שטויב, וואָס קומט פון די הונדערטער נייע הייזער וואָס מ׳האַלט אין בויען און פון די זאַמדן, וואָס שפּרייטן זיך ביים ברעג פון ים, מיט גאָלד־שפּרענקעלעך פון דער זון, וואָס שטייט איבער דער שטאָט אַ פלאַמיק־צעצונדענע, אַ קיינ־מאָל־נישט געמינערטע און פאַרטונקלטע אין איר בלענדענדיק ליכט און זינגענדיקער יום-טובדיקייט.

* * *

גייט עס אָן אַזוי אין תל־אביב פון גאַנץ פרי־אָן ביז פאַרנאַכט.

אַזוי גיך ווי דער מאָרגן נעמט שפּראָצן און די ערשטע שטראַלן פון דער זון שפּיזלען אַרויס פון אונטער דעם האָריזאָנט, כאַפּט זיך תל־אביב אויף, אַ פרישע, אַ מונטערע, אַ יונגע. כאַפּט זיך אויף, רייבט זיך שנעל אויס די אויגן, שפּרינגט אַרונטער פון גע־לעגער און וואַרפט זיך אַריין אין פיבערדיקער אַרבעט.

איך האָב געזען בחורים און מיידלעך טאַנצן כמעט ביזן בלוי־ווייסן פאַרטאָג. אַ גאַנצע נאַכט איז אָנגעגאַנגען דער קאָכיקער טאַנץ אויף דער גאַנצער לייננ און ברייט פון אַלענבי־גאַס, הערצל־גאַס און די אַרומיקע גאַסן און געסלעך און ביים ברעג ים. די גאַנצע שטאָט האָט געטאַנצט, הונדערטער קאַראַהאָדן האָבן די ערד געצונדן, אין עקסטאַז, וואָס מיינע אויגן האָבן קיינמאָל נישט געזען האָט יעדן אַרומגעכאַפּט. דריי נעכט כסדר האָט עס אַזוי אָנגע־האַלטן. דאָס איז געווען ביים פּורים־קאַרניוואַל. האָט מיר אַ תל־אביבער באַקאַנטער אַ זאָג געטאָן:

„איר זעט אָט די מחנות טאַנצנדיקע? מאָרגן גאַנץ פרי וועט יעדער זיין ביי דער אַרבעט. ווער ביי די נייע בנינים, ווער ביי די שאָסייען, און די אַרבעטער פון די אַרומיקע קאָלאָניעס וועלן זיין אין די פעלדער און פּרדסים“...

און יעדן שבת־צו־נאכט גייען אָן טענץ, אויף די גאסן, אין האָטעלן, אין פריוואטע הייזער. זונטיק גאנץ פרי, מיטן אויפגאנג פון דער זון, הויבט אָן די לופט פארציטערט ווערן פון האמער־קלאפּ, מעטאל־קלאנג, זעג־בריאזג.

תל־אביב ארבעט. די סימפאָניע פון שאף און בוי טראָגט זיך פון אלע ווינקלען און ראָגן. הונדערטער הייזער ווערן געבויט. נייע גאסן וואקסן אויס כמעט איבער נאכט. ערשט נעכטן א נאקעט בערגל זאמד, א גרוב מיט שטיינער פארשאָטן, א הויפן מיסט און פעלזן־שפּליטער, און מאָרגן דערהויבן זיך שוין די סקעלעטן־ווענט פון א הויז. קלעטערן שוין ארבעטער אויף לייטערס, מוליארעס לייגן ציגל און שטיינער, סטאָליארעס ארבעטן אויף די טירן און פענסטער, מעכאניקער ציען רערן און שטעלן אריין וואנעס, עלעק־טריקער קייטלען און פלעכטן דראָטן און אנדערע נעמען זיך צום דאך, ווער מיט שינדלען באשלאָגן, ווער מיט צעמענט באגיסן און ווער מיט פארב.

בויען זיך נייע הייזער אין די הונדערטער אין תל־אביב און וויפיל מען בויט, פעלן אלץ וואוינונגען, מוז מען זיך די פיס אָפּ־שלאָגן ביז מען קריגט א דירה.

ווארט מען טאקע אָפטמאָל חדשים ביז ס'ניט זיך איין צו געפינען א חדר אדער צוויי. וואוינען פאמיליעס פון פיר, פינף און זעקס אין איינעם אדער צוויי חדרימלעך. וואוינען א סך אין „צריפים" — ביידלעך אזעלכע פון האָלץ אויפגעשלאָגן אדער פון בלעכן. וואוינען אנדערע אין לייווענטענע ביידלעך. שטיקן זיך א סך אין ענגשאפט, ליגן אוועק דעם קאָפּ, וואו עס לאָזט זיך, וואו מ'קאָן נאָר א ברעטל אוועקשטעלן אדער א מאטראַץ צי א זאק שטרוי אויסשפּרייטן.

בויען זיך הייזער אין די הונדערטער אין תל־אביב, און וויפיל מען בויט איז אלץ ווינציק, ווארים די שטאָט וואקסט און צעוואקסט זיך מיט אזא ראשיקייט און אזא אימפעט, אז מען קאָן דעם אָטעם נישט אָפּכאפּן.

ניט אום וועגן דעם וואונדערלעכן וואוקס פון אָט דער וואונ־

דער־שטאָט אזא מעשה: מ'באגעגנט דעם מעיאָר פון תל־אביב, דיזענגאָף, פארנאכט און מען פרעגט אים:

— זאָגט נאָר, פאני מעיאר, אדון ראש העיר, ווי גרויס איז די באפעלקערונג פון תל־אביב?

באטראכט דער מעיאר דעם פרעגער מיט א שמייכל און גיט א זאָג:

— ווען איר זאָלט מיר געווען שטעלן אָט די שאלה אינדער־פרי, וואָלט איך אייך געווען געקאָנט געבן די ריכטיקע ציפערן, וויפיל עס זיינען אבער צוגעקומען דורכן טאָג ווייס איך נישט, מעג־לעך פינף הונדערט מער, מעגלעך טויזנט...

איז עס נאָר נישט קיין גוזמא, ווארים אין צען יאָר האָט תל־אביב געוואקסן טאָפל אין צאָל. מען רעכנט, אז די וואונדער־שטאָט האָט היינט א באפעלקערונג צווישן 85 און 87 טויזנט, מיט די פאָרשטעטלעך אפשר הונדערט טויזנט.

און תל־אביב בויט זיך ערשט. וואו מען גייט און וואו מען שטייט איז מען באשעפטיקט ביי נייע בנינים. פלאסטערט מען נייע גאסן, האקט מען דורך נייע וועגן.

דערמאָן איך זיך אין אזא פאל: א באקאנטע מיינע, וואָס וואוינט שוין איבער דריי יאָר אין תל־אביב האָט מיך איינגעלאדן צו אירע עלטערן אהיים פרייטיק־צו־נאכט. זי איז געקומען צו מיר אין האָטעל מיך נעמען. גייען מיר אזוי איבער די שטילע שבתדיקע גאסן, שניידן זיך אריין אין דעם „ראָטשילד בולוואר" און לאָזן זיך ווייטער.

פלוצים בלייבט דאָס ליבע מיידל שטיין און הויבט זיך אָן איינ־קוקן אין די הייזער, ווי איינע, וואָס האָט פארבלאָנדזשעט. פרעג איך ביי איר:

— וואָס איז געשען?

רופט זי זיך אָן:

— מאָדנע, איך דערקען נישט די געגנט, עס זיינען די לעצטע צייט צוגעקומען אזוי פיל נייע הייזער, אז עס איז מיר שווער צו געפינען אונדזער הויז.

* * *

וואקסט תל־אביב, ווי עס גייט אין דער רוסישער פאָלקס־ליד וועגן דעם לעגענדארן ריז: „נישט יעדן טאָג, נאָר יעדע שעה".

רופן עס די אמעריקאנער אידן, וואָס קומען ספעקולירן מיט די לעצטע אָפגעראַטעוועטע דאָלאר פון דער וואָל סטריט שרפה אויף זייער לשון — א „בום".

איז עס א „בום" מיטן גאנצן מיאוסן נאָכגעשמאק, וואָס בלייבט אין מויל פון דעם דאָזיקן וואָרט.

עס וואַקסט די צאָל פון הייזער און מיט זיי וואקסט דאָס דירה־געלט.

עס וואקסט די צאָל פון הייזער און מיט זיי וואקסט די צאָל פון לענדלאָרדס, וואָס רייסן די הויט פון יעדן חדרל, פאַר יעדער קאנורע.

עס וואקסט די צאָל פון הייזער און מיט זיי וואקסט די צאָל פון די ליבע אידן, וואָס זיצן מיט פארלייגטע הענט, שפייען אויף דער סטעליע אדער דרייען זיך ארום מיט די שטעקעלעך אויף די תל־אביבער גאַסן און לעבן פון רענט (דירה־געלט).

איז אָנגעוואקסן א קלאַס פון הויט־שינדערישע לענדלאָרדס, ווי א צרעת אויף דעם יונגן, פריש־צובליטן קערפער פון דער וואונ־דער שטאָט.

האָבן אויך ווי ווילדע פאראזיטן־פלאַנצן אויפגעשפראָצט שטעקל־דרייערישע פארשוינען, בל־ערליי מנחם־מענדלס.

זע איך אויף די גאסן פארשמייעטע אידעלעך מיט פארדרייטע קאפעלושן אויף די פארשוויצטע שטערנס, מיט פיבערדיק־לויפנדיקע אויגן, מיט ספרוזשינעס אין די פיס און אין יעדן גליד. ווייס איך, אז דאָס זיינען אידן פון „מאָרטגיידזשלעך", פון ספעקולאציעלעך, מעקלערלעך פון הייזער, מעקלערלעך פון פרדסים, מעקלערלעך פון פימסנהאָלץ און פטום־הקטורת.

זיי שטייען אויף די ראָגן פון די גאסן. איר זעט זיי אין די באַנקען. איר טרעפט זיי אין די האָטעלן און רעסטאָראַנען. זיי נישטערן מיט די אויגן, מעסטן אָפּ יעדן נייעם אריינגעקומענעם מענטשן. פאָרשן ווער ער איז, פון וואנען ער איז געקומען. האלטן אָנ־נעגרייט די נעץ פאר יעדן פרישן, ניט־געניטן העכט.

איז דאָס אָבער נישט מער ווי איין טונקעלער ווינקל אין דער פרייליק־יום־טובדיקער, אייביק־זוניקער וואונדערשטאָט וואָס הייסט תל־אביב.

ניט מער ווי א שווארצער פלעק אויף דעם שטראַליקן הינטער־גרונט.

נישט מער ווי א גרילץ אין דער סימפאָניע פון שאַף און בוי.

וואָרים תל־אביב איז א שטאָט פון ארבעט.

דער שוויים פון מי גיסט זיך איבער אין גאָלדענע טראָפּן אויף איר ליכטיקן שטערן.

און דאָס געזאנג, וואָס רייסט זיך פון אירע פריש־זאַפטיקע ליפּן איז דער „שיר העבודה".

איז דערפאר א גאנצן טאָג אזוי, פון זון־אויפגאנג ביז זון־אונטערגאנג:

א קלאַפּן פון האמערן.
א קלאנג פון מעטאל.
א א בריאזג פון זעגן.
א פייפן פון מאשינען.
אן אויפברויז פון טויזנטער בליענדע כחות.

און איבער דעם אלעמען הייגנט אצינד שטויב, א ווייס־מעלי־קער שטויב, וואָס זילבערט די דעכער, דיביימער, לייגט זיך אויף די שיך און קליידער, קריכט אין די אויגן און נאָזלעכער.

* * *

פינף פארנאכט קומט מען זיך צונויף אין די האָטעלן און רעסטראַנען. עס פארזאמלט זיך דאָס ביסל אריסטאָקראַטיע, וואָס תל־אביב פארמאָגט. די העכערע באאמטע פון פארשיידענע אינס־טיטוציעס און פריוואטע געשעפטן וואָס וואוינען אין פיינע, באקווע־מע הייזער און פירן א לעבן פון בורזשויען. פאראנען א היפשע צאָל פון די דאָזיקע פארשוינען. דאָס זיינען אידן אויסגעפוצטע, אויסגעבאָליעטע, מיט זאַט־רואיקע מאנערן. אויף די פּנימער און אין די אויגן א צופרידנקייט מיט זיך און מיט דער וועלט. פא־

ראנען טאָקע אידישע צרות, היטלעריזם אין דייטשלאַנד, אַנטיסעמי־טיזם אין עסטרייך. מ'איז אויך באַזאָרגט וועגן די רוסישע אידן, פאַראַן אפילו אין תל־אביב א ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס זאַמלט שטיצע פאַר זיי. אין דעם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען איז געקומען א פּאַרטרעטער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט און געהאַלטן א רעדע פאַר די געסט, געשילדערט פאַר זיי די לאַגע פון די רוסישע אידן. די געסט האָבן אויסגעהערט און גענומען זיך דערנאָך גראָבן אין די קעשענעס און טייסטערס.

און פאַראַן אויך צרות אין לאַנד: אַראַבער, די פּאַלעסטינער רעגירונג און פּאַרטיי־קאַמפּן.

פונדעסטוועגן שטערט מען זיך אָבער נישט אין די אייגענע פאַרגעניגנס. דער אָנצוג איז פריש געפּרעסט, דאָס העמד פּעכעלט פון ווייסקייט, דער קראַוואַט איז אין אָרדנונג, און אויף דעם אָפּ־געבערענטן פּנים איז אויסגעגאָסן א צופרידנקייט מיט זיך און מיט אַלעמען, וואָרים עס לעבט זיך גאָר נישט שלעכט די דאָזיקע אידן אין תל־אביב וואָס לייען געלט אויף פּראָצענט, האָבן פיינע הכנסות פון זייערע הייזער, אדער קריגן גוטע שכירות פון דער און יענער אינסטיטוציע. זייער דערלייזונג איז שוין געקומען.

האָבען זיי איינגעפירט דעם ענגלישן „פייוו אָ קלאָק טי". מען קומט זיך צונויף אין די פיינערע האָטעלן און קאַפע־הייזער, עלע־גאַנטע פרויען און מענער ביי די טישלעך. די פרויען אין די לעצטע פּאַריזער מאָדעס מיט סיגאַרעטלעך אין מויל. די „גאָלדענע יוגנט"; פּראַנטאָוואַטע יונגעלייטלעך מיט פּאַרדרייטע וואָנצעלעך און א בליק פון אייראָפּעאישקייט. מיידלעך מיטן טאָן פון פּאַריז. אַן אָרקעסטער שפּילט. מען טאַנצט. באַדינער אין שוואַרצן טראָגן פּאַנאַנדער „קאַק־טעילס" אויף טאַצן. אייראָפּעאישע גרויס־שטאָט ווערט איבערגעפּלאַנצט אויף די ברעגן פון דער אידישער וואונדער־שטאָט, וואָס איז ערשט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געווען זאַמדיקער מדבר.

און פון די אָפענע פענצטער פון דער גימנאַזיע טראָגן זיך גלעקעלדיקע קולות פון די תלמידים. און פון דער „עיריה", דער אימפּאָזאַנטער בנין פון דער מוניציפּאַליטעט, הערט זיך דאָס קלאַפּן

פון שרייב־מאַשינען. און שאָטנס נעמען זיך שוין ליגן אויף די טורעמדיקע קופּאָלן פון „בית ביאליק", וואָס איז ארומגערינגלט מיט א הויכן, שטיינערנעם פּארקן איבער וועלכן די פעכערס פון פּאַלמען־ביימער ווינן זיך. און איבער „רחוב אחד העם" איילן זיך יונגעלייט און מיידלעך מיט ביכלעך אונטער די אָרעמס אויף זייער וועג צו דער שטאָטישער ביבליאָטעק. און רבניצקים ווייסע באָרד מיט פארבליבענע סמנים פון אמאָליקער געלקייט זעט זיך דורך די אָפענע פענצטער פון זיין הויז. דאָס דייטש פון עטליכע ניר־איינגעוואנדערטע דערגרייכט צו מיין אויער פון קאפע־טישלעך אויף דער גאַס. עלטערע אידן און אידענעס קילן זיך אין שאָטן פון די ביימער אין „שדרות ראָטשילד". מענער און פרויען באַ־שפּריצן די גערטנדלעך אין פראָנט פון זייערע הייזער. דאָ און דאָרט נעמען זיך שוין פייערן צינדן. פּאָרלעך ציען זיך צום „שפת הים". מען זעצט זיך אוים ביי די טישלעך אויף די וועראַנדעס פון די האָטעלן און קאפע־הייזער, וואָס שפּיגלען זיך אין די בלויע וואַסערן. מ'שפּאַצירט אויף דעם הילצערנעם געפלאַסטער. מען פארברייננט אונטער די שירמען, וואָס שפּרייטן זיך איבערן ברעג, ווי א קאָלירענדיקער וואַלד.

דער גערויש ווערט שטילער, איינגעהאַלטענער. רו און יום־טובדיקייט לאָזן זיך ארונטער, אינאיינעם מיט די אוונט־שאָטנס אויף דער וואונדערשטאָט.

* * *

צינדט זיך תל־אביב אין טויזנטער פייערן. רוטענבערג־סטאַנ־ציע פארטרינקט אין א ים ליכט די קראָמען, האָטעלן, רעסטאָראַנען. א פייערליך־אילומינירטע שטאָט. גרויסע עלעקטרישע שילדן פּלאַ־מען איבער דעם פּראכטפולן בנין פון דער „אָפּערא מוגראבי". דער צענטער פון אלע שטאָטישע פארוויילונגען איז דאָרט: סינעמא, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, בעלער. איז „אָפּערא מוג־ראבי" שטענדיק געפּאַקט.

און פארשיידענע „מאָווי־הייזער". זיינען מיר געגאַנגען זען א מאָווי אין תל־אביב. אונדז איז נישט געווען וויכטיק, וואָס מיר וועלן זען. מר. שאַפּירא און איך האָבן זיך נישט געפילט

אנטוישט אפילו ווען מיר האָבן אויסגעפונען, אז מ׳האָט געשפּילט „ראספּוטין״, וואָס מיר האָבן שוין געזען אין ניו יאָרק.

אָן עולם פון הונדערטער מענער און פרויען האָט אָנגעפילט די גאנצע גאַס און באלאגערט די טירן. עס האָט גענומען א היבשע צייט ווארטן ביז מיר האָבן זיך דערזען אינעווייניק.

די פּלעצער זיינען נומערירט ווי אין א טעאטער. א געמיש־טער עולם. עלטערע אידן און אידענעס. א סך יונגוואַרג. אראַבער אין רויטע פעסקעס און טאַרבושן. יונגע תימנער מיידלעך מיט טונקל־קופּערדיקע פּנימער און קויליקע אויגן. האָרעפּאַשניקעס אין ארבעטער־קליידער. מיידלעך געפּודערטע און מיט געפּארבטע ליפּעלעך. א פּאָר ענגלישע סאָלדאטן. א סקאָטלענדער אין א קורץ פאַרביק־געפּאַלדעטע קליידל פון וועלכן די נאקעטע ליטקעס זען זיך ארויס און א היטעלע, וואָס ליגט ווי א קניש אויף זיין קאָפּ.

די „מואווי״ איז אין ענגליש, איז אבער ארץ־ישראל א דריי־שפּראכיק לאנד, אָפיציעל דריי־שפּראכיק, קומען מיט יעדער סצענע דערקלערונגען ביי דער זייט פונם לייוונט, אין העברעאיש און אראַ־ביש. די דערקלערונגען פארשפּעטיקן אבער אָפטמאָל, זיי באווייזן זיך אויפן לייוונט שוין נאָכדעם, ווי די סצענע איז פאַראיבער און א גאנץ נייע סצענע נעמט זיך צעוויקלען.

דעם עולם קימערט דאָס אבער נישט. מ׳איז איינגעגעסן מיט די אויגן אין לייוונט. מ׳קוקט זיך איין מיט איינגעהאלטענעם אָטעם. דאָס ווייטע, אויסטערלישע לעבן פון דער אמאָליקער רוסלאנד, די אינטריגעס פון ראספּוטינען, די רוסישע לאַנדשאפט, די שנייאיקע סטעפּעס, די זאווערוכעס,—דאָס אלץ איז אזוי פאַנטאַסטיש, ווייט. ווען מ׳זעט עס אין תל־אביב, באטראכט מען עס ווי פארכשופטע. איז א שטילקייט ווי ביים שפּילן בעטהאָוון. זיצט מען ארום ווי היפּנאָזירטע: די אראַבער מיט די רויטע פעסקעס און טוכן, וואָס פאַלדעווען זיך ווי שארפן אויף זייערע אקסלען. די אידן מיט די אידענעס, די תימנער מיידלעך, וואָס אָטעמען מיט א גליענדיקער היציקייט. די בחורים אין ארבעטער־קליידער. די קורץ־געשווירענע, געפּודערטע מיידלעך. די ענגלישע סאָלדאטן. דער כישוף פון שווינדלענדיקן לייוונט האָט זיי אלעמען ארומגענומען.

דערנאָך לאָזט זיך דער עולם ארויס איבער די צושטראַלטע גאַסן. מען גייט נאָך אין די קאפע־הייזער, וואָס ציען זיך אויף ביידע זייטן פון דער „רחוב אלענבי" און „רחוב הערצל" און ביים ברעג פון ים.

האָט זיך יעדער קאפע־הויז שוין אירע באַזונדערע קליענטן. פאַראַנען א קינסטלער־קאַפע. האָבן מיר דאָרט באַגעגנט העברע־אישע שריפטשטעלער, די אינגערע, די האַלבע און גאַנצע באַהעמען. די עלטערע „ערנסטע" איבער וועלכע עס רוט דער גייסט פון אחד העם, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט ביים פייער פון ביאַליקן, וואָס שאַפן פאַר דער אייביקייט אדער וואָס שמידן די אידישע פּאָליטיק פון לאַנד, זיי קומען נישט אין קאפע־הייזער. און די „הבימה"־שויי־שפּילער האָבן מיר באַגעגנט. אָט איז מעסקין, דער מערקווירדיקער שאַפער פון „גולם" און אנדערע ראָלן, א פרײלעך־בגילופינדיקער. מ'שטעלט אונדז פאָר פאַר אנדערע. א פּאָר מענטשן פון דער ארבע־טער־באַוועגונג. אַן אַנגעזעענער רעוויזיאָניסטישער טוער אויף א צווייטער זייט. אַן אמעריקאַנער באַקאַנטע, וואָס דערזעט מיך און שטעלט אָן אויף מיר א פּאָר אויגן, ווי איך וואָלט ארונטער־געפאַלן פון הימל גלייך אויף איר שויס.

און אין „קאפע דזשאַנגעל" שפּילט מען דזשאַז. דאָ איז שוין „וואַגאַבונדיע". — א הויף פון לאַטייניש קוואַרטאַל. יונגע קינסט־לער. מאָדערנע דיכטער, צוימענברעכער פון ליטעראַרישע פאָרמען און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, זוכער פון נייע וועגן.

* * *

און א יום־טובדיקער עולם אין די האָטעלן. מערסטנס פון אַנ־דערע לענדער.

און די קאַפע־הייזער ביים ים זיינען פול.

און פאָרלעך שלייכן זיך ביים ברעג, שווייגן מיט דעם שווייגן פון יוגנט ווען דאָס הארץ איז איבערפולט.

רעדט שוין דער ים פאַר זיי, רעדט דורך דעם שטילן געמורמל פון זיינע כוואַליעס וואָס גיסן זיך איבער אין פאָספאָר־ליכט.

רעדט שוין די לבנה פאַר זיי וואָס שטייט א פולע, ווי א ריזיקער, געלגאָלדיקער אָבאַזשור איבער א לאָמפּ.

רײדן שוין אויך די מילימילאַסן שטערן וואָס טונקען זיך אין די בלײַך־בלויע, ציטערדיקע כוואַליעס.

רײדן שוין אויך די פּרדסים וואָס רינגלען ארום די וואונדער־שטאָט און פאַרפומירן די לופט מיט די פאַרשיכורענדע ריחות פון זייערע מאַראַנצן.

און די פייערן פון שיפן וואָס האָבן געוואָרפן זייער אַנקער ביי די ברעגן פון דער וואונדער־שטאָט, און די גלעקלעך פון קעמ־לען וואָס ציען זיך שיירות־ווייס ביים ברעג, ציען זיך אין מיס־טעריעזע ווייטן דורך דער נאַכט, באַגלייט פון אַראַבער וואָס שפּאַ־נען שטיל אויף דעם ווייכן זאַמד, שלייכן זיך נאָך ווי געשטאַלטן נאַכטיקע און מיסטעריעזע.

* * *

פרייטיק בייטאָג ארום פיר ווערן די גאַסן מיט אמאָל פאַר־קלונגען מיט א שאַלן פון טרומפּייטן. דאָס זאָגן אָן די שופרות: נעמט זיך גרייטן באַגעגענען די מלכה שבת „לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה”.

פאָלגט מען אוים דעם רוף און מ׳פאַרמאַכט באַלד אַלע קראָמען און געשעפטן.

שטאָרן ווערן ארונטערגעלאָזן, שלעסער ווערן אויפגאַהענגען אויף די טירן. מען איילט זיך אַהיים. מען נעמט זיך גרייטן אויף שבת.

לאָזט זיך ארונטער א הייליקע שטילקייט אויף דער וואונדער־שטאָט. אירע פייערן זיינען איינגעצוימט. נישט מער ווי די גאַסן־לאַמטערנעס צינדן זיך.

שטייען נאָר די הייזער שבתדיק־באַלויכטענע.

* * *

דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער שטראַלן ארוים טויזנטער ליכט וואָס פלעמלען אין די לייכטער אויף די ווייס־געדעקטע טישן.

און פון אַלע גאַסן נעמט זיך ציען אַן עולם אין די שולן וואָס שטייען אויך צעצונדענע, ווי אין פלאַמען אויפגייענדיקע.

דערנאָך ווערט די שטאָט פאַרפלייצט מיט געזאַנג.

פון יעדן פענצטער רייסן זיך די זמירות. אין טויזנט און איין נגונים גיסן זיי זיך איבער.

אינדערפרי ציט זיך איבער דער עולם אין די שולן. זיינען זיי אלע איבערגעפּאקט. אין דער גרויסער שול אויף „רחוב אלענבי" האָבן מיר נישט געקאָנט אריינגיין פון ענגשאפט. הונדערטער אידן אין טליתים האָבן פארנומען אלע טרעפּ און די גאנצע ארומיקע גאַס.

בייטאָג קומען אידן זאָגן תהלים אדער לערנען פּרק.

יונגווארג כאַפּט זיך אריין אין די קאַפע־הייזער אדער לאָזט זיך אוועק צום ים.

איז דער ברעג פארזייט מיט טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. מ'ציט זיך אויס אויפן זאמד. מ'זיצט אויף די בענקלעך מיט לייוועטענע דעכלעך. מ'שפּאַצירט.

און געזאנג טראָגט זיך פון פארשיידענע ווינקלען. די וואונדער־שטאָט זינגט אויס איר שבת־פרייד פאר דער זון וואָס שפּרייט איר גאָלד פאר דעם ים וואָס כוואליעט זיך שוימיק־בלוי, און דעם הימל וואָס ליגט איבערן קאָפּ א לויטער־אויסגעוואַשענער, א לכבוד־שבת אויסגעצוואָגענער און אויפגערוימטער.

און פאַרנאַכט צום „בית־עם", איז דער גרויסער זאַל פון „בית־עם" שוין געווען איבערגעפּאקט ווען מיר זיינען אהין גע־קומען.

הערן מיר זיך איין אין דער באגריסונג צו די הונדערטער געסט פון פרעמדע לענדער וואָס זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל. דערנאָך א פאַרטראַג פון דר. קלויזנער.

לייגן זיך שוין שאָטנס אין זאַל. נעמט שוין די מלכה שבת גרייטן זיך צוריק אין וועג אריין.

פילט מען אבער דאָ קיין אומעט נישט, ווי דער שבת וואָלט זיך דאָ גאָר קיינמאָל נישט אויסגעלאָזן.

נעמט מען זינגען מזמורים. איינער פון עולם הויבט אָן און דער עולם כאַפּט אונטער. דער גאנצער זאַל ווערט פארטרונקען פון נגינה. דאָס געזאנג שטראָמט פון אלע זייטן, זאפּט אָן מיט קלאַנגען די שאָטנס וואָס ווערן אלץ געדיכטער.

דערנאָך זינגט דער חזן מיט די משוררים. א געזאַנג וואָס דערהויבט און טראָגט אוועק ווי אויף פליגלען. שירים אלערליי.

דער פינאַל איז „שיר העבודה" — דאָס ליד פון ארבעט וואָס ברויזט זיך פאַנאַנדער ווי א מעכטיקע סימפאָניע.

אין זאַל האָט זיך שוין דער אָוונט אריינגעקליבן. מ'זעט מער נישט קיין געשטאַלטן, נאָר טונקעלע סילועטן. דאָס געזאַנג שטראָמט פון דער בינע, טראָגט זיך אין דער פינצטערניש, פילט אוים דעם חלל, וואָס איז מיט שאָטנס אנגעזאַפט.

פלוצים בליצן אויף פייערן. א מנורה צינדט זיך אָן אין א ווינקל, צעפלאַמט זיך מיט אלע אירע רערן.

צווינגען זיך דער חזן און דער כאָר:

המבדיל בין קודש לחול,
חטאתינו הוא ימחול,
זרענו וכספנו ירבה כחול
וככוכבים בלילה.

און דער עולם כאַפּט אונטער:

תנה לנו שבוע טוב
כל היום וכל הלילה!

און מאָרגן וועט תל־אביב זיך ווידער נעמען צו דער ארבעט. מאָרגן וועט איבער דער וואונדער־שטאָט זיך ווידער טראָגן:

א קליפּ־קלאַפּ פון האמערן,
א בריאזג פון זעגן,
א פייפן פון מאַשינען.

אַן אויפשוואונג פון טויזנטער כחות וואָס גיבן דורך שאַף און בוי א מעכטיקן אויסדרוק צו די ווערטער פון דעם ליד „שיר העבודה".

אַ האָרא טאַנץ

אויף א פורים קאַרניוואַל אין תל־אביב

זינט תל־אביב איז מיט פינף־און־צוואנציק יאָר צוריק אויס־געוואקסן ווי דורך א כישוף אויף די וויסטע, פארוואָרלאָזטע, זאמ־דיקע ברעגן פון יפו און זיך אנטוויקלט אין דער היינטיקער אידי־שער וואונדערשטאָט, האָט מען נאָך נישט בייגעוואוינט אזעלכע פייערונגען, ווי די, וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען אין פארלויף פון דריי טעג, אין פארבינדונג מיט דעם יום־טוב פורים.

אזוי האָט מען געשריבן אין די ארץ־ישראלדיקע צייטונגען.

אזוי האָבן דערציילט די אלטע תל־אביבער תושבים, וועלכע געדיינקען נאָך דעם ערשטן פורים־קארניוואל מיט אכצן יאָר צו־ריק, קענן וועלכן עס זיינען ארויסגעטראָטן מיט שארפע ארטיק־לען דער פארשטאָרבענער אחד־העם און דער אלטער אלעקסאנדער זיסקינד ראבינאָוויטש, און אנדערע ערנסטע, אבער אביסל שווער־לעך־אומעטיקע אידן.

זיי האָבן געדענקט, אז פורים־קארניוואלן זיינען צו פריוואָל, צו פארשייט, אז זיי פארשוועכן די קדושה פון ארץ־ישראל.

היינט דענקט מען דאָ אנדערש. היינט זעט מען א קדושה אין די דאָזיקע פייערונגען — א קדושה, וואָס שטראלט ארויס פון דער שאָפונגס־פרייד, וואָס באַזעלט אלץ און אלעמען; פון דעם בוי־ענטוזיאזם, וואָס פארפלייצט דאָס גאנצע לאנד, פון די ווייס־גאָל־דיקע ברעגן פון תל־אביב ביז דער גרין־בליענדיקער מתולה, ווי א ליכטיק־צינדנדיקער שטראָם.

* * *

מיר זיינען מיטוואך אינדערפרי אויף אונדזער וועג פון ירושלים קיין תל־אביב. די זון האָט זיך געפעדערט, ווי די מענטשן, וועלכע ציען זיך פון אלע זייטן. מען זעט אייגנטלעך נישט קיין זון: זי ליגט זיך ערגעץ א פארהוילענע הינטער די בערג פון יהודה. דער גאנצער הימל, אויף וועלכן עס זעט זיך נישט קיין וואָלקנדל

אפילו ווי די גרויס פון א מענשלעכער האנט, און די בערג ארום, וואָס טורעמען איבער אונדזער קאָפּ מיט זייערע ווייס־פּעלזיקע שפּיצן, און דער גאנצער שטח, וואָס שפּרייט און וויקלט זיך אזוי ווייט, ווי דאָס אָרימע מענטשלעכע אויג קאָן כאַפּן, — דאָס אַלץ איז פאַרגאָסן פון א ים צעשמאָלצענעם קופּער.

אונדזער אָטאָמאָביל מאכט שווער דורך זיין וועג אויף דעם געפלאָסטערטן שליאַך, וואָס האָט זיך ארייגנגעריסן, ווי א בלאָנקענדיק שטאָלן מעסער אין הארץ פון די הרי־יהודה און דרייט זיך, שלענגלט זיך קאָפּשווינדלענדיק. אונזער געניטער שאָופער אפילו ער מוז קירעווען פאָרזיכטיק און נישט געאיילט, וואָרים דער גאנצער וועג איז באלאגערט מיט אטאָמאָבילן און אָטאָבוסן, וואָס זיינען פול געפּאקט. היינט פוסגייער און רייטער: אראבער אויף אייזלען און קעמלען, אראבער און אראבערקעס, וועלכע גייען צו־פוס און לאָזן פלאַטערן די פליגל פון זייערע אבאיעס אין דער לופט. ציט זיך דער רעגנבויגיק־פאַרביקער געמיש פון מענטשן פון אלע זייטן. מ׳פאָרט און מ׳גייט פון ירושלים. מ׳פאָרט און מ׳גייט פון די קאָלאָניעס. מ׳קומט אָן פון זייטיקע שטעגן, מ׳שניידט זיך ארוים פון די פעלדער און פון די בערג. און אלע זיינען געווענדט צו תל־אביב, וואו פאַרנאַכט וועט זיך שוין אָנפאנגען די פּורים־פייערונג.

מיר זיינען אָנגעקומען אביסל פריער און נאָך באוויזן צו כאפּן א שפּאַציר איבער די גאסן. איז דער שפּאציר נישט אָנגעקומען אזוי גרינג. איבער יעדער גאס האָבן זיך געטראָגן כוואַליעס מענטשן. דאָס יונגוואַרג האָט געטראָגן מאסקעס און פארביקע קאָסטיומען. אָט איז א גרופּע קינדער פאַרשטעלט פאר אפּאשעס. אָט זיינען עטלעכע מיידלעך אָנגעטאָן אין קאָלירטע קליידלעך פון איטאַליענישע פּויערטעס. אָט איז א שלאַנק בחורל געקליידט ווי א טשערקעס. און אָט שניידט דורך די גאס א גרופּע אינגלעך אין קאָסטיומען פון אמעריקאנער „קאו באָיס", מיט רעוואָלווערן אין די הענט, און זיי שיסן אין דער בלוי־דורכזיכטיקער לופט...

די זון נעמט זיך זעצן, און דער עולם גייט הערן לייענען די מגילה אין דער גרויסער אלענבי גאס, אויפן ראָג פון רחוב אחד־

העם. מ׳לייענט אויך די מגילה אין אנדערע שולן. איז אבער דער עולם אזוי גרויס, אז ווען ס׳זאָלן זיין צען מאָל אזויפיל שולן אין תל־אביב, וואָלט אויך געווען ניט גענוג. ס׳זיינען זיך צונויפגע־קומען אריבער הונדערט טויזנט אידן צו פייערן דעם יום־טוב פורים. איז שוין אבער תל־אביב א מאָדערנע שטאָט און מען באַ־נוצט זיך דאָ מיט די מאָדערנסטע טעכנישע מעטאָדן. מ׳וועגדט זיי אָן, ווען מ׳דאַרף, אפילו פאר רעליגיעזע צוועקן. האָט מען טאקע אויפגעשטעלט אויף א סלופּ א מיקראָפאָן ביי דער גרויסער שול אויף אלענבי גאַס, און דער עולם, וואָס האָט נישט געקאָנט אריינ־גיין אינעווייניג, האָט געהערט די מגילה דורכן מיקראָפאָן. טויזנ־טער מענטשן זיינען געשטאנען קאָפּ־אויף־קאָפּ, פארצאמט ווי לע־בעדיקע מויערן, איבער דער גאַנצער לייננ פון דער גאַס, דעם סקוועד, די ארומיקע שמעלערע גאַסן און געסלעך. מ׳האָט זיך אָבער נישט געשטופּט, נישט געשטויסן; מען איז געשטאנען רואיק, איינגעהערט זיך אין די ווערטער פון דער מגילה, וואָס דער חזן האָט אינעווייניג, אין דער שול, אויסגעזונגען מיט דעם אלט־אלטן טראַדיציאָנעלן ניגון, און וואָס האָבן דורכן מיקראָפאָן ארויסגע־שאַלט. „ויהי בימי אחשורוש", האָט דער מיקראָפאָן אונטערגע־כאַפּט. און די ווערטער פון דער אלטער און אייביק־נייער מגילה האָבן זיך גענומען טראָגן ווי פייגל אין דעם בלוי־רויכיקן פארנאכט פון דער אידישער וואונדער־שטאָט, וואָס שטייט ביי די ווייס־זאַמ־דיקע ברעגן פון דער אלטער יפו, ווי אן עדות פון אונדזער נצחון איבער די המנס פון אלע צייטן און דורות.

* * *

און אין אָוונט האָבן זיך אָנגעהויבן די פייערונגען, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן דריי טעג, און וואָס יעדער, וועלכער האָט גע־האַט די זכיה זיי בייצואוואוינען, וועט זיי זיין גאַנץ לעבן נישט פארגעסן.

אויף אלענבי גאַס, אויפן סקווער, וואו עס דערהויבט זיך דער שיינער, טורעמדיקער בנין פון מוגראַבי טעאַטער, האָט מען אויפ־געשטעלט פארביקע אַרקאַדן מיט א בינע. די אַרקאַדן זיינען גע־ווען באַצירט מיט פיגורן פון די „העלדן" פון דער מגילה. אָט

זיינען די פיגורן פון מרדכי און אסתר, און אַט איז המן מיט זיינע צען בנים און דער נעבעכדיקער, גאַט־די־נשמה־שולדיקער ויזתא צווישן זיי, און אַט איז זרש און ושתי און אויך חרבונה. אזעלכע טויערן (אַרקאַדן) האָט מען אויך אויפגעשטעלט אויף דעם צווייטן ברעג פון דער לאַנגער, פּאַראַדנער אַלענבי גאַס. די טויערן זיינען מיט פאַרביקע לעמפּלעך באַשלאָגן. גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן דערהויבן זיך אויף סלופּעס. פּראָזשעקטאָרס וואַרפן אָפּ א ווייס, שניידנדיק ליכט. איבער די קראָמען צינדן זיך עלעקטרישע שילדן, איבער די דעכער פון די ארומיקע הייזער פלאַקערן טויזנטער לעמפּלעך. עס ברענען אויך שטורקאַצן. ס'ברעכט זיך דורך דאָס ליכט פון קאָלירטע לאַמטערן. גיסן זיך צענויף די אַלע פייערן אין איין מעכטיק־פּאַנאַנדערגעפּלאַקערטן ים, און עס שאַפט דעם איינדרוק, ווי גאַנץ תל־אביב וואָלט צווישן פלאַמען געשטאַנען...

און צווישן די פלאַמען — א וואַלד מיט מענטשן, א רוישנדיקער וואַלד. איך כאַפּ זיך ארויף אויף א קאַסטן, וואַרף שיער אום א מיידל, וואָס קוקט מיך אָן ברוגזלעך. איך בעט ביי איר „סליחה", קוקט זי מיך אָן מיט אירע מאַנדל־אויגן, צעשמייכלט זיך מיט א וואווילן שמייכל. זי דערקענט מן הסתם, אז איך בין א פרעמדער, „פון גלות", און זי העלפט מיר ארויפקלעטערן. ס'אַרט זי אפילו נישט וואָס מיר שטייען אזוי ענג צונויפגעדריקט, אז איך האַלט זי כמעט אין מיינע אָרעמס. קוק איך ארונטער פון דער הויך אויף דעם וואַלד מענטשן. ווער קאָן אבער ארומכאַפּן מיטן אויג אַט די דאָזיקע מאַסע? איך זע נאָר קעפּ, קעפּ, קעפּ, און איך הער נאָר אן אויפברויז, וואָס קומט ווי פון ערגעץ א געהיימער ווייט און קייקלט זיך ווי כוואַליעס איבער אַט די אומצייליקע קעפּ. און אן אָקעאַן פון פאַרבן זען מיינע אויגן, וואָס האַלטן אין ארויסטאַנצן פון די לעכער: רויט, גרין, בלוי, געל. און די פאַרבן טאַנצן, נעמען אָן לעבן, שיסן ארויס קלאַנגען און טענער — רויטע טענער, געלע, גרינע; באהעפטן זיך מיטן אויפברויז פון די טויזנטער און טויזנטער מענטשן, שמעלצן זיך צונויף אין א רעגנבויניקער סימפאָניע, וואָס מיינע אויערן האָבן נאָך אזא נישט געהערט.

* * *

דער עולם וואַרט אויף דעם סיגנאַל, אַז ס'זאָל זיך אָנהויבן די פֿאָרשטעלונג אונטערן פֿרייען הימל, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף דער בינע, וואָס האָט זיך צווישן די ציגנדיקע טויערן אַרויסגעהויבן.

דערווייל גייען אָן טענץ. בחורים און מיידלעך שליסן אַ רינג און טאַנצן די „האָראַ". אַלע מאָל וואַקסט אויס אַ נייער רינג. אַלע מאָל רייסן זיך אַרויס פֿון עולם פֿרישע גרופּעס פּאָר וועלכע מ'לייזיקט אָפּ פּלאַץ. העגט ליגן זיך אויף אַקסלען, אָרעמס שליסן זיך אין אָרעמס, און דער טאַנץ גייט אַוועק, אַ טאַנץ, וואָס וואַרט נישט אויף מוזיק. די מוזיק שטעלן צו די אייגענע העלזער, וואָס זינגען אויס „אל יבנה הגליל" און דעם „המנון העבודה" און חלוצישע לידער אַלערליי. און דעם ריטם פֿאַרזאָרגט דאָס אייגענע האַרץ, די נשמה, די צעוויגטע און אויפֿגעצונדענע. שטיי איך און באַטראַכט פֿון מיין הויך די טאַנצנדיקע. דאָס מיידל האָט מיך שוין לאַנג פֿאַרלאָזן, זי האָט זיך פּלוצים אַ ריס־געטאָן, ווי עפּעס וואָלט זי אונטערגעטראָגן, און זי איז באַלד אויסגעוואַקסן אין איינעם פֿון די רינגען. דרייען זיך די רינגען פֿון דער טאַנצנדיקער ארץ־ישׂראלדיקער יוגנט, דרייען זיך אַלץ היציקער, בליציקער ביז מיר הויבט זיך אָן דאַכטן, אַז נישט מענטשן טאַנצן, נאָר שטיקער פֿייער האָבן זיך עס אין רינגען צונויפֿגעשמידט, און אימיצער דרייט עס מיט די דאָזיקע פֿייער־רינגען אַזוי, אַז ס'נעמט שווינדלען אין די אויגן, און אין קאָפּ הויבט אָן טאַנצן אַ קאַראַהאָד.

אָט באַווייזן זיך אָבער אויף דער בינע פֿיר פֿון די שפּילער, וואָס באַטייליקן זיך אין דער פֿאָרשטעלונג. זיי קומען אַרויס אָנגעטאָן אין פֿאַרביקע קאָסטיומען, פֿון דעם פּעריאָד פֿון מגילת אסתּר. די בינע שטעלט פֿאָר דעם פּאַלאַץ פֿון אסתּר המלכּה. די פֿיר שפּילער שטעלן זיך אויס אין פֿראָנט פֿון פּאַלאַץ און בלאָזן אין טרומייטן. ס'טרעט מיט אַמאָל איין אַ שטילקייט צווישן דעם ריזיקן עולם. די טאַנצנדיקע פֿייער־רינגען לעשן זיך אויס אויף אַמאָל. אַלע אויגן זיינען אויף דער בינע אָנגעשטעלט.

מ'פֿירט אויף צוויי בילדער פֿון „מגילת אסתּר". דערנאָך טענץ פֿיין־פֿאַרטראַכטע, סטיליזירטע. דער אָרקעסטער שפּילט

„שושנת יעקב". נאָך טענץ. די פאַרשטעלונג איז דורכגעפירט געוואָרן פון די אַקטיאָרן פון דער גרופּע „אוהל". פיינע קינסטלער און אויסגעצייכנטער אָרקעסטער. אגב, דער ערשטער אָרקעסטער פון דער ארץ־ישראלדיקער אָפּערע.

די וואונדערליכסטע פאַרשטעלונג האָט אבער געגעבן די ארץ־ישראלדיקע יוגנט. די טויזנטער אינגלעך און מיידלעך פון תל־אביב. די טויזנטער חלוצים פון די קאָלאָניעס. אזוי גיך ווי די פאַרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, האָבן זיי זיך ווידער אין רינגען צונויפגעשלאָסן און אָנגעהויבן טאַנצן: די „האָרא", אַלטע, אידישע פאָלקס־טענץ, ספּעציעלע ארץ־ישראלדיקע טענץ, חסידישע האָפּקעס, תימנער רקודים, טענץ פון אַלע לענדער און פעלקער. א וואונדערליכע ארץ־ישראלדיקע „טאַנגאָ". אָבער דער עיקר — די „האָרא" — אָט דער טאַנץ, וואָס איז אונטער דער זון פון ארץ־ישראל געשאפן געוואָרן, מיט איר רייץ דורכגעזאַפּט, מיט איר התלהבות דורכגענומען, א טאַנץ, וואָס צינדט דאָס בלוט, רייסט מיט ווי א לאַווע. א טאַנץ, וואָס ברענט די ערד אונטער די פיס, פארוואנדלט יעדן שטויבעלע און זעמדעלע אין פייער־פונקען.

און געטאַנצט האָט מען אויף דער אַלענבי־גאַס, איבער דער גאַנצער לייגנ, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן די אָנגעצונדענע טויערן; און געטאַנצט האָט מען אויף דער הערצל־גאַס, וואָס איז אין פייערן געווען פארשוואומען. און געטאַנצט האָט מען אויף יעדער גאַס און געסל. געטאַנצט האָט גאַנץ תל־אביב, די טויזנטער און טויזנטער, וואָס האָבן זיך אונטערן אויסגעשטערנטן הימל פארזאמלט; און געטאַנצט האָבן אויך די שטערן, וואָס זיינען איבערן קאָפּ געהאנגען; די בוימער איבער וועלכע א מעליקער שטויב האָט זיך געליינט און ווי אין פריש־רויכיקן שניי זיי געהילט; און געטאַנצט האָבן אויך די הייזער, וואו יעדער דאַך און גאַניק איז מיט מענטשן געווען באַלאַגערט.

האָט דאָס טאַנצן אָנגעהאַלטן אזוי ביז העט שפּעט אין דער נאַכט אריין.

ווען איך האָב צוויי פארטאָג געשלעפּט זיך א מידער, א דערשעפּטער, א דורכגענומענער ביזן מארך, צו מיין האָטעל, ביים

ברעג פון ים, זיינען נאָך די טענץ אָנגעגאַנגען, און תל־אביב האָט זיך געוויגט אונטער דעם קאָכיקן אויפשלאָג פון טויזנטער פיס.

* * *

און אויפן צווייטן טאָג, דאָנערשטיק — דער קאַרניוואַל און פאַראַד. בייטאָג האָט זיך עס אָנגעהויבן פון איין ברעג אַלענבי־גאַס, וואָס איז לכבוד פורים געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען „רחוב שושן הבירה", און געצויגן זיך ביז דעם צווייטן עק, וואָס מען האָט גערופן „פינת ויתאפק המן".

דער פאַראַד איז באַשטאַנען פון אַ גאַנצער רייע לעבעדיקע בילדער, אינסצענירט קינסטלעריש, פול מיט פאַרבן. צוערשט האָט געריטן דער מעיאָר פון שטאָט, דיזענגאָף, אויף אַ ווייסן פערד. ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן, זיין געפּאַקטע פיגור האַלט זיך נאָך אָבער פעסט און קרעפטיק אויף אַ פערד. ביי זיין זייט אַ גרופּע רייטער, קאַלאַניסטן, אין פאַרביקע בענדער. זייערע פערד, יונגע, מיט דעם אַראַבישן ברען אין זייערע גלאַנציקע לייבער, טאַנצן אונטער, רייסן זיך פון די ציימלעך. צווישן די עלטערע קאָלאָניסטן האָט געריטן דער אַלטער שאַפּיראָ, אַ העלדישע פיגור, מיט אַ קרוין פון לעגענדעס איבער זיין קאָפּ, וואָס זיצט ווי אויס־געגאָסן אויף זיינע ברייטע אַקסלען. ער איז איינער פון די עלטסטע קאָלאָניסטן. איינער פון די ווינציקע, וואָס ווייסט ווי דורכקומען מיט די אַראַבער און האַלטן זיי אין צוים, פונקט ווי ער האַלט אין צוים זיין קאָכיק פערד, וואָס האָט זיך אַלע וויל אויפגעשטעלט דיבאָם.

און אָט זיינען די צוועלף שבטים. יעדער אין באַזונדערע מזרח־קליידער, יעדער מיט זיין פאָן, יעדער מיט זיין באַזונדערן צייכן און סימבאָל. שבט יהודה טראָגט אַ לייב. שבט לוי גייט מיט שופרות און פירט דעם משכן. שבט דן פירט אַ שיף. שבט יששכר — אַן אייזל, ווי אין פסוק שטייט: „חמור גרם". און זבולן פירט אַ שיף, וואָרים געפינען מיר דאָך אין חומש: „זבולן על חוף ימים". און אַזוי די אַנדערע. און דערנאָך בילדער־גרופּן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די „אידישע שבטים פון אונדזער צייט". דאָס דייטשע אידנטום — ווי עס ווערט געפייניקט פון היטלעריזם.

פוילישע אידן פֿאַרגעשטעלט דורך א גרופּע חסידים. און א טיפּיש־אידישע קאַפּעליע כלי־זמר פון א קליין שטעטל אין פוילן. ענגלישע אידן — א גרופּע באָי־סקאַוטס. און אמעריקאַנער אידן. אויף דעם חשבון פון אמעריקאַנער אידן האָט מען געמאַכט א ריינע סאַטירע. מען האָט פֿאַרגעשטעלט אַן אמעריקאַנער איד אין א צילינדער און — מיט איבערגעקערטע, ליידיקע קעשענעס. אונטער אים — א וואָלקנקראַצער, וואָס האַלט ביים אומפאַלן. אונטערן שפּיץ פון וואָלקנקראַצער — א דאָלאַר, וואָס האַלט זיך אין שאָקלען ווי א לולב. נישט שלעכט.

* * *

און צוועלף ביינאַכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די ריכטיקע שמחה. דער פורים־באַל פון דער טעאַטער־גרופּע „מטאטא" אין מוגראַבי־טעאַטער. דאָס טעאַטער נעמט אריין פיר טויזנט מענטשן. די בעלער זיינען געגעבן געוואָרן צוויי נעכט כסדר. זיינען ביידע נעכט טויזנטער מענטשן געגאַנגען זען, ווייל עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ.

היינט די פורים־בעלער פון אַן אנדער טעאַטער־גרופּע „חברה טראַסק", און פון דער גרופּע „דזשאַנגעל". און די בעלער אין כמעט די מערסטע פון די גרעסערע האָטעלן.

און דערנאָך די טענץ. האָב איך נאָר אזא טאַנצן אין מיין לעבן נישט געזען. די טויזנטער פֿאַרלעך האָבן דעם זאַל געצונדן. די „האָראַס" האָבן אָנגעפילט די לופט מיט זודיקע שטראָמען. די קאַראַהאָדן האָבן ווי שטיקער פלאַמען זיך געטראָגן. איך בין אויס־געפאָרן א וועלט און געזען טאַנצן איטאַליענער, שפּאַניער, און אנדערע. מען זאָגט, אז אונדזערע שווארצע אין אמעריקע זיינען די פייערדיקסטע טענצער, ס'קומט אָבער נישט צו דעם טאַנצן אין ארץ־ישראל. די טענץ וואָס איך האָב געזען ביי די פורים־פייע־רונגען אין תל־אביב, לאָזן זיך ממש נישט באַשרייבן.

* * *

דריי טעג האָט מען געפייערט דעם יום־טוב פורים אין תל־אביב: אויף די גאַסן, אין די האָטעלן, אין די קאַפעס, אין פּריוואַטע הייזער. איך און אונדזער ארויסגעבער פון „טאָג", מר.

שאפּיראָ, זיינען געגאנגען צו א פּורים־אונטערנעמונג פון דער גרופּע אמעריקאנער ציוניסטן אין תּל־אביב, זיינען אויך דאָרטן געווען מאסן מענטשן. אין די האָטעלן איז קיין אָרט נישט געווען. טוריזנטער אָנגעפּאָרענע פון אַלע עקן פון דער וועלט האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ. יעדער לײדיקער צימער אין פּריוואטע הייזער איז געווען פארנומען. מען איז געשלאָפן צו פינף און זעקס אין איין צימער, צו דריי־פיר אין איין בעט.

און נאָך די דריי טעג — צו דער ארבעט. וואָרים תּל־אביב, ארץ־ישראל בכלל, ארבעט און ארבעט שווער. עס פעלן ארבעטער, מען איז באשעפטיקט אין מאנכע אינדוסטריען פיר־און־צוואנציק שעה אין מעת־לעת. די קאָלאָניעס שרייען: „גיט אונדז ארבעטער"! עס פוילן צוליב דעם תּבואות אויף די פעלדער, אראנדזשן אין די פּרדסים.



ירושלים

דאָס פיל פאַרביק לעבן אין דער אַלט-נייער ירושלים

אַלט-אַלטע ווערטער קלינגען אויף, ווי א טרומפּייט א זילבער-נער וואָלט זיי ארויסגעשאַלט, געלאָזט זיי פליען אין דער זוניקער לופט ווי פייגל פייערדיקע. אַלט-אַלטע ווערטער: „ירושלים הרים סביב לה, וה׳ סביב לעמו״ — „ירושלים איז מיט בערג ארומגע-רינגלט ווי גאָט רינגלט ארום זיין פאָלק״.

איז ירושלים ארומגערינגלט מיט בערג, וואָס שליסן זיך אָט אין איין גאַנצער פעלזיק-צונויפגעשמידטער קייט און אָט אין רינ-גען איבערגעבראָכענע, פון טאָלן איבערגעהאַקט און ישובים דורכ-געשניטן. בערג נאַקעטע, וואָס קיין גרעזל איז אויף זיי הונדערטער יאָרן נישט געוואַקסן. אמאָל, אין די אַלטע, גרויע פאַרצייטן, האָבן זיי מיט וואַלדיקע שפּיצן זיך דערהויבן, און שטחים גרין-צובליטע האָבן זיך ווי ווייכע קאָלדרעס איבער זיי געשפּרייט. האָט אבער דער אַראַבער זיי פון יעדן בוימל און גרעזל אויסגעטאָן און געלאָזן זיי אזוי וויסט-נאַקעטע אונטער דער זון. אין די לעצטע יאָרן באַ-קליידן זיי זיך אבער ווידער מיט גרינס. מ׳האָט גענומען פלאַנצן וועלדער אויף זיי און טעראַסן-גאָרטנס. די ביימלאַך זיינען נאָך יונגינקע, די קעפּלעך האָבן זיך ערשט היינט-נעכטן דורך דער שטוי-ביקער ערד ארויסגעריסן. זען זיי אויס ווי ציפּליאַטקעס, וואָס האָבן זיך נאָר-וואָס פון די אייעלעך אויסגעפּיקט.

גורט זיך אבער אָן מיט אביסל געדולד, נאָך א יאָר, נאָך א יאָר, — און אָט די ביימלעך וועלן אויסוואַקסן, ווערן הויך און ברייט. פאַנאַנדערשפּרייטן די צווייגן, ווי יונגע ריזן, וואָס צופירן זיך די הענט און דערהויבן זיך מיט שטאָלץ-געשטרעקטע קעפּ צום אייביק-לויטערן הימל.

און אזוי די טעראַסן-גאָרטנס, וואָס מערן זיך אַלץ אויף די בערג, ציען זיך ווי טרעפּ אַלץ העכער און העכער ווי יעקבס לייטער, וואָס ראשו מגיע השמימה.

און בערג, וואָס זיינען ווי פון וואולקאַנישע אויסברוכן מיט א

האָגל פון שטיינער פארשאָטן געוואָרן. שטיינער, וואָס האָבן זיך ווי א מין פאַרשטאָלטענע צרעת אויף זייער לייב אויסגעגאָסן. האָט מען שוין אבער אויך די דאָזיקע צרעת גענומען היילן. גראָז און בוים ברעכן זיך שוין דורך צווישן די שטיינער־שפּליטער.

זעט מען אָפּטמאָל אזא נאַטור־וואונדער: א שטיין איז אויף צווייען צושפּאָלטן און פון זיין אויפגעריסענעם בויך רייסט זיך א יונג לעבן. וואַקסט א בוימל, נערט זיך ערגעץ פון א געהיימער טיף מיט זאַפט און קראַפט, שפּאַרט זיך צו דער זון ווי געטריבן פון מיסטעריעזע כוחות, וואָס ליגן אונטער די שטיינער פארבאָרגן. אָדער בלימלעך וואַקסן נישט נאָר צווישן די שטיינער, נאָר טאַקע פון די שטיינער ארויס, ווי די שטיינער אין אונדזער לאַנד וואָלטן נישט געווען טויט־פאַרגליווערטע מאַסן, נאָר קוואַלן וואָלטן אין זיי געשלאָגן און זייערע אָדערן וואָלטן מיט דעם אָטעם פון שאַפונג געאָטעמט.

שרעקן אייך דערפאַר נישט די בערג, וואָס רינגלען ארום ירושלים.

ריידן זיי צו אייך נישט פון וויסטקייט, נאָר, פאַרקערט, פון בליאונג.

דער וועג שניידט זיך אריין אין די בערג און ארום זיי. אָט דרייען מיר זיך ווי אין א רינג. דער שאָסיי כאַפּט ארום דעם באַרג ווי א גאַרטל. אָט לאָזן מיר זיך אראָפּ שווינדלענדיק באַרג אראָפּ. ס'דאַכט זיך, אז דער אויטאָמאָביל וועט זיך אויסגליטשן און א פאַל־טאָן ארונטער ווי פון א וואַנט. נישטאָ אָבער וואָס מורא צו האָבן, אונדזער שאָפער צוימט דעם מאָטאָר, האַלט די רעדער אונטער קאָנטראָל, און מיר שלייכן זיך פאַמעלעך ביז מיר דערגרייכן דעם טאָל, וואָס ליגט פאַר אונדזערע פּיס. באַלד אָבער וואַקסט אויס א וואַנט און דער אויטאָמאָביל נעמט קלעטערן ווי א בער אויף א בוים, העכער, העכער, אז ווען מיר קוקן ארונטער זען אויס די אַראַבישע דערפלעך, ווי קינדער־שטיבלעך, און די מענטשן, וואָס ארבעטן אויף די פעלדער, ווי שרעטעלעך, וואָס זיינען פון די היילן און שפּאַלטן ארויסגעקראָכן.

דערגרייכן מיר דעם „טאָל פון די רויבער", דעם „עמק

השודרים". דאָ פלעגן אמאָל אראבישע רויבער באפאלן רייזנדיקע, אוועקנעמען ביי זיי אלץ, לאָזן זיי אָפטמאָל טויטע און פארשווינדן דערנאָך צווישן די בערג.

זיי וואָלטן עס היינט אויך געטאָן, וואָרים ס'פעלן נישט קיין רויבער צווישן די אראבער; געוועזן טאקע איינער, וואָס האָט טעראָריזירט ארץ־ישראל. ער איז אליין געוועזן א פּאָליציסט, האָט ער זיך צוקריגט מיט זיינעם אן ענגלישן חבר אין דער פּאָ־ליציי און צוויי דערשאָסן. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן אין די בערג און איז געוואָרן א רויבער. ער איז באפאלן רייזנדע און ענגלישע פּאָליציי־פּאָסטנס. די פּאַלעסטינער רעגירונג האָט זיך א לאנגע צייט געיאָגט נאָך אים. מ'האָט אפילו באשטימט א הויכע באלוינונג פאר דעם, וואָס וועט אים כאַפּן אָדער ארויסגעבן זיין באהעלטעניש. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מען אים געפּאקט.

פּאָרן מיר דורך אָט דעם „רויבער־טאָל". ס'פאלט אבער נישט איין צו שרעקן זיך, וואָרים מ'ווייסט, אז די וועגן אין אונדזער לאנד זיינען זיכער. אן ארץ־ישראלדיקער איד האָט אודאי קיין מורא נישט. ער איז גרייט. אויב אן אראבער זאָל באפאלן וועט ער טרוקן נישט אָפּשניידן, ס'איז נישט ווי אמאָל, און די אראבער ווייסן עס.

דער שאָסיי לויפט אין א שמאָלן טאָל. איז דער טאָל א טיפער ווי אין די בערג אויסגעהאקט. ליגן די בערג איבער אונדזערע קעפּ ווי שווארצע קאָלפּאקעס. איבער זיי א זון, וואָס פארגייט זיך מיט טויזנט פייערן, און א הימל אזוי לויטער ווי די אויגן פון א קינד, וואָס שטייט אויף פון שלאָף. אין טאָל איז אָבער טונקל און קיל ווי אין א קעלער, אין וועלכן נישט מער ווי א שטראָל רייסט זיך פון דרויסן אריין.

הייגנען אזוי די בערג איבער אונדזערע קעפּ ביז מיר דער־נעענטערן זיך קיין ירושלים, וואָרים:

„ירושלים הרים סביב לה, וה' סביב לעמו" — בערג רינגלען ארום ירושלים, ווי גאָט רינגלט ארום זיין פאָלק.

בערג וואָס טראָגן אין זיך און איבער זיך די אייביקייט פון דער אייביקער שטאָט, ווי די אייביקייט פון אייביקן פאָלק.

* * *

די נייע ירושלים. הייזער ניי־געבויטע פון ווייסע שטיינער, אזעלכע פעסט־געמויערטע, ווי מ׳וואָלט זיך באוואָרנט פאר יעדן שטורם, וואָס קאָן אָנקומען, זאָל עס זיין אן ערד־ציטערניש, זאָל עס זיין אן אטאַקע. אָט די הייזער קאָן מען פון אָרט נישט רירן, זייערע ווענט זיינען פון גרויסע, דיקע שטיינער געבויט, וואָס מען ברענגט פון די שטיין־האקערייען, וואָס געפינען זיך טאקע נישט ווייט פון ירושלים.

און הייזער, וואָס מען האַלט אין בויען. אומעטום זעט מען זיי, אויף יעדער גאס און געסל. נייע גאסן און געגענטן וואקסן אויס ווי דורך א כישוף. וואָרים די אַלטע ירושלים צעוואקסט זיך, ווערט גרעסער, צעשפּרייט זיך ווייט אריבער אירע אמאָליקע איינגע גרע־ניצן.

„ירושלים וועט אין צען יאָר ארום זיין איינע פון די שענסטע שטעט אין מזרח", האָט דר. מאגנעס מיר געזאָגט, „און אויך איינע פון די גרעסטע", דאָס האָב איך אויך געהערט פון אנדערע, וואָס קאָנען ירושלים און זען ווי די שטאָט וואקסט פון טאָג צו טאָג.

„רחוב יפו", — די הויפּט־גאַס. שניידט דורך די דאָזיקע גאס די גאַנצע לייגנ פון דער נייער שטאָט, ציט זיך מיט א צעוואקסענער רחבותדיקייט. און אויף דער גאנצער לייגנ קראָמען פוןביידע זייטן, שפּייז־קראָמען, שניט־קראָמען, טאבאק־קראָמען, ביכער־גע־שעפטן, מער ביכער־געשעפטן ווי איך האָב געזען אין יעדער אנדער שטאָט. רעסטאָראנען, קלענערע און גרעסערע, א סך ניי־דערעפנטע פון דייטשע אידן, מיט דעם געשמאַק און דער ריינליכקייט און העפליכקייט פון דייטשע אידן.

און „מואווי"־הייזער מיט ריזיקע, פארביקע אפישן באהאנגען. און קאפע־הייזער, באנקען, האָטעלן. האָטעל „עדן", וואו אמעריקאנער ציוניסטן שטייען איין, דאָס איז דאָס רעזידענץ־אָרט פון דער פארהערלעכטער, זיבעציק־יאָריקער העגריעטא סזאָלד, מיט דער ענערגיע פון אן אכצן־יעריק מיידל, און „אמדורסקים האָטעל", וואו אידן, וואָס קאָנען זיך נישט באגיין אָן היימישע מאכלים און חלשן פריטיק־צו־נאַכט נאָך א שטיקל געפילטע פיש, פארפאָרן. און דער רייכער האָטעל „קינג דייוויד", איינער פון די שענסטע אין מזרח,

וואו באדינער אין ליווריען מיט גאָלדענע גאַלונען שטייען פאר דער טיר. אריסטאָקראַטישע ענגלענדער מיט שטייפע פנימער, מיט זייע־רע פלאַכברוסטיקע ווייבער און טעכטער גייען ארויס און אריין אָדער זיצן אין אויסגעפוצטן פאָיע, און אין דעם גרויסן רעסטאָראַן ביי דער זייט. און דער ריזיקער בנין פון דער „יאָנג מענס קריסט־שען אסאָסיאיישאַן", וואָס ראַקעפעלערס מיליאָנען האָבן געבויט. א בנין אין אָריענטאַלישן סטיל.

אָט דערציילט אן אפישע, אז אין איין סינעמא שפּילט „מיי וועסט בדימנד ליל", דאָס הייסט „מעי וועסט אין דיימאַנד ליל".

אַן אנדער אָוונט וועט שפּילן דזשאָן קראַוופאָרד.

פון א דריטער אָפישע קוקט ארונטער אויף מיר דאס שמייכ־לענדיקע, קינדיש־חנעוודיקע פּנימל פון דזשאַנעט גיינאָר.

„און דער וועלט־באַרימטער פּיאַניסט שנאָבל וועט אויפטרעטן" — זאָגט אָן א פערטע אפישע, מיט ריזיקע העברעאישע אותיות.

און נאָך קראָמען, ווידער א באַנק. רעסטאָראַנען. שילדן איבער הייזער וואָס דערציילן, אז דאָ זיינען פּריוואַטע פּאַנסיאָנען. סקלאַדן מיט סחורות אין די פענצטער. די געביידעס פון די רוסישע מאָ־נאַסטירן און קירכן וואָס זיינען מיט אַן אלטן שטיינערנעם פּאַרקן ארומגערינגלט און וואו אלטע ביימער דרימלען אין דער היץ. הייזער וואָס האַלטן זיך אין בויען. א צעגראָבענער פּלאַץ אויף וועלכן ארבעטער שטעלן־אויף א פונדאַמענט. א נאַקעטער פּלאַץ איבער וועלכן שטיינער און ציגל זיינען צעוואָרפן. נאָך קראָמען. א לעדער־געשעפט. אַפּטייקן. א קראָם פון פּאַרטיקע שיך. „ביוטי פּאַרלאָרס". סואווענירן־געשעפטן. א געשעפט פון עלעקטרישע לאָמ־פּען. א נייע ריזיקע קראָם וואָס דערמאָנט אין א דעפּארטמענט־סטאָר. די לעצטע מאָדעס אין פרויען־קליידער קוקן ארויס דורך די שפּיגלדיקע שויפענצטער.

אזוי איבער דער גאַנצער לייגנג פון „רחוב יפו". אזוי אויף דער „קינג דזשארדזש" גאַס. אזוי ביז דעם „שער יפו" און אריבער.

* * *

און פון גאַנץ פרי־אָן, ווען די זון נעמט אויפגיין, קומען באַלד די אלע גאַסן צום לעבן, ווערן זיי פול מיט קאָכיקער באַוועגונג. די

זון פאַרפּעלט קיינמאָל ניט צו באַווייזן זיך איבער דער אייביקער שטאָט, ווי זי וואָלט קיינמאָל נישט אונטערגעגאַנגען. אפילו אין די רעגנדיקסטע טעג צעצינדט זי זיך אַ צונטערדיקע, אַזוי גיך ווי די שאָטנס פון דער נאַכט טראָגן זיך אָפּ. גיסט זיך אין איר ליכט אַ גאַנצן טאָג אַ רעגנבויגיקער שטראָם איבער די גאַסן. טוריסטן פון אַלע לענדער און ברעגן. אידן פון אַלע עקן און וועלט־טיילן. אידן מיט דעם אויסזען פון אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישער גרויס־שטאָט. אידן מיט לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס און שוואַרצע קאַפּעלושן. אידן אין אַטלאַסענע זשופּיצעס, שטריימלעך און פּאַנטאָפל. תימנער אידן מיט קויליק־שוואַרצע אויגן, פּנימער ווי פון קופּער אויסגעהאַמערט און לאַנגע, פלעשלדיקע פּאות. בוכאַרער אידן אין לאַנגע קאָלירנדיקע כאַלאַטן, טאַרבושן אויף די קעפּ און ווייכע שיך. שפּאַנען זיי אַזעלכע הויכוואוקסיקע, דין־בויגיקע, מיט אַ מינע פון מזרח־פּרינצן. די גרויסע, שוואַרצע אויגן טונקלען זיך פון די טיפע אויגנלעכער. די עליוון־פּנימער אַרומגענומען פון לאַנגע, ווייסע בערד, וואָס צעפאַלן זיך אויף דער ברוסט און פלאַ־טערן ביי די פּאָלעס פון זייערע כאַלאַטן.

און מאָנאַכן אין שוואַרצע הויבן און כאַלאַטן מיט גרויסע צלמים אויף דער ברוסט. און מאָנאַשקעס פאָרנוויים ווי קראָען אויף אַ בוים. פראַנטאָוונע בחורימלעך מיט גלאַט־ראַזירטע פּנימער און שטעקעלעך אין די הענט. מיידלעך עלעגאַנט־געפּוצט, לייכט־זומערדיק, מיט געפאַרבטע פּנימלעך און קאַרמין־רויטע ליפּלעך. פאַרשמייעטע אידן. גרופּעס טוריסטן מיט „בעדעקערס" אין די הענט. אַראַבער שטאָטיש־געקליידט און מיט רויטע פעסקעס. אָפּגע־ריסענע אַראַבער אויף אייזלען און צופוס. אַן אַראַבער מיט עטליכע ציגן וואָס הויבן־אויף אַ שטויב. אַראַבישע בעטלער וואָס שטרעקן די הענט צו די פאַרבייגייער. טאַטואירטע אַראַבערקעס אין שוואַר־צע טיכלעך און באָרוויסע. יונגע אַראַבערקעס וואָס פינקלען מיט נאָלדענע ציין. אויטאָמאָבילן טראָגן זיך אין אַ בליציקן געלויף. אויטאָבאָסן געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן.

קרעמער זיצן פאַר זייערע טירן. אַנדערע זיינען פאַרנומען מיט קונים. אין די באַנקען אַ געדרענג פון מענטשן. אין די רעסטאָראַ־

נען און האָטעלן א פיבערדיקער טומל. פון אָפענע פענצטער א קלאַפּן פון שרייב־מאַשינען, נײ־מאַשינען, א קלאַנג פון מעטאַל. א גלינגלאַן פון קלויסטער־גלאָקן. קולות. א קוויטשעדיקער בריה פון אן אייזל. דער הילכיקער, אויסגעצויגענער רוף פון מועזין פון א מאַשיי־טורעם. אויסגעשרייען פון אַראַבער וואָס פירן אום גרינצייג אין קוישן, צוגעבונדן צום רוקן פון אייזלען. דאָס פייפן פון די האָרנס פון אויטאָמאָבילן און אויטאָבאָסן. דער קנאַק פון בייטשן. דער געשריי פון א לאָקאָמאָטיוו. דער גערויש פון אן עראָפּלאַן וואָס פליט נידעריק, אז מ'קאָן זען דעם פּילאָט. די זילבערנע פליגל בליצן ווי מעסערס אין דער זון.

אָט אזוי פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג.

* * *

לאָזט זיך די זון מיטאַמאָל ארונטער, לעשט זיך אוים, ווי אימיצער וואָלט פּלוצים א לאָמפּ אויסגעדרייט. ווייכע שאָטנס רוקן זיך ארוים און די אייביקע שטאָט הילט זיך אין טונקל־בלויע זיידענע שלייערן דורך וועלכע איר פּנים מינעט ארוים נאָך כשופדיקער ווי בייטאָג.

עלעקטרישע לאַמטערנס נעמען זיך צינדן אויף די גאַסן, און עלעקטרישע פייערן אין די קראָמען, האָטעלן, רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער. און עלעקטרישע שילדן איבער די סינעמאַס. שטייט אזוי ירושלים אין די מילדע אוונטן א יום־טובדיק־צעצונדענע, א יונג־אויפגעלויכטענע, א פריידיק־אויפגערוימטע.

און אויך דער עולם אויף די גאַסן זעט אוים אזא אויפגערוימט־יום־טובדיקער. די לופט איז פול מיט געלעכטער, מיט א געמיש פון לשונות, מערסטנס העברעאיש, אָבער אויך דאָ און דאָרט אי־דיש, דייטש, אַראַביש, רוסיש, פראַנצויזיש, לאַדינאָ.

יונגוואַרג שפּאַצירט אום, פּאָרלעך אין געשלאָסענע אָרעמס, אומעטום יונגוואַרג, אזוי אין ירושלים, אזוי אין תל־אביב, אזוי אומעטום. אין קיין אנדער לאַנד אין דער וועלט זעט מען נישט אזוי פיל יוגנט, ווי אלטע מענטשן וואָלטן זיך גאָר דאָ נישט געפו־נען. איז די אלטע, אייביקע שטאָט פאַרפלייצט אין די אוונטן

פון יונגע מענטשן, פארקלונגען פון יונגען געלעכטער, דורכ־
גענומען פון יוגנט־גייסט און יוגנט־פרישקייט.

אין קאַפע „וויענא" איז שוין יעדער טיש פאַרנומען. אויף א
קליינער בינע שפּילט אַן אָרקעסטער. די אָנפירערין פון דער קאַ־
פּעליע איז א יונג אונגאַריש מיידל. זי שטייט צווישן די אַנדערע
מוזיקער, פירט מיטן סמיק אויפן פידל וואָס איז איינג צוגעפּרעסט
צו איר באַק. די גרויסע, שוואַרצע אויגן, אונטער לאַנגע וויעס
זיינען האַלב צוגעמאַכט. א לאָק האָט זיך ארויסגעריסן פון געדיכט
צונויפגעקנוילטן קאָפּ האָר און פאַלט איר אויף איין זייט שטערן.
זי זינגט אויס אויף איר פידל אומעטיקע, ציגיינער־לידער, פאַר־
בענקטע, אונגאַרישע ראָמאַנסן, רוסישע מעלאָדיען. זי גייט אריבער
צו שובערטס און שוהמאַן. זי שפּילט פּאָפּולערע אמעריקאַנער מו־
זיק. דעם געזאַנג פון אלע פעלקער גיסט זי אויס אינאיינעם מיט
איר קליינעם אָרקעסטער. דער אומעט און די פרייד פון אלע נאַ־
ציעס ציטערט ארונטער פון דער אימפּראָוויזירטער בינע. קלינגען
אביסל אומהיימלעך די אלע פרעמדע טענער אין מיטן פון ירושלים,
ווי די אַפּישן מיט „מעי וועסט אין דיימאָנד ליל" האָבן מיר אויס־
געקוקט עפּעס מאָדנע אויף די גאַסן פון ירושלים.

איז אָבער „קאַפע וויענא" שוין א שטיק פון דער נייער ירושלים.
דאָרטן קומען זיך צונויף אידן פון אלע לענדער: פון אונגאַרן, פּוילן,
רוסלאַנד, אמעריקע, דייטשלאַנד. דאָרט פאַרזאַמלען זיך אויך די
קינסטלער און די שוישפּילער, מיטאַרבעטער פון די לאָקאַלע צײַ־
טונגען, זשורנאַליסטן, קאָרעספּאָנדענטן פון די אויסלענדישע צײַ־
טונגען. עטליכע אידן זיינען פאַרטיפט איבער א שאַך־ברעט, איינ־
עסנדיק זיך מיט די אויגן אין די פיגורן, ווי זיי וואָלטן עפּעס אויף
א נס געוואַרט. און קורצגעשוירענע מיידלעך מיט סיגאַרעטלעך
אין מויל פלוידערן מיט די בחורים ביי זייער זייט. און א מיידל
מיט גרויסע, אומעטיקע אויגן, מיט א פּנים פון א ציגיינערין זיצט
פאַר זיך אליין אין א ווינקל און זופּט לאַנגזאַם עפּעס א פאַרביקן
געטראַנק פון א גלאָז. און א צעפּאַטעלטער יונגערמאַן איז פאַר־
טיפט אין א בוך. אן אנדערער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין א
באַרג צייטונגען, וואָס זיינען איבערן גאַנצן טיש צעוואָרפן. און

צוויי בחורימלעך באדינער לויפן אום פון טישל צו טישל, הערן אויס וואָס מ'פארלאנגט און ענטפערן מיט א קלינגענדיקן „בבקשה" אדער „תודה רבה".

און די מוזיק שפּילט, דאָס מיידל פארגייט זיך אויפן פידל, די אנדערע האלטן איר נאָך. מעלאָדיען פון אלע פעלקער און לענדער פילן אָן די געדיכט־רויכיקע לופט. הערט יעדער זיך איין אין דער מעלאָדיע פון דעם לאנד, פון וואנען ער איז אהער געקומען. פאר־נעמט יעדער די אלטע, באקאנטע טענער, וואָס האָבן דארטן אין דער „אלטער היים" צו זיין הארץ גערעדט. פארגעסט מען זיך אויף א ווייל, אז מ'איז אין ירושלים, וואָס איז דאָס הארץ פון אונדזער לאנד, ווי דאָס אידישע פאָלק איז דאָס הארץ פון דער וועלט.

און אויך די אנדערע קאפע־הייזער זיינען פול. מיר קומען אריין אין איינעם פון די נייע, גרויסע קאפע־הייזער וואָס א דיי־טשער איד האָט געעפנט. אין די ביידלעך ביי די ווענט און ביי די טישלעך איבערן גרויסן, באלויכטענעם זאל זיצן מענער און פרויען. דאָ פארזאמלען זיך אין די אָוונטן די נייע אריבערגעקומענע דייטשע אידן. דאָ טראָגט זיך אום דער הויך פון קורפירסטענדאם. דאָ דערמאָנען די מענער און פרויען אָן וויינער עלעגאנץ און בערלינער פוץ. דאָ הערט מען דייטש ביי א סך טישלעך, און מ'לייענט די דייטשע אימיגראנטן־פרעסע פון פאריז. דאָ זיצן אויך עטליכע אריבערגעבויגענע איבער דער פאריזער „פאסלעדניא נאָוואָסטי", און באדינער אין שווארצן מיט געפרעסטע העמדער גייען אום. און א חנעוודיק מיידל שמייכלט־צו ביי דער קאָסע.

און אין „קינג דייוויד" גייען אָן טענץ. מענער און פרויען אויסגעפּוצט ווי צו א באָל דרייען זיך איבערן גלאנציקן פארקעט נאָך די טענער פון אמעריקאנער דזשעז.

און אונטערהאלטונגען אין קלובען און פריוואטע הייזער, ווי א שטייגער אין הויז פון אונדזער אייגענעם, דער באקאנטער זשור־נאליסט זלמן קאָטלער. ער און זיין פרוי האָבן אָפענע טירן פאר יעדן גאסט, איבערהויפּט פאר „אמעריקאנער". ביי זייער טיש טרעפט מען שטענדיק אידן מארבע פינות אמעריקע. איבערהויפּט

פריטאָג־צונאַכטס, ווען די מכנים־אורחדיקע בעל הבית און בעל הביתטע, גיבן קאָנצערט פאר די געסט.

* * *

איז עס די נייע ירושלים. ירושלים הבנויה.

איז עס די ירושלים פון הונדערטער ניי־אויפגעבויטע הייזער און פון הונדערטער הייזער וואָס האַלטן זיך אין בויען.

איז עס די ירושלים פון נייע קווארטאַלן און גאַנצע פאָרשטעט־לעך וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן.

איז עס די ירושלים פון „מואווים" און דזשעז; פון קאפע־הייזער און טענץ; פון גרויסע האָטעלן; פון יונג־קאָכיקן לעבן; פון לעקציעס און קאָנצערטן; פון קינסטלער און שריפטשטעלער; פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט; פון אונטערמייערם אמפיטעאַ־טער; פון הונדערט־און־איינס מאָדערנע אינסטיטוציעס; פון דאָק־טוירים, אינזשינערן, אדוואָקאטן; פון פּאָליטיקער און באאמטע; פון אלערליי גרופּן און „קאָלאָניעס": אן „ענגלישע קאָלאָניע", אן „אמעריקאנער קאָלאָניע", לעצטנס א „דייטשע קאָלאָניע".

איז עס ירושלים פון שפּיל אין אריסטאָקראַטיע. פון פריווילע־גירטע קרייזן. די פריווילעגירטקייט באשטייט אָפט פון האָבן א סך געלט, א רייך הויז, פון פארנעמען א וויכטיקן אמט אין דער אדער יענער ציוניסטישער אינסטיטוציע, פון זיין א מקורב ביים האַי־קאָמישיאָנער. שפּילט זיך אָפּ א לעבעליכער סנאָביזם ארום דעם אלעמען. מ'פארקערט אין דעם קרייז און נישט אין קיין אנדערן. מען פירט רוגזען צוליב „יחוס". מ'שלאָפט נישט קיין נעכט ווען מ'ווערט, למשל, נישט איינגעלאַדן אין דעם „סאלאָן" פון דער אלטער, ענגלישער פריילין לאַנדאו, פון דער עוועלין דע־ראטשילד שולע.

איז עס די ירושלים פון היינט, די נייע, די וואָס בויט זיך און וואַקסט; די וואָס ענדערט איר פּנים כמעט יעדן טאָג; די וואָס צע־שפּרייט זיך מיט אזא ראשיקן טעמפּ, אז די אלטע תושבים דערקע־נען זי נאָר נישט.

פאראַן אָבער אן אלטע ירושלים, די אייביק־אומפאַרענדערטע,

וואָס רוט שוין אזוי טויזנטער יאָרן מיט אירע אומציילִיקע געסלעך; מיט אירע קברים און מצבות; מיט אירע אומפארגייענדיק־הייליקע מאָנומענטן; מיט איר אלט-אלטער געשיכטע וואָס רעדט ארויס פון אירע העלדן און קדושים וואָס שלייכן זיך אום צווישן אירע ווענט, וועמעס רייד און רוף ציטערט נאָך אום אין איר לופט.



די כותל מערבי

א נייע ארץ ישראל ווערט געשאַפן דורך די דייטשע אידן

געוואוסט האָב איך, אז לויט סטאטיסטישע ציפערן זיינען פאַראן נישט מער ווי צוויי הונדערט און פופציק טויזנט אידן אין ארץ־ישראל און אנטקעגן זיי אריבער זעקס הונדערט טויזנט אראבער.

דעם איינדרוק אָבער וואָס מען קריגט, איז, אז מיר זיינען דאָרטן אין די מיליאָנען, און אז אראבער זיינען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

ס'איז ווי אין א היימיש שטעטל שבת, וואו דער איינציקער גוי וואָס דרייט זיך אום, איז דער וואָס נעמט ארונטער די לייכטער און הייצט־איין די הרובע.

ווייס איך, אז סטאטיסטיש זיינען פאראן העכער זעקס הונדערט טויזנט אראבער.

און איך האָב זיי אויך געזען וואו איך בין געשטאנען און געגאנגען.

זיי שלעפּן זיך אום איבער אונדזער לאנד ווי ציגיינער. אליין און מחנותווייז. מיט ווייבער און קינדער. צו־פוס אדער אויף אייזלען און קעמלען.

און מ'זעט זיי ארבעטן אויף פעלדער, שפּאנענדיק מיט אייזלשער פוילקייט נאָך דעם אור־אלטן, הילצערנעם אקער.

און מ'זעט זיי פאר די הייזלעך זייערע, פון ליים און אייזל־ און קעמל־ קויט צענויפגעקלעפּטע, און מיט פארטריקנטער צואה באַשמירטע.

דאָ און דאָרטן אויך שטיינערנע הייזער, מאנכע אפילו געבויט ווי מויערן, מיט דיקע ווענט און שמאָלע פענצטערלעך מיט גראַטעס, ווי אַלטע פעסטונגען.

פאראַן אויך דערפער און שטעט וואו מ'זעט אינגאנצן נישט קיין אידן, ווי א שטיינער שכם, אדער חברון, וואָס איז נאָך דעם פאָגראָם פארלאָזן געוואָרן פון דער אידישער באפעלקערונג, און

דאָך איז דער איינדרוק, אַז די אַראַבער עקזיסטירן גאָר נישט.

זיי שלייכן זיך אום אין דער לויטערער, דורכזיכטיקער זוניקייט פון אונדזער לאַנד, ווי שאָטנס שוואַרצע, שלייכן זיך אום און ווערן צערונען, לאָזנדיק די זוניקייט אַ קרישטאָליקע און אומבאַפלעקטע.

הויבט מען אָן גלויבן, אַז גאַנץ ארץ־ישראל איז באַזעצט פון אידן, אַז ניט צוויי הונדערט און פופציק טויזנט, נאָר מיליאָנען פילן אָן אונדזער ישוב פון דן ביז באר שבע.

דער איינדרוק ווערט נישט צערונען אפילו ווען איר ווייסט, אַז עס איז פאַראַן אַ ביטער־ערנסטע אַראַבישע פראַגע אין ארץ־ישראל.

די אילוזיע האַלט־אָן אפילו ווען פאַר אייך איז טראַגיש־קלאָר, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ אַ טרויעריק קליינע מינאָריטעט אין אונדזער היימלאַנד.

אַזאַ כשוף האָט שוין אויף אייך ארץ־ישראל.

וואָרים וואו איר גייט און וואו איר שטייט איז נאָר אידן, אידן און אידן.

און וואו איר פאָרט און וואו איר שטעלט זיך אָפּ איז נאָר אידישע אַרבעט.

אַלצדינג וואָס ווערט געבויט און געשאַפן אין אונדזער היימלאַנד, איז פון אידישע הענט.

און אויב אַ פעלד איז גוט פאַראַקערט און פאַרזייט, איז עס פון אידישע הענט. און אויב דער קוימען פון אַ פאַבריק דערהויבט זיך, איז עס אַ אידישע פאַבריק.

און אויב אַ שיינער בנין קאָליכט זיך מיט זיין ווייסקייט אין דער זון, באַלאַנגט עס צו אַ אידן.

און תל־אביב איז דאָך אודאי אידיש, כולו אידיש, פון מעיאר ביז דעם פּאָליציימאַן און גאַסנקערער און לאָמפּן־צינדער.

און אַזוי ירושלים, אונדזער ירושלים.

און אַזאַ איינדרוק מאַכן חיפה און טבריה.

אַזאַ כוח האָבן שוין באַוויזן די צוויי הונדערט און פופציק טויזנט אידן, אַזאַ כוח און וואונדער.

יעדער איד באַשטייט פאַר צען, אָדער אפשר פאַר הונדערט.

מעגן זיך דערפאר די קאַלטע, טרוקענע סטאַטיסטיקער זאָגן: נישט מער ווי צוויי הונדערט און פופציק טויזנט אידן זיינען פאראן אין ארץ־ישראל. איר, אָבער, זייענדיק דאָרטן, זאָגט צו זיך: עס ו'ויבט זיך נישט אָן; די צאָל פון אידן איז ווי די שטערן אין הימל, וואָרים אויב ס'זאָל אנדערש זיין, ווי וואָלט מען געקאָנט באַווייזן אָט די וואונדער וואָס די אויגן זען.

* * *

איז עס אויך אזוי מיט די דייטשע אידן אין ארץ־ישראל.

זאָגן אונדז די אויסגערעכנטע, מאַרכיקע סטאַטיסטיקער: ארום עלף טויזנט דייטשע אידן האָבן איינגעוואַנדערט לעצטן יאָר קיין ארץ־ישראל.

ווען איך בין אָבער דאָרטן געווען האָט זיך מיר געדוכט, אז אלע זעקס הונדערט טויזנט דייטשע אידן האָבן פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע דייטשלאַנד און אריבערגעקליבן זיך אין אונדזער לאַנד.

וואָרים וואו איך בין געגאַנגען האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשע אידן: אין די קאַפע־הייזער און האָטעלן, אין קבוצות, קאָלאָניעס און שטעט, אויף די ראָגן פון די גאַסן און אויף די שאָסייען און אָפּגעלייגטע וועגן.

אָט גייען א גרופּע יונגעלייט און מיידלעך אויף דעם שמאָלן וועג וואָס ציט זיך ביי די זייטן פון די פעלדער, דאַרף מען נישט זיין קיין שטערנזעער צו טרעפן אז דאָס זיינען דייטשע איינגעוואַנדערטע.

מ'דערקענט זיי אויפן ערשטן קוק: די בחורים מיט האַרט־אָפּגעשוירענע קעפּ ווי אָפּגעגאָלטע. אָנגעטאָן אין קהאַקי־העמדלעך און ניקערס. די ראַנצעס אריבערגעוואָרפן אויף די פּלייצעס. הויכע, איינגעשנורעוועטע שיך מיט דיקע פּאַדעשוועס און איינגעקאָוועטע אָפּצאַסן, און שווער־וואָלענע זאָקן פון וועלכע די נאַקעטע ליטקעס זען זיך ארויס.

און די מיידלעך קורץ־געשוירענע, בלאָנד־קעפּיקע, פּול־ברים־טיקע, מיט פריש־אָפּגעברענטע פּנימער. אויך זיי גייען אין קהאַקי־

העמדלעך, אנדערע אין ניקערס, אנדערע אין קורצע קליידלעך, און אויך זיי טראָגן ראַנצעס אויף די פּלייצעס.

דאָס זיינען די ערשט־אָנגעקומענע, זיי גייען נאָך דערווייל באַטראַכטן אונדזער לאַנד, באַקוקן די קאָלאָניעס און שטעט.

טוען זיי עס אויף דעם דייטשן טוריסטן־שטייגער. מ׳פאָרט נישט אין אויטאָמאָבילן אָדער אויטאָבאָסן, נאָר מ׳לאָזט זיך פירן פון אייגענע קרעפטיקע, יונגע, געניטע פיס.

ערשט מיט א יאָר צוריק האָבן זיי אפשר געקלעטערט די אַלפּן, אָדער די טיראָל־בערג, צי אומגעוואַנדערט איבער די שאָטנדיקע שטעגן און וועגן פון שוואַרצוואַלד.

איצט שפּאַנען זיי איבער די פעלדער און טראַקטן פון ארץ־ישראל.

שפּאַנען מיט ברייט־צעעפנטע, פאַרגאַפטע אויגן, ווי אריבער־געטראָגענע אין אן אויסטערלישער, וואונדערלעכער וועלט, א וועלט וואָס זיי האָבן אפשר אפילו אין זייער חלום ניט געזען.

ווער ווייסט פאַר וויפיל פון זיי איז פּאַלעסטינע, איבערהויפּט ארץ־ישראל, געווען א פרעמדער, גאָרנישט־זאָגנדיקער נאָמען. א ווייט, אָפּגעלייגט, אומבאַמערקט פּינטעלע אויף דער געאָגראַפישער קאַרט.

האָט זיי אָבער היטלער דערמאָנט, אז ס׳איז פאַראַן פּאַלעס־טינע אויף דער וועלט.

שפּאַנען זיי איצט איבער דער דאָזיקער פּאַלעסטינע, באַטראַכטן אירע פעלדער און קאָלאָניעס, אירע פּרדסים און וויינגערטנער און אויפגעוואַכטע פייערן צעצינדן זיך ביי זיי.

און דאָס פרעמדע, פּראַקטיקע וואָרט „פּאַלעסטינע" שמעלצט זיך שוין איבער ביי זיי אין דעם צינדענדיקן, זינגעוודיקן נאָמען „ארץ־ישראל".

ניט לאַנג צוריק האָבן די דאָזיקע דייטשע בחורימלעך און מיידלעך געזונגען אפשר „די וואַכט אַם רהיין", „דייטשלאַנד איבער אַלעס" אָדער די אָרטאָדאָקסיש־סאָציאַליסטישע „מאַרסעליעזע". צי דעם קאָמוניסטישן „אינטערנאַציאָנאַל". ניט זיי אָבער א פּאָר

וואָכן צייט אין אונדזער לאַנד און איר וועט הערן פון זייערע העל־זער זיך ארויסרייסן לוסטיק־קלינגענדיק דאָס חלוצים־ליד:

אנו הולכים, אנו באים,
יש עבודה עד בלי די,
נטע עצים על הסלעים,
גם בהר וגם בגיא,
אנו נסל את הכבישים,
נחצוב צור לאבני־ניר,
„הידד" יענו הפטישים
בשירינו את השיר.

האָב איך שוין מאקע געזען אָט די דאָזיקע נייע־איינגעוואַנ־דערטע דייטשע חלוצים אין די הונדערטער אין די קאָלאָניעס און קבוצות פון אונדזער לאַנד.

איך האָב זיי געזען ארבעטן אויף די פעלדער און אין די פּרדסים און ווייגגערטנער.

איך האָב זיי געזען ארבעטן ביי די נייע בנינים וואָס בויען זיך אין די הונדערטער אין חיפה, תל־אביב און ירושלים.

און איך האָב זיי געזען קלאַפּן שטיינער אויף דעם „כביש" און אויסהאַקן שטיינער אין די שטיינהאַקערייען אָדער ווי מען רופט זיי אין העברעאיש „מחצבות".

און זיי זיינען באַדינער אין רעסטאָראַנען און האָטעלן.

און זיי זיינען „קלוירקס" אין פארשיידענע אָפיסעס און געשעפטן.

פון די קארגע עלף טויזנט אידן וואָס האָבן דעם יאָר איינגע־וואַנדערט, זיינען ארום דריי טויזנט אוועק ארבעטן ביי דער ערד.

יעדער קאָלאָניע און קבוצה האָט גענומען אויף זיך צו פאַר־זאָרגן מיט ארבעט א געוויסע צאָל דייטשע אידן.

אין מאנכע קאָלאָניעס און קבוצות האָט מען שוין געבויט פאַר זיי ספּעציעלע הייזער, דערווייל צענויפגעשלאָגן פון האָלץ. ס'מאַכט אָבער נישט אויס, וואָרים א סך קבוצהניקעס וואוינען נישט אין קיין בעסערע.

און דאָרטן וואו מ׳האָט נאָך דערווייל נישט געקאָנט אָנגרייטן קיין הייזער האָט מען אויפגעשטעלט מיליטערישעביידלעך.

מאכט עס אויך נישט אויס, וואָרים א סך אלטע חלוצים האָבן יאָרן און יאָרן געלעבט, געפיבערט און געווייטיקט אין אזעלכע ביידלעך.

* * *

ווי אזוי פּאַסן זיך אריין די דאָזיקע מענטשן אין דעם ארץ־ישראלדיקן לעבן?

איך האָב געשטעלט די פראגע צו צענדליקער טוער אין אונ־דזער לאַנד און דער ענטפער פון יעדן איז געווען:

„אויסגעצייכנט!"

די דייטשע חלוצים האָבן מיט זיך געבראכט א וואונדערלעכן אידעאליזם און א זעלטענע צופּאַסונגס־פיאיקייט.

נישט נאָר היטלער, נאָר טאקע זיי אליין האָבן פארברענט הינטער זיך אלע בריקן מיט זייער פארשאָלטענעם „פאַטערלאַנד".

אין „דער היים" איז מען געווען סטודענטן אין אוניווערזי־טעטן, דאָקטוירים, אדוואָקאטן, זשורנאליסטן. האָט מען אבער אויפן וועג אריינגעוואָרפן די טעקסט־ביכער אין ים, צעריסן די דיפּלאָמעס, די מאנוסקריפּטן, און מ׳איז געקומען מיט איין גע־דאַנק, מיט איין שטרעבונג און ווילן: אָנהויבן א ניי לעבן. איבער־בויען זיך אליין אויפ׳ס ניי, אויפלייזן דאָס אלטע, דאָס דייטש־גלותדיקע, ווי מען לייזט אויף די פסולת אין נאַלד אין א שמעלצ־טיגל.

און מ׳האָט עס אויך באוויזן.

טרעפט איר צווישן די דייטשע חלוצים, וואָס איר באַגעגנט אויף די פעלדער, אין די פרדסים און ווייגגערטנער יונגעלייט, וואָס זיינען ערשט נעכטן געזעסן אויף דער אוניווערזיטעט־באַנק, אָדער וואָס האָבן שוין געהאַט דיפּלאָמעס פון דאָקטוירים און אדוואָקאטן.

האָב איך באגעגנט מיידלעך אין די קבוצות און קאָלאָניעס, וואָס ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן זיי שטודירט אין די אוניווערזיטעטן פון בערלין און קעניגסבערג, אין די קונסט־שולעס פון מינכען, אין דער קאָנסערוואטאָריום פון דרעזדען.

היינט ארבעטן זיי מיטן פיאש אין די פעלדער אָדער זיי שטייען אויף לייטערס אָנגעשפּארט אָן די מאַראַנצן ביימלעך און שניידן מאַראַנצן, אָדער זיי מעלקן קי. אין דער פרייער צייט לערנען זיי מוזיק, טענץ, אַטלעטישע איבונגען מיט די קינדער.

און אזוי גיך ווי זיי קומען אין לאַנד נעמען זיי זיך באַלד לערנען העברעאיש און באַהערשן די שפּראַך אין א מערקווירדיק־קורצער צייט.

וואָרים פון דער אַלטער היים האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם טיפּישן דייטשן פלייס, די כאַראַקטעריסטישע דייטשע טיכטיקייט און גרינטלעכקייט. לערנען זיי העברעאיש נישט אויפגעכאַפּט, נאָר מעטאָדיש, פון סאַמע פונדאַמענט, מ׳„שטודירט" די העברעאישע גראַמאַטיק, מ׳„שטודירט" אידישע געשיכטע, מ׳נעמט באַלד לייענען די פּרעסע און ליטעראַטור.

האָב איך באַגעגנט דייטשע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס זיי־נען נישט מער ווי עטלעכע חדשים אין לאַנד און זיי ריידן שוין אַן אויסגעצייכנטן העברעאיש.

און די זעלביקע טיכטיקייט און גרינטלעכקייט ווייזן זיי אויך ביי דער טאָג־טעגלעכער ארבעט. פירער פון קבוצות און קאָלאָניעס האָבן מיר געזאָגט, אז די דייטשע חלוצים זיינען זייער פּייאיק און זייער ארבעטסזאַם. זיי כאַפּן גיך „דעם שניט", זיי טויגן זיך אויס צו אַלץ, זיי זיינען אויך גוטע חברים און פּאַסן זיך אריין אין דער קאָמונאַלער סביבה פון די קבוצות.

קומען אבער אויך פּאָר שטילע טראַגעדיעס, וואָס גליקליכער־ווייז ענדיקן זיי זיך, כמעט ווי אין די „מזאוויס", גאַנץ פריילעך. אָט איז איינע:

אין „דגניה" איז אָנגעקומען א דייטשער יונגערמאַן מיט זיין פרוי. ער איז געווען אין דייטשלאַנד אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. זיין פרוי, אויך א גוטע סאָציאַר־ליסטקע און אַן אינטעליגענטער מענטש.

זיי האָבן ביידע געוואָלט ארבעטן נאָר אין א קבוצה און נישט אין קיין פּריוואַטער קאָלאָניע, וואָרים דאָס קאָמונאַלע לעבן האָט

זיי מער אימפּאָנירט. „ווי קאָן איך גיין ארבעטן פאר א פּריוואטן אונטערנעמער?" האָט דער יונגערמאן נעטנהעט.

זיינען דאָס פּאָר־פאָלק אָנגעקומען קיין „דגניה". מען האָט די אריינגעקומען „אויף פּראָבע", צו זען ווי ווייט זיי וועלן זיך אריינפּאסן אין קבוצה־לעבן.

האָבן זיי אָפּגעארבעט א חודש, און יעדער איז פון זיי געווען צופרידן. ביים סוף חודש גייט־צו דער יונגערמאן צו דעם פירער פון „דגניה", יוסף באראַץ, און גיט צו אים א זאָג:

„כ'דענק, אז איך מוז אייך פארלאָזן".

„פארוואָס?" האָט אים באראַץ געפרעגט, „מיר ווילן גראָד, אז איר זאָלט בלייבן, איר האָט זיך דאָך שוין מיט אונדז איינגעלעבט פאר דעם חודש, און מיר זיינען מיט אייך צופרידן".

„איך וויל אודאי בלייבן", האָט דער יונגערמאן געענטפערט, „איך קאָן אָבער נישט צוליב מיין פרוי".

„וואָס איז מיט אייער פרוי? זי וויל דאָ נישט זיין?

„מיין פרוי וויל אויך בלייבן; איך ווייס אָבער נישט צו איר וועט זי וועלן", האָט דער יונגערמאן א זאָג געטאָן און גענומען זיך רויטלען און אוועקגעדרייט די אויגן.

„זאָגט מיר וועגן וואָס האנדלט זיך?" איז באראַץ צו אים צוגעשטאַנען.

„פארשטייט איר מיך", האָט דער יונגערמאן אנגעהויבן, פלאָנטערנדיק מיט דער צונג, „ווען מיר זיינען אנגעקומען אהער האָב איך אייך נישט דערציילט דעם אמת, אז מיין פרוי איז א קריסטין..." ביים יונגנמאן האָבן זיך באוויזן טרערן אין די אויגן.

האָט די קבוצה באלד אָפּגעהאלטן א פארזאמלונג און מ'האָט איינשטימיק באשלאָסן, אז דאָס פּאָרל זאָל בלייבן אין „דגניה".

די בלאָנדע, נאָרדישע טאָכטער, האָט מיר באראַץ דערציילט, איז אנב איינע פון די בעסטע און איבערגעבנסטע ארבעטאָרינס אין „דגניה".

ענלעכע געשיכטעס זיינען פאָרגעקומען אין אנדערע קבוצות.

אין דערזעלבער „דגניה„ האָט געטראָפן אן אנדער פאל מיט א „דייטש". ער איז אויך געווען א סאָציאַליסט און א וויכטיקער

באַאַמטער אין בערלינער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, ווען די סאָציאַ־ליסטן האָבן געהאַט די ממשלה. איז ער אָנגעקומען ארבעטן אין „דגניה". געבראַכט האָט ער מיט זיך אַ פּאָר הויכע, לאַקירטע שטיוול, אַ זכר פון די „גוטע צייטן", און אויך אַ געוואוינהייט צו וואַשן זיך עטלעכע מאָל אין טאָג און צו פּוצן זיך. ער איז אָבער געווען אַן אַלטער בחור, מיט אַלע אַלט־בחורשע שוואַכקייטן צום שיינעם געשלעכט. ער איז, חלילה, נישט געגאַנגען צו־ווייט, ער האָט אָבער געהאַלטן זיך אין איין בחורן, און אַז ער האָט דערזען אַ מיידל אָדער אַ יונג ווייבל האָבן די אויגן ביי אים אויפגעבליצט און ער האָט גענומען דרייען די פאַרשפּיצטע וואָנצעלעך.

וואָלט עס נאָך נישט אויסגעמאַכט; די צרה איז אָבער געווען — מיט די לאַקירטע שטיוול. ער פלעגט ארויסגיין מיט די שטיוול ארבעטן אין פעלד, האָבן זיי געגלאַנצט, ממש זיך אָנשפּיגלען אין זיי. דאָס ליים און די בלאָטע אין די פעלדער האָבן אָבער נישט קיין איינזען מיט געפּוצטע שטיוול, מעגן אפילו די כאַליאַוועס שימערירן ווי זיבן זונען. פלעגט נעמען נישט לאַנג און דאָס ליים און די בלאָטע האָבן זיך איינגעקלעפּט אַזוי, אַז דער גאַנצער גלאַנץ איז אָפּגעריבן געוואָרן. דער אַלטער בחור האָט זיך דערפון שטאַרק מצער געווען, פלעגט ער לויפן צוריק צו זיך אין צימער און נעמען ארבעטן מיט דער באַרשט און שיכוואַקס. דאָס פלעגט אָנגיין אַזוי אַ פּאָר מאָל אַ טאָג.

דער קאַמף צווישן די שטיוול און דער בלאָטע און ליים איז אָבער געווען אַן ארויסגעוואָרפענער, וואָרים יעדער אין „דגניה" האָט געוואוסט, אַז זיגן וועלן די בלאָטעס.

איז טאַקע דער אַלט־בחורשער דייטש געקומען אין איין שיי־נעם פרימאָרגן און דערקלערט באַראַצן, מיט ארונטערגעלאָזענע אויגן:

„איך מוז פאַרלאָזן דגניה".

מ'האָט אים נישט צוריקגעהאַלטן.

* * *

און פון ראָמאַנטישע, אַלטע בחורים צוריק צו קאַלטער, ניכ־טערער סטאַטיסטיק:

צווישן די קרוב צו עלף טויזנט דייטשע אידן, וואָס האָבן איינגעוואנדערט אין אונדזער לאַנד, זיינען געקומען א סך מיט געלט.

מען רעכנט, אז זיי האָבן אריינגעבראכט אין לאַנד אריבער דרייסיק מיליאָן דאלאר אין געלט און סחורות.

אויב מען זעט דייטשע סחורות אין די קראָמען פון ירושלים, תל־אביב, חיפה, איז עס נישט דערפאר, ווי מען האָט געשריבן, אז ארץ־ישראל באָיקאָטירט נישט דייטשלאנד. דאָס איז כלל נישט אמת. דער באָיקאָט איז גאנץ שטארק. אין גאנץ ירושלים און תל־אביב זיינען אויסגעקלעפט פלאקאטן מיט אויפשריפטן: „החרימו את היטלער!" — באָיקאָטירט היטלערן, אדער „באָיקאָטירט דייטשע פראָדוקטן", אדער: „מיר פארקויפן נישט קיין דייטשע פראָדוקטן".

די מעשה איז אבער אזוי: די אָנגעקומענע דייטשע אידן האָבן נישט געקאָנט ארויסראטעווען זייער געלט, האָבן זיי אָנשטאָט געלט געמוזט מיטברייגנען סחורה און מאשינען, וואָס מ'האָט זיי יאָ דערלויבט ארויסנעמען. די מערסטע סחורה האָט באלאנגט צו זיי נאָך איידער די בייזע היטלער־מאכט איז געקומען.

* * *

זעט מען אין ירושלים און אין תל־אביב און חיפה הילצערנע הייזלעך, געבויט פון קאסטנס, אין וועלכע די דייטשע אידן האָבן געבראכט מאשינען און סחורה.

מאנכע פון זיי וואוינען טאקע אין די שטיבלעך וואָס זיי האָבן פון די קאסטנס אויפגעשטעלט.

די ברעטער טראָגן נאָך די אויפשריפטן „האמבורג", „קעניגסבערג", „שטוטגארט", „ברעמען".

און די דייטשע אידן האָבן אריינגעטראָגן א פיל פארביק לעבן אין ארץ־ישראל. זיי האָבן געעפנט אין תל־אביב, חיפה, ירושלים און טבריה האָטעלן, רעסטאָראַנען, קאפע־הייזער.

זיי האָבן געבראכט אויך אביסל דעם גייסט פון קורפירסטענדאם — וואָס איז שוין נישט קיין מעלה.

און זיי האָבן גענומען בויען נייע אינדוסטריען, כעמישע פאַ־בריקן, טעכנישע אונטערנעמונגען.

און זיי טוען עס מיט דער טיכטיקייט, גרינטלעכקייט און רו־איקער אונטערנעמערישקייט, וואָס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דייטשן אידן.

וואָרים דער דייטשער איד איז נישט אזוי ספּעקולאַטאָריש ווי דער פּוילישער אדער אמעריקאַנישער. ער נעמט זיך נישט צו רויך־און ווינט־געשעפטן. ער וויל נישט גיך רייך ווערן. ער בויט פעסט, מעטאָדיש און גרינטלעך. איז ער דערפאַר א שאַפנדער און קאָנ־סטרוקטיווער עלעמענט אין אונדזער לאַנד.

* * *

פאַראַן אפילו אזעלכע וואָס האַלטן נאָך געווענדט איין אויג אויף דייטשלאַנד.

דאָס זיינען אזעלכע, וואָס צווישן די פּאַפּירן פון זייער בוזים־קעשענע ליגט פאַררוקט א בילעט אויף צוריק.

זיי שפּילן זיך נאָך מיט דער האָפנונג, אז ס׳וועט ווערן בעסער אין דייטשלאַנד, אז היטלער וועט היינט־מאָרגן ברעכן דעם קאָפּ און זיי וועלן זיך אומקערן צוריק צו זייער פריערדיקן זאַט־בירגער־לעכן לעבן און זיצן ווייטער אין די אָוונטן אין די קאַפע־הייזער פון בערלין און מינכען און צוקוקן געמיטלעך דעם פאַראַד.

וואַרטן די דאָזיקע קורצזיכטיקע אָפּטימיסטן, אז „דער שטורעם זאָל אריבער". זייערע אויערן זיינען אָנגעשפּיצט צו הערן יעדע מינוט די גוטע בשורה, אז היטלער איז ארונטער. זיי זיינען בלינד איינצוזען, אז היטלערס סוף מיינט לחלוטין נישט דער סוף פון היטלעריזם, און אז היטלעריזם איז א „בכיה לדורות".

האָב איך באַגעגנט דעם דאָזיקן טיפּ אין פאַרשידענע פּלעצער: אין דעם גרויסן, נייעם קאַפע־הויז אויף „רחוב יפו" אין ירושלים, א שטייגער. אין די אָוונטן זעט מען זיי דאָרט זיצן, דעם קאָפּ פאַר־גראָבן איבער דייטשע צייטונגען, און זופנדיק קאַפע. זיי לייענען די דייטשע פרעסע, וואָס גייט ארויס אין פאַריז; זיי נישטערן מיט די אויגן די לעצטע נייעס פון „פאַטערלאַנד". וואָס הערט זיך דאָרטן? ווי האַלט עס מיט דעם נאַצי־רעזשים? ווערט בעסער? קומט אן

ענדערונג? און טאָמער יאָ, וועט מען איינפּאַקן דאָס פּעקל און פאַרקירעווען דעם דישעל אויף צוריק.

אַנדערע זיצן און פירן צווישן זיך שמועסן אין דייטש. קיין העברעאיש האָט מען זיך נישט אויסגעלערנט און מ׳האָט אויך קיין חשק נישט צו לערנען. צו וואָס? איז דאָך ארץ־ישראל נישט מער ווי א סטאַנציע.

אַנדערע זיצן גלאַט און קוקן מיט אומעטיקע אויגן פאַר זיך; וואָרים ס׳איז זיי גאָר נישט גוט, די דאָזיקע מענטשן. די וואונדן, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון דייטשלאַנד, בלוטן נאָך, זיי וועלן זיך ביי זיי קיינמאָל נישט פאַרהיילן. מ׳איז שוין צו אַלט און מיד אָנצוהויבן א ניי לעבן; מ׳איז צו לאַנג געווען איינגעוואָרצלט אין דער ערד פון דייטשלאַנד, און נישט יעדער איז בכח זיך ארויסצורייסן פון א באָדן, וואו מ׳איז מיט אַלע רמ״ח אברים און שס״ה גידים געווען אריינגעוואַקסן. און — דער עיקר — ארויסרייסן זיך פון זיך אַליין און זיך אויף א נייעם באָדן אריבערפלאַנצן.

און איז דאָך פאַר א סך פון זיי אונדזער לאַנד, אין פאַרגלייך מיט דייטשלאַנד, א היבש ביסל פּרימיטיוו און פּראָווינציעל. תל־אביב, מיט איר גאַנצן אָנשטעל אויף אייראָפּעאישקייט, איז פאָרט נישט בערלין, און חיפה איז נישט האַמבורג.

אי וואָס, פאַר אונדז איז תל־אביב וויכטיקער ווי טויזנט בערלינס, און חיפה — פון הונדערט מאָל הונדערט האַמבורגס? דאַרף מען דאָך צו דעם האָבן א טיף־נאַציאָנאַלע באַציאונג, און דאָס האָבן נישט די דאָזיקע אידן.

זיינען זיי דערפאַר זייער אומעטיקע מענטשן, זיי זיצן און נייען אום אין אונדזער לאַנד ווי פאַרלאָרענע.

איך דערמאָן זיך אָן איינעם, מיט וועלכן איך האָב זיך באַגעגנט אין א פרימאָרגן — ביים רמב״מס קבר אין טבריה. דער איד איז געקומען קיין טבריה, זען, צי קאָן ער נישט עפּעס טאָן דאָרט.

שטייען מיר אזוי ביים טויער און שמועסן, און ער גיט מיר פּלוצים א זאָג:

„ניין, ס׳איז נישט פאַר מיר!...״

איך האָב אויף אים א קוק געטאָן: ער איז געווען א מאַן אויף

דער שוועל פון די זעכציקער. אין די גרויע אויגן א מידקייט און אן אומעט, דאָס פּנים טיף־געקארבט אָבער ריין־ראַזירט. די הויזן פּאַר־זיכטיק געפּרעסט. אויפן פינגער א שווערער סיגנעט. דער גאַנצער אויסזען א סאָלידער, א מיושבדיקער, א טיפּיש־דייטש־סוחרישער.

איך האָב אים נישט געפרעגט ווער ער איז און וואָס ער האָט געטאָן אין דייטשלאַנד; פאר מיר איז אבער געוואָרן קלאָר, אז — „עס איז נישט פאר אים".

קאָן אבער, פונדעסטוועגן, געמאָלט זיין, אז אפילו אויך די דאָזיקע אידן וועלן, סוף־כל־סוף, בלייבן אין אונדזער לאַנד.

וואָרים — וואוהין וועלן זיי גיין ? זיי וועלן דאָך סוף־כל־סוף אויסגעפינען, אז די הוצאות אויף דער צוריק־קאַרטע זיינען געווען ארויסגעוואָרפן. אז היטלער ברעכט נאָך דערווייל נישט דעם קאָפּ, און אז אפילו ווען עס זאָל מיט אים יאָ עפּעס טרעפן, וועט ער לאָזן נעגוג יורשים נאָך זיך, און אפשר נאָך ערגערע ווי ער.

ס'וועט זיי אָנקומען שווערער זיך איינצואָרדענען, זיכער שווע־רער ווי די פּוילישע אידן, וואָס זיינען שוין געוואוינט צו צרות; אָבער — „אין דבר", מען וועט זיך צוגעוואוינען.

און די דייטשע אידן האָבן אויך באריכערט די העכערע פּראָ־פעסיעס אין אונדזער לאַנד. עס זיינען אָנגעקומען גוטע דאָקטוי־רים, אינזשינערן, טעכניקער.

מעדיציניש איז אונדזער לאַנד איצט פארזאָרגט און זעלבסט־שטענדיק. מען דאַרף נישט פאָרן קיין אייראָפּע, ווען מען דאַרף מאַכן אן ערנסטע אָפּעראציע, אָדער צוליב עפּעס אן ערנסטער קראַנקהייט, ווי דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

זיינען די דייטשע אידן בכלל א גרויסער קאָנסטרוקטיווער כח און אן אמתע ברכה פאר אונדזער לאַנד.

ווען היטלער זאָל וויסן וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאר אונדזער לאַנד, וואָלט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

אונטערן בוים וואו אברהם אבינו איז געזעסן

אלט און געבויגן איז דער „אשל אברהם", דער בוים, ביי וועלכן אברהם האט, ווי דער חומש דערציילט, אויפגענומען די דריי מלאכים, וואס זיינען געקומען צו זיין טיר.

אן אייזערנע אפצאמונג נעמט אים ארום, און דער בוים אליין איז איינגעשלאסן אין א מין רינג פון ברעטער.

און א שטאנג שפארט אונטער איינעם פון זיינע צווייגן, וואס בויגט זיך נידריק צו דער ערד, ווי די משא פון אזוי פיל יארן וואלט זיך שווער געליינט אויף זיין קאפ.

אלט און געבויגן שטייט דער „אשל אברהם", וואס האט דעם גאנג פון דער אייביקייט געזען פאר זיך, — דעם ערשטן פאטריארך פון אונזער אומה מיט זיין שאטן געשיצט אין די טעג, ווען די זון האט, ווי נמרודס פיילן, געשאסן מיט אירע שטראלן איבער זיין קאפ.

אט דא האט זיך זיין געצעלט געפונען. אט דא האט ער איינמאל אין א טאג „כחום היום", אויפגעהויבן די אויגן און דערזען דריי מענטשן.

איז ער זיי געלאפן אנטקעגן, ווי אן אמתער מכניס אורח, פארבויגן זיך פאר זיי צו דער ערד, ווי מ'איז זיך נאך היינט נוהג אין מזרח, ווען א גאסט קומט. ארייגעבעטן זיי אינ־וויינייק, דערלאנגט זיי וואסער, זיי זאלן אפוואשן די מידע שטויביקע פיס. דערלאנגט זיי ברויט, זיי זאלן זיך אונטערליינען דאס הארץ. געלאפן אנזאגן שרהן, אז געסט זיינען געקומען, און געהייסן איר באקן פרישע פלעצלעך, און אליין איז ער אוועק אויסקלייבן א פריש, יונג שעפעלע און געשאכטן עס. אויך פו־טער און מילך. ווי אזוי אברהם האט געמישט פלייש מיט פוטער און מילך — זאל עס די „מזרחי" פארענטפערן.

און אט דא, אונטערן בוים, וואו מיר זיינען געשטאנען, האט אברהם אויסגעשפרייט די סעודה פאר די געסט. ער איז

געשטאַנען איבער זיי און זיי באַדינט, און „ויאכלו", — דער־ציילט אונדז דער חומש, — די געסט האָבן געגעסן, און מן־הסתם הנאה געהאַט.

אַלט און געבויגן איז דער „אשל אברהם". דאָס איז נאָך אָבער א קרעפּטיקער זקן, דער שטאַם — א דיקער און בייכיקער. די צווייגן ברייט צענומען. די בלעטער — יונג־פרישע, גרין־גלאַנ־ציקע.

טראָגט נאָך אָט דער זקן געגנוג זאַפט און קראַפט אין זיינע אָדערן און ביינער. שפּרייט ער נאָך פון זיך א שאָטן אויף א ברייטן שטח, — א חיותדיק קילן שאָטן, ווי דאַמאָלס, ווען אברהם איז אונטער אים געזעסן.

קאָן מען נאָך היינט אויך געפינען אָפּרו און דערפרישונג אין שוץ פון זיינע צווייגן און בלעטער.

נישטאָ אָבער מער דאָס געצעלט.

און מלאכים זעהן זיך אויך נישט. אנשטאַט א געצעלט, דער־זען מיר אויף א בערגל די שפּיצן פון א קלויסטער, וואָס גלימ־צערט מיט זיין צלם אנטקעגן דער זון.

און אנשטאַט מלאכים באַגעגענען מיר אַראָבער אויף אונד־זער וועג. איינער, א זקן, דרימלט אויף אן אייזל, וואָס שלייכט זיך ביי די פּלויטן. דער זקן זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, וויגט אויטאָמאַטיש מיט די פיס, וואָס הייגגען אַרונטער ביז דער ערד, ווי מיט פליגל.

און ווען אונדזער אָטאָמאָביל פאָרט אריין אין טויער, קומט אונדז אַרויס אנטקעגן א מאָנאַך.

ער פאַרבויגט זיך פאַר אונדז, ווי, להבדיל, אברהם, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן פאַר אים די דריי מלאכים אין געשטאַלט פון מענטשן.

ער איז נאָך א יונגער מענטש, דער מאָנאַך. זיין לאַנגע, שוואַר־צע באָרד צעשויבערט. די לאַנגע, אויליקע האָר פאַלן לאָקנווייז פון אונטער זיין שוואַרצן קאָלפּאַק, וואָס איז ווי צוגעוואַקסן צו זיין קאָפּ. דער אָפּגעטראָגענער כאַלאַט איז אַרומגעכאַפּט מיט א שטריק ביי די לענדן. אויף די באָרוויסע פיס סאַנדאַלן.

קוקט ער אונדז אָן שווייגנדיק מיט שפּילקעדיקע אויגלעך, קלייבט איבער מיט די פינגער א בינטל שליסלען.

באַזיליאַנסקי קען אים שוין מן־הסתם און ער גיט אים עפּעס א פרעג אין רוסיש. ענטפערט ער אין א כאָכאָלישן רוסיש, ווי מ׳רעט אין מיין היימישער אוקראַינע.

מיר ווערט אביסל היימליכער, — פּאַרט „א לאַנדסמאַן״, כאָטש אָט דער כאָכאָלישער רוסיש ביים „אשל אברהם״ קלינגט מיר עפּעס אזוי אויסטערליש, — א מין גראָטעסק־שפּיל, וואָס דער געהיים־קאַפּריזנער גאַנג פון דער געשיכטע אין אונדזער לאַנד האָט אָפּגעשפּיצלט.

איז עס נישט דער איינציקער גראָטעסק־שפּיל פון דעם סאָרט.

אזוי איז דאָך אויך, למשל, די „מערת המכפלה״ אין חברון, איבער וועלכער די אראַבער זיינען די באַלעבאַטים.

זיצן מיר ביים ברעג פון „אשל אברהם״. די זון פּאַליעט. אין שאָטן פון אַלטן, פאַרהייליקטן בוים, — דער שטומער עדות פון אונדזער פרימאָרגן, — איז אבער קיל, פייכטלעך־קיל.

טראָגט זיך מיט אמאָל דורך א ווינטל, — א לייכט, שפּילעוו־דיק ווינטל. נעמט דער אַלטער בוים צושאָקלען מיט די צווייגן און אונטערמורמלען פאַר זיך מיט די בלעטער.

הער איך מיך איין אין דעם שטילן מורמל פון זקנס ליפּן, שפּיץ אָן מיינע אויערן צו פאַרשטיין, וואָס ער רעדט צו זיך אליין.

פאַרשטיי איך יאָ און פאַרשטיי ניט. וואָרים דער זקן האָט דאָך אזוי פיל צו דערציילן. טראָגט ער דאָך די סודות פון אייביקייט, פון אונדזער אייביקייט, אין זיין קרעפטיק־ברייטן שטאַם, אין זיינע צעשטרעקטע צווייגן, אין דער יונג־פרישער גרינקייט פון זיינע בלעטער.

גייען מיר באַטראַכטן דעם אַלטן קלויסטער אויפן באַרג און דעם נייעם, וואָס מ׳האָט אונטן געבויט אין די לעצטע יאָרן.

דער מאָנאַך גייט אונז נאָך, עפנט פאַר אונדז די פאַר־זשאַווערטע שלעסער.

די קלויסטערס באַלאַנגען צו דער רוסישער קירך.

„פאר דער רעוואָלוציע”, דערציילט אונדז דער מאָנאך, „פלעגן קומען אהער טויזנטער גאָט־בעטער, „פּאַלאָמניקעס”, פון אלע עקן רוסלאנד... עך, וואָס דאָ פלעגט זיך איבערטאָן! געלט איז גע־פלאָסן פון אלע זייטן. איצט, אבער... עך”, — און ער גיט א פארצווייפלטן מאך אין דער לופט.

איצט איז ער דאָ מיט אן עלטערן גלח. מיר באגעגענען אים שפּעטער. ער בויגט זיך אויך פאר אונדז.

ביידע לעבן זיי דאָ אליין, גיבן אכטונג אויף די צוויי קלויס־טערס, וואָס פוסטעווען.

זיי באקן אליין ברויט פאר זיך, באארבעטן דעם גאָרטן, זאָגן פּאטשערעס און קריגן אביסל געלט פון דער הויפּט־קירך אין ירושלים, כאָטש די הויפּט־קירך איז אויך פאראָרימט געוואָרן און האַלט זיך אויף פון פארקויפן טיילן לאנד, וואָס באלאנגט צו איר.

און ווען מיר בלייבן אליין צעעפנט זיך ביים מאָנאך דאָס מויל, ווי ביי איינעם, וואָס האָט לאנג נישט געהאַט מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן.

„די רעוואָלוציע”, זאָגט ער מיר, „וואָס האָט זי אויפגעטאָן? מ׳הונגערט, מ׳האָט פיינט איינער דעם אנדערן, מיין משפחה איז געווען אין בעסעראַביע, האָט אויסגעבראכן די רעוואָלוציע און די מערסטע האָט מען אויסגעהרגעט; בין איך דאָ אליין... מן־הסתם וויל גאָט אזוי... אונטערן צאַר איז געווען בעסער... ניקאָלאַי האָט געגעבן פופציק טויזנט רובל אויף דעם נייעם קלויסטער... יאָ...”

וויל איך זיך מיט אים נישט ארײנלאָזן אין א חקירה וועגן ניקאָלאַיען און דער רעוואָלוציע. ער בלייבט שטיין אן אומעטיקער, זעט אויס פון ווייטן ווי א שוואַרצע וואָראָנע, וואָס האָט זיך פון א בוים ארונטערגעלאָזן.

און איך שטיי אויפן בערגל, באַטראַכט די פעלדער, וואָס שפּרייטן זיך פאר די פיס. דאָס זיינען די „אלוני ממרא”.
די „אלוני ממרא”.

א באַזוך ביי דער „מערת המכפלה"

און מיט שטילע האַרצשרעק באַטראַכט איך די דעכער פון די הייזער אין חברון, וואָס נעמען זיך אַרויסשיילן.

דער אַטאָמאָביל שניידט זיך אַריין אין שמאָלע געסלעך, דרייט זיך און קירעוועט זיך אויף דעם שטייניג־שלענגלדיקן טראַקט.

פאָרן מיר צו דער „מערת המכפלה". איך קאָן זיך אָבער נישט באַפרייען פון דעם טרויער, וואָס חברון ווייט מיט אַמאָל אָן.

אָט זיינען מיר אויף דער גאַס, וואו די ישיבה איז געשטאַנען. דער בנין שטייט איצט א פוסטער, מיט פאַרהאַקטע לאָדנס און טירן.

און אָט זיינען די הייזער, וואו צענדליקער אומשולדיקע יונגע אידישע לעבנס זיינען אומגעקומען פון די רוצחיש־אַראַבישע הענט.

אָט איז סלאָנימס הויז, איבער וועלכער עס טראָגט זיך דער גסיסה־כאָרכל פון געשאָכטענע און אומגעקומענע על קידוש השם.

און אָט איז דאָס ברודיקע אַראַבישע געזינדל. באָרוויסע, אָפּגעריסענע, ווילדע, ווי מ'וואָלט זיי פון פינצטערע וואַלד־הייל נאָר־וואָס אַרויסגעלאָזן.

זיי לויפן־נאָך אונדזער אָטאָמאָביל. מיר שטעלן זיך אָפּ. ווערן מיר באַלד אַרומגערינגלט פון א מחנה.

זיי ווייסן, אז מיר זיינען טוריסטן; באַפאַלט מען אונדז ווי היישעריקן; בלינדע, קרעציקע בעטלער שטרעקן די הענט. יונגע אָפּגעשליסענע בחורים קוקן אונדז אַריין הינטיש אין די אויגן. מ'שטופּט אונדז אין פּנים פּאָסטקאַרטן, פּאַטשערקעס; מיר פילן זיך ווי אין א קלעם, פון וועלכן ס'איז זיך אוממעגליך אַרויסצורייסן.

אזוי אין חברון, אזוי אין בית־לחם, וואו מיר זיינען געגאַנגען זען די קריסטליכע הייליקייטן. אזוי אין נצרת; אזוי אין די אַלטע

קריסטליכע קלויסטערס און ביי זייערע קברים און הייליקייטן אין ירושלים.

פיל ערגער ווי ביי אונדז. די אראבישע שנאָרעריי איז א מיאוסע, א צוואנגיקע, א דערנידעריגנדיקע פאר דעם מענשלעכן מין.

פאנגט זיך אָן א קריגעריי צווישן א פּאָר אראבער, ווער ס׳זאָל אונדז פירן ווייזן די „מערת המכפלה״.

מאקס, וועלכער קען די אראבער און ווייסט ווי מיט זיי דורכצוקומען, גלייכט אוים ווי עס איז דעם סכסוך.

צוויי פירן אונדז: איינער א יונגער, מיט שווארצע וואנצעס און נאָך שווארצערע אויגן, ווי ביי א פעלד־גזלן. ער איז אָנגעטאָן אין א בלויליכן כאלאט, און די רויטע פעסקע איז אים פארפאָרן וואוילינגעריש אויף א זייט. דער צווייטער, אן עלטערער, אין א צעריסענעם כאלאט, א שמאטע ארום קאָפּ און א פּאָר צעלע־כערטע שקראבעס אויף די באָרוויסע פיס. א דריטער שלעפּט זיך נאָך פון א זייט.

מיר גייען דורך עטליכע שמאָלע, קויטיקע געסלעך, שניידן זיך דערנאָך אריין אין אלטן טייל פון שטאָט, וואָס פירט דורך א טויער. מיר געפינען זיך אין א מין לאבירינט. עס איז ווי א קאָ־רידאָר, וואָס איז אויסגעהאקט אין אן אלט־אלטער פארצייטיקער מויער, דער קאָרידאָר איז שמאָל און לאנג, און מיט שפּיציקע שטיי־נער אויסגעפלאסטערט, און א קעלערדיקע טוכלעקייט טראָגט זיך אום צווישן די דיקע ווענט, וואָס זיינען געבויט פון ריזיקע שטיי־נער. איז דורכגעשניטן דער קאָרידאָר פון אומצייליקע עפע־נונגען, וואָס פירן צו אלערליי געסלעך. אויף ביידע זייטן גייען אראבער און אראבערקעס. זיי טראָגן זיך פארביי ווי שאָטנס, פלומפּן פון ברונימער דאָ און דאָרט, שטעלן זיך אָפּ אראבערקעס און פילן אָן מיט וואסער די ליימענע קרוגן, וואָס זיי טראָגן אויפן קאָפּ. מענער וואשן די פיס, און אָט איז א פעקארניע, דער אויוון איז אויסגעהאקט אין דער וואנט; אן אראבער, נאקעט ביזן גארטל, נעמט ארויס מיט א לאָפּעטע פלעצלעך פונם פייער. די פלאמען שלאָגן אָפּ א גלאנץ אויף זיין שווייסיקן לייב. אראבישע קינדער־

לעך פארלויפן אונדז דעם וועג און שטרעקן צו אונדז די הענט־לעך. וואונדן באַדעקן זייער ליב, די אויגלעך — האַלב־בלינדע און יאַטרענדיקע.

איז דער וועג אַ לאַנגער און פירט באַרג־אַרויף, באַרג־אַרויף. מיר בלייבן ענדליך שטיין פאַר טרעפּ, וואָס פירן צו אַ מאָשיי, וואָס וואַקסט אויס פּלוצלונג פאַר אונדזערע אויגן. מיר זען נאָר די דיקע ווענט ווי פון אַ פאַרצייטיקער פעסטונג, און אויפהויבנ־דיק דעם קאָפּ — די לופטיקע מינאַרעטן וואָס רייסן זיך צו דער לויטערער בלויקייט.

דער יונגער אַראַבער שטעלט זיך אָפּ און גיט אַ זאָג:

— אויב איר ווילט אַריינגיין אינווייניק וועט עס יעדן פון אייך קאָסטן פינף־און־צוואַנציק פּיאַסטער.

וואונדערט זיך באַזיליאַנסקי, וואָס מ'וויל אונדז דערלויבן אַריינגיין אינווייניק. פריער האָט מען נאָר געקאָנט אַרויפגיין צוואַנציק טרעפּ, אין דער „מערת המכפלה" האָט מען אָבער קיי־נעם נישט אַריינגעלאָזן.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די אַראַבער אין חברון נויטיקן זיך לעצטנס זייער אין געלט, וואָרים זינט די אידן האָבן נאָכן פּאָגראָם פאַרלאָזן די שטאָט איז חברון פאַראָרימט געוואָרן. האָט מען אַרונטערגענומען דעם פאַרבאָט און מען זוכט הכנסה פון דער „מערת המכפלה".

זאָגן מיר: „גוט, יעדער פון אונדז וועט באַצאָלן די סומע..."

רופט זיך אָן דער יונגער אַראַבער:

— איר זאָלט אָבער נישט רעדן קיין העברעאיש ווען איר וועט זיין אינווייניק. אז מען וועט אייך פרעגן, וואָס פאַר אַ לשון איר רעדט, זאָלט איר זאָגן — ענגליש...

פאַרשטייען מיר וואָס ער מיינט, אונדז ווילט זיך אָבער זען די „מערת המכפלה", און מיר שאָקלען צו מיטן קאָפּ.

ער לויפט אַוועק ברענגען די שליסלען. עפנט פאַר אונדז די טויערן פון דער מאָשיי, און מיר גייען דורך אַ ברייט־ברייטן הויף, וואָס איז אַרומגענומען מיט הויכע ווענט; דערנאָך פירט מען אונדז אַריין אין פּאַליש פון דער מאָשיי.

— דאָ איז יוספס קבר, — גיט דער אַראַבער אַ זאָג.

יוספס קבר... דער קבר פון יוסף הצדיק...

ער זעט אויס ווי אַ מויערל, איבערגעדעקט מיט אַ גרין־פּליר־שענעם טוך, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעהעפט אין גאָלד אַראַ־בישע אויפשריפטן.

און אינווייניק, אין דער מאָשיי: די קברים פון אברהם און שרה, יצחק און רבקה, יעקב און לאה.

די קברים אליין, זאָגט מען אונדז, זיינען אונטער דעם שווערן, מירמלשטיינערנעם דיל. זיי געפינען זיך אין היילן, טיף אונטער דער ערד; טרעפּ פירן צו זיי; זיי זיינען אָבער פאַרהאַקט מיט שלעסער.

איבער די קברים — אָט די מויערלעך. זיי זיינען אויך איבערגעדעקט מיט שווערע טיכער פון פּליוש און בראָקאַט, מיט פּסוקים פון קאָראַן אויסגעהעפט אין גאָלד.

שטייען אַזוי אָט די מויערלעך אונטער די לופטיקע, געוועלבטע ראַמען פון דער אַלט־אַלטער מאָשיי. דאָ איז שטענדיק די טונקעלקייט פון בין־השמשות. די זון שיינט דאָ קיינמאָל נישט אַריין. די געפאַרבטע שויבן אין די שמאָלע, געוועלבטע פענצטער פאַר־צאַמען דעם וועג פאַר די שטראַלן; און אַ שטילקייט איז דאָ, אַז דאָס אייגענע אָטעמען הילכט אָפּ; און ווי אַ פעלדיקער שטח שפּרייט זיך די מאָשיי, — אַ פאַרנעם, וואָס דאָס אויג קאָן קוים אַרומנע־מען. אַ פעלד, מיט מירמעלשטיין געפלאַסטערט, און אַרום דיקע ווענט, שווערע קאַלאָנען ביי די זייטן, און אַ הויך־הויכער אויס־געקייכלעכדיקטער סופיט איבער אונדזער קאָפּ.

און אין מיטן — די קברים פון אונדזערע אבות. דאָרט, אין קאָרידאָר, דער קבר פון יוסף הצדיק, — דער מערקווירדיקער איד, וועמעס לעבן סימבאָליזירט דאָס לעבן פון אַ סך אידן נאָך אים. אַ פרעמדער אין אַ פרעמדן לאַנד, אַ קנעכט, שפּעטער אַ מיניסטער, דער רעטער פון מצרים. די באַלוינונג — שנאה צו זיין פאָלק. „פּרעה, אשר לא ידע את יוסף", — און אַלטע געשיכ־טע, וואָס בלייבט אייביק ניי.

און אין דער מאָשיי אליין — די קברים פון אונדזערע אבות: אברהם און שרה, יצחק און רבקה, יעקב און לאה.

רחל ליגט אויפן וועג צו בית־לחם. איר קבר איז שוין אין אידישע הענט. אידן קומען אהין, שטייען איבער איר מויערל, צינדן ליכט און אויל־לעמפּלעך, גיבן נדבות, לאָזן איינזאפּן זייערע טרערן אין די בלוי־ווייס געקאַלכטע ווענט.

דאָ קאָן מען קיין תפלות נישט זאָגן, קיין טרערן נישט פאַר־גיסן. אַראַבישע שומרים זיינען ביי דער זייט. שטייט מען פאַר־שטיינערט שווייגנדיק, רעדט נאָר דאָס איבערוועלטיקטע הארץ צו זיך:

— אָט דאָס איז די „מערת המכפלה"; אָט דאָס זיינען די קברים פון אונדזערע אבות...

אָט פון יענער זייט פון די דאָזיקע דיקע ווענט, וואו די ברוי־דיק־אָפּגעריסענע אַראַבער שלעפּן זיך אום, וואו זייערע ליימענע הייזלעך רויכערן זיך, וואו דער עיפּוש פון זייערע געסלעך פילט אָן די לופט, — **האָבן געלעבט אונדזערע אבות.** געוואַנדערט, גע־ליטן, די ערשטע ענויים פון א פרעמד־פּיינטליכער וועלט אויס־געשטאַנען.

און אָט דאָ זיינען זיי געשטאָרבן.

שטייט מען פאַרשטיינערט־שווייגנדיק און נאָר דאָס אייגענע, איבערוועלטיקטע הארץ רעדט צו זיך:

— אָט דאָס איז די „מערת המכפלה... אָט דאָס זיינען די קברים פון אונדזערע אבות...



קבר רחל

די אַלטע שטאָט יריחו

האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזן צו דער אַלטער שטאָט יריחו.

צווערשט ביים „ים המלח", וואו מיר האָבן באַטראַכט די „נאָוואָמעיסקי־קאָנצעסיע", — אַ ריזיקע פאַבריק, וואו מ'אַרבעט אויס דעם פּאָטאַש, בראָמין און די אַנדערע מינעראַלן, וואָס מ'ציט אַרויס פון „ים המלח"; דערנאָך די נייע, מאָדערנע הייזער פאַר די אַרבעטער. זיי זיינען געבויט מיט אומצייליקע פענצטער אויסגע־האַקט אין די ווענט פוןביידע זייטן, כדי די לופט זאָל שטענדיק דורכשטראָמען און אָפּקילן די מוראַדיקע היץ, וואָס הערשט ביים „ים המלח".

מאַכט אָט די „נאָוואָמעיסקי־קאָנצעסיע" וואונדערליכן דער־פּאָלג. זי וועט מיט דער צייט באַרייכערן דאָס לאַנד אַזוי ווייט, אַז ארץ־ישראל וועט אין פינף יאָר ווערן אין גאַנצן שטייער־פריי. לויט דעם אָפּמאַך מיט דער פּאַלעסטינער רעגירונג קריגט זי אַ גרויסן פּראָצענט פון די הכנסות פון דער קאָנצעסיע, און אַ געוויסער פּראָצענט ווערט אַרונטערגערעכנט פאַר שטייערן. האַלטן די הכנסות אין איין שטייגן, וואָרים דער „ים המלח" טראָגט גאַנצע אוצרות אין זיינע טיפענישן. אויפלעבונג און בליאונג שטראָמען פון אָט דעם „טויטן ים".

און דער קוראָרט און פאַרוויילונגס־פּלאַץ „קליה".

— ווייסט איר די באַדייטונג פון דעם וואָרט „קליה"? — פרעגט מאַקס ביי מיר.

— ניין, איך ווייס נישט.

— דאָס זיינען, — דערקלערט ער מיר, — ראשי תבות פון די ווערטער „קום לתחיה, ים המלח": שטיי אויף צום לעבן, ים המלח!

פּאָלגט דער „טויטער ים" דעם דאָזיקן רוף און שטייט אויף צום לעבן.

אַ ווערַאַנדע שפּרייט זיך אויפן ברעג פון זיינע וואַסערן, וואָס זען אויס ווי פאַרגליווערט־פאַרפרוירענע, און די זון גיסט איבער

דער גאָלדיק־ גלימצערנדיקער פלאַך מיט עמערס פליסנדיק פייער. בעדואינער־געצעלטן שווארצן זיך ביי די זייטן. אנטקעגן — דער בארג נבו, אויף וועלכן משה איז געשטאַנען און געכאפּט א לעצטן, פארביינקטן קוק אויף דעם געבאָטענעם, נאָר פאר אים פארבאָטענעם לאַנד.

שפּילט א פּאָנאָגראַף דורך א „לאוד ספּיקער" אויף דער וועראנדע. א טענאָר זינגט אויס דעם באקאנטן אמעריקאנער ראָמאַנס: „פלעי, פידל, פלעי". א בראָדווייער ראָמאַנס אָט דאָ, פאר דעם בארג נבו! — מאָדנע. אפשר האָבן דער פארשכורטער לוט און זיינע פריילעכע טעכטער הנאה פון דעם בראָדווייער סענטימענטאַלן לידל? אפשר די צעלאָזענע איינוואוינער פון די אומגעקומענע סדום און עמורה? זייערע גייסטער שוועבן איבער אָט דעם טאָל און די בערג, וואָס דראָען מיט זייער ווילדער נאקעטקייט.

פאָרן מיר אויפן וועג צו דער אלטער יריחו.

דארפן מיר נישט באַלאַגערן אירע ווענט, נישט שאַלן מיט שופרות, אז די מויערן זאָלן איינפאַלן, כדי מיר זאָלן קאָנען אריינדרינגען אינווייניק.

מיר דארפן אויך נישט אנקומען צו די לאסקעס פון דער ליבער רחב הזונה און אפילו זיך נישט באַנוצן מיט איר רויט שנירל.

א ברייטער, אָפענער שליאַך פירט צו דער אלט־אלטער, ביבלישער שטאָט, וואו יהושע בן נון האָט זיין ערשטן אָפּשטעל געמאַכט.

שיינע ווילאַס, אָרימע אראבישע כאַטקעס. א פעלד פאר לופטפליער. אן עראָפּלאַן הויערט אויפן גראָז ווי א ריזיקער, מידער פויגל. אן אנדערער צירקלט אין דער לופטן, גרייט ארונטערצולאָזן זיך.

די שיינע הויז פון „בית מרים", — דאָס איז א דערהאָלונגסהיים פאר קראַנקע, וואָס הערבערט סעמועלס ווייב האָט אויסגעבויט. אפשר דאָס איינציק־נוטע אין ארץ־ישראל, וואָס איז פארבונדן מיטן נאָמען פון דעם ערשטן אידישן „נציב".

יריחו איז א „פאַרשאָלטענע שטאָט״ פאַר אידן. זיינען דאָרט קיין אידן נישטאָ, חוץ א אידישע דאָקטאָרשע. מיר פאָרן פאַרביי איר ווילא מיט די פאַלמען־ביימער. און אן ענגלישער אָפיצער, — וואָס פאַר א שייכות האָט דאָ דער ענגלישער אָפיצער? — פרעגט ביי ארץ־ישראלדיקע אידן און זיי וועלן אייך איינרוימען א סוד אין אויער, און אייך וועט שוין ווערן קלאָר, אז עס האָט שוין גאָר א שייכות...

און „אלישעס קוואַלן״, וואָס פאַרזאָרגן יריחו מיט וואַסער, גיבן איר לעבן און בליאונג, טרינקען אָן אירע פעלדער און גערט־נער, וואָס ברענען אונטער דער זון.

און טאַקע דערביי — די אויסגראָבונגען פון דער אַלטער יריחו.

פירט אונדז אן אַראַבער ווייזן די חורבות און אויסגראָבונגען; צייכנס פון הייזער, אָפּגעלופּעטע ווענט, פאַרבליבענע אויוונס, אַלטע, איבערגעבערענטע ווייץ, וואָס מ׳האָט געפונען אין ליימענע טעפּ, שערבלעך פון כלים.

גייען מיר אום איבער די חורבות, באַטראַכטן די פאַרבליבענע שפּורן פון ווייט־ווייטע פאַרגאַנגענע דורות. אָט דאָ איז געווען די אַלט־אַלטע יריחו, אָט דאָ...

נישטער איך צווישן דער ערד און די קוילן לאַנג־לאַנג אויס־געלאָשענע.

— וואָס זוכט איר? — פרעגט ביי מיר מר. שאַפּירא.

— רחב הזונהס זאַקנבענדלעך... — רופט זיך אָן באַזילי־אַנסקי.

רחב הזונה... אין נרונט גענומען א פיינע פרוי, געשפּילט גאָר א וויכטיקע ראָל אין פרימאָרגן פון אונדזער געשיכטע, — פאַר־בליבן אבער פון איר, פון די אַנדערע, נישט מער ווי אויסגעלאָ־שענע קוילן.

זייער פייער צינדט אָבער ערגעץ אַנדערש, ברענט און שפּריצט מיט פונקען איבער דער גאַנצער לייננ און ברייט פון אונדזער לאַנד.

טבריה — די אַלטע אידישע שטאָט

פאַרנאַכט אויפן וועג קיין טבריה. אָט איז געווען א זון און אָט איז זי נישטאָ. רעדט זיך עס גאָר אזוי, וואָרים איידער זי האָט זיך אָפּגעטראָגן פון דער ערד און פארשוואונדן אונטער די גליל־בערג, האָט די זון זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווייל איבערן „ים־כנרת״, גענומען זיך טובלען אין די בלוי־דורכזיכטיקע, שפּיגלדיקע וואַסערן, איבער וועלכע א דין רויכל איז געווען פארצויגן.

איז דער, וואָס האָט נישט געהאט די זכיה צו באַטראַכטן א זונאונטערגאנג איבערן „כנרת״, האָט אין זיין לעבן קיין זונאונטערגאנג נישט געזען.

איז די זון פאַרגאַנגען אונטער די בערג, ברעכן זיך אבער נאָך ארויס אירע שטראלן, ליגן זיך אין גאָלדענע פּאַסן אויף דער פרידלעך־אָטעמענדיקער ברוסט פון „כנרת״ און ציטערן אום איבער די פעלזיקע שפּיצן.

אין טאָל, וואו מיר פאָרן, איז שוין אבער נאכט. די שווארצע שאָטנס לייגן זיך אלץ טיפער. די פעלדער זען זיך קוים, זיי שפּרייטן זיך אויףביידע זייטן, ווי געהיימע, צענויפגעהאָרבעטע מאסן. ניט מער ווי צעוואָרפענע פייערן שמינקלען ווי פליקערדיקע ליכטלעך; פייערן פון אראַבישע דערפלעך, וואָס זיינען איבער די בערג צעוואָרפן; פייערן פון בעדואינער געצעלטן, וואָס ליגן אין טאָל; פייערן פון דער רוטענבערג־סטאַנציע, וואָס מיר האָבן נישט לאַנג צוריק פארלאָזן. און עס איז שטיל ארום, א פאר׳בראשית׳דיקע שטילקייט. די נעכט אין אונדזער לאַנד שווייגן מיט אזא שווייגן, וואָס קיין מענטשלעכער אויער האָט נאָך נישט פארנומען.

מיר זיינען געפאָרן מיט דעם שאָסיי, וואָס פירט צו דער אלטער שטאָט, וואָס ליגט אין א טאָל ביי דעם ברעג פון „כנרת״.

דער אויטאָמאָביל לויפט אָפּ א שטרעקע גלאַט און געמיטלעך. ס׳איז אפילו פינצטער. אונדזער שאָפער מאַקס ווייסט אָבער דעם

וועג און מ׳קאָן אים אפּלאָזן איבער אונדזער לאַנד מיט פאַרבונ־
דענע אויגן.

פּלוצים שטעלט ער זיך אָבער אָפּ. וואָס איז ? עפּעס איז אים
נישט קלאָר. ער שטעלט ארוים דעם קאָפּ, גראָבט איין די אויגן אין
דער פינצטערניש, און באַלד פאָרט ער ווייטער.

מיר חידושן זיך אביסל : מאַקס זאָל זיך דאַרפן אָפּשטעלן
און באַטראַכטן דעם וועג ? מיר האָבן אבער צוטרוי צו אים און
זיינען גרייט צו לאָזן זיך פירן פון אים וואו ער וויל נאָר.

שטעלט ער זיך אבער ווידער אפּ און נעמט זיך נאָכאַמאָל איינ־
קוקן אין וועג. פרעגט שוין ביי אים מר. שאַפּירא :

— וואָס איז מאַקס ?

ענטפערט ער :

— נישט געזאָרגט, מר. שאַפּירא, מיר וועלן באַלד זיין אויפן
ריכטיקן וועג.

מיר הויבן אָן דערפילן, אז מיר זיינען ניט אויפן שאָסיי. דער
אויטאָמאָביל נעמט טאַנצן אויף שטיינער און רודעס, אָנשלאָגן
זיך אָן קאַנאַוועס און גריבער.

פאַר אונדז ווערט קלאָר, אז מיר האָבן ארונטערגעבלאָנדזשעט
פון וועג. אונדז פאַלט אבער נישט איין צו זאָרגן זיך. דער אָטאָ־
מאָביל טרייסלט אויף אונדז, אבער נישט אונזער גלויבן אין מאַקסן,
כאָטש די נאַכט איז א שטאָק פינצטערע און די שטילקייט אזא
אימהדיקע, ווי אַלץ ארום וואָלט אויסגעשטאָרבן.

מיר שטעלן זיך ווידער אָפּ און מר. שאַפּיראָ פרעגט ווידער :

— „וואָס איז געשען, מאַקס ?"

— מען האָט דאָ לעצטנס, ווייזט אוים, צוגעבויט א נייעם,
זייטיקן שאָסיי, — ענטפערט מאַקס, — זיינען מיר ארונטער פון
אַלטן. מיר וועלן אָבער באַלד געפינען דעם וועג.

פאָרן מיר ווייטער, און פּלוצים דערפילן מיר א שטאַרקן קלאַפּ,
דער אָטאָמאָביל האָט זיך אין עפּעס אָנגעשטויסן און קאָן זיך נישט
רירן פון אָרט.

מיר גייען ארונטער. מאַקס נעמט ארוים אן עלעקטריש בליץ־

לעמפל און מיר דערזען, אז אונדזער אטאָמאָביל איז ארויפגעפאָרן אויף די רעלסן פון אן אייזנבאַן.

— ס'פעלט נאָר, אז די באַן זאָל אָנקומען, וועט זיין א סוף צו דיין „שעווראָלעי" — גיט מר. שאפּירא א זאָג צו מאקסן.

טרייסט אונדז באזיליאנסקי, אז דאָס וועט נישט געשען, וואָרים אויף אָט דער ליניע, וואָס פירט קיין דמשק, לויפט די באַן נישט מער ווי צוויי מאָל אין טאָג, גאנץ פרי און אין מיטנאכט, און ביז די באַן וועט אָנקומען, וועלן מיר שוין לאנג זיין אין טבריה.

דערווייל שטעקט דער אָטאָמאָביל מיט די פעדערשטע רעדער אויף די רעלסן.

נעמט מאקס שרייען: הו! הו! און גיט צו אראבישע ווערטער, וואָס מיר פארשטייען נישט.

ענטפערן די בערג: הו! הו! צעקייקלען זיך די עכאָס איבער זייערע שפּיצן, פארלירן זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש, און גאָרנישט, קיינער ענטפערט נישט.

לאָזט זיך מאקס איבערן פעלד און שרייט ווידער הו! הו!

מיר בלייבן שטיין ביים אטאָמאָביל און שרייען פון אונדזער זייט אויך: הו! הו!

מיטאמאָל דערהערן זיך קאפּיטעס פון פערד אויף די שטיינער. רייטער נעמען זיך ארויסשיילן פון דער פינצטערניש.

זיי דערנעענטערן זיך. מאקס נעמט מיט זיי ריידן. דאָס זיינען צוויי אראבער, א דריטער גייט צופוס. איינער האָט אויך א בליצלעמפּל. ער שטעלט עס אָן אויפן אָטאָמאָביל. דער שיין פאַלט אויך אויף זייערע טונקעלע פּנימער מיט אומהיימלעכע אויגן, וואָס זיצן טיף אין די אויגנלעכער. אויף די פארביקע טארבושן, וואָס רייסן ארום זייער קאָפּ און צעפּאלדעוועט זיך ווי שלייערן אויף זייערע אקסלען. די פערד ביי זייער זייט ציטערן מיט די גלאנציקע לייבער. א רויך זעצט פון זייערע נאָזלעכער, זיי צעהירזשען זיך, נעמען די אראבער ארונטערשטופּן דעם אָטאָמאָביל פון די רעלסן. מר. שאפּירא, באזיליאנסקי און איך לייגן אויך צו אן אקסל. דער אָטאָמאָביל גיט זיך ביסלעכווייז אונטער און ער איז שוין אויף יענער זייט רעלסן. מאקס רעדט מיט איינעם פון די אראבער. פרעגט

ביי אים מר. שאַפּירא, וואָס ער וויל. דערקלערט אים מאַקס, אַז דער אַראַבער שלאָגט פאָר, אַז די צוויי רייטער זאָלן אונדז באַגלייטן ביז טבריה.

מאַקס איז אָבער אומצופרידן: צו וואָס גיבן אַראַבער געלט גלאַט אין דער וועלט אַריין? ער ברומט אַרום דערביי עפּעס אַ וואָרט, וואָס קלינגט ווי נאָר נישט קיין קאָמפּלימענט אויפן חשבון פון די אַראַבער.

דענקט אָבער מר. שאַפּירא אַנדערש:

— פאַרוואָס נישט? זאָלן זיי אונדז באַגלייטן; וועט קאָסטן עטלעכע פּיאַסטער.

בלייבט סוף־כל־סוף, אַז זיי זאָלן אונדז באַגלייטן. די רייטער אויף ביידע זייטן און דער אַראַבער צופוס לויפט פאָראויס. מיר דערזען זיך מיטאַמאָל פאַר געצעלטן פון בעדואינער. פייערן ברע־נען פאַר די ביידלעך. אַ לעמפּל קאָפּטיעט דאָ און דאָרטן. מענער און פרויען אַרום די פייערן. הינט נעמען בילן. מ'רינגלט אונדז אַרום אַ ווייל. מיר פאָרן ווייטער. מיר הויבן זיך אָן פילן ווי אַראַ־בישע קאַליפן מיט די רייטער אויף ביידע זייטן און מיט דעם באָרוויסן אַראַבער, וואָס לויפט פאָראויס. דאָס האַלט אָן אַזוי אַ שטיק וועג. דער שפּיל דערעסט זיך אונדז אַביסל. מאַקס שווייגט און איז אַנגעכמורעט. די אַראַבער זיינען אים איבערדריסיק. דער־לאַנגט זיי מר. שאַפּירא עטלעכע פּיאַסטער, זיי פאַרבויגן זיך, באַ־דאַנקען די „האַוואַדזשעס" און פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש.

* * *

זיינען מיר אין טבריה. די הויפּט־גאַס, וואָס ציט זיך באַרג־אַרויף, איז נאָך לעבעדיק. אַ פּאָר קראָמען זיינען אָפן. עטלעכע רעסטאָראַנען קוקן אַרויס מיט באַלויכטענע פענצטער.

עטלעכע בחורים און מיידלעך שניידן זיך אַרויס פון אַ געסל און לאָזן זיך באַרג אַרויף. איינער צעזינגט זיך:

מי יבנה הגליל.

און די אַנדערע כאַפּן אונטער:

אל יבנה הגליל!...

און אויך די נאַכט, און די שטערן איבערן קאָפּ, און די בערג,

וואָס שוואַרצן זיך און רייסן זיך אַריין אין דער טונקעלער, אויס־געשטערנטער טיף, און דער „כנרת" אונטער אונדז, אויך זיי כאַפּן־אונטער:

אל יבנה הגליל...

מיר זיינען אין דער אַלט־אַלטער טבריה. זאָגט זיך עס אַזוי גרינג: „טבריה". ווייסט איר אָבער דעם מיין פון דעם וואָרט, דעם זין וואָס ליגט אין יעדן אות פון אָט דעם נאָמען „ט־ב־ר־י־ה" און אַן אייביקייט אַ גאַנצע גייט אויף ביי אייך. טויזנטער געשטאַלטן טויכן־אויף אינם זכרון. גאַנצע דורות און עפּאָכן שטייען אויף פון זייער שטויב, שטעלן זיך אויס לעבעדיקע, מיט בלוט אָנגעטרונ־קענע, מיט הויט און ביינער אַרויפגעצויגענע. זיי קומען אַרויס פון די הונדערטער קברים, וואָס זיינען איבער די בערג פאַרזייט, קברים פון הייליקע, אין אונדזער געשיכטע איינגעוואָרצלטע, אין האַרץ פון פאָלק איינגעוואַקסענע. זיי שלייכן זיך אַרויס פון די גאַסן און געסלעך, פון די היילן און שפּאַלטן, פון אונטער יעדן שטיין און בוים.

עס זאָגט זיך אַזוי גרינג „טבריה". ווייסט מען דעם מיין פון אָט דעם וואָרט, דעם זין וואָס ליגט אין יעדן אות פון די פינף אותיות „טבריה" — ווערט מען איבערוועלטיקט פון דעם שטראָם היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף אָט די גאַסן און געסלעך, וואָס שטייען איצט באַלויכטענע פון רויטענ־בערגס עלעקטריציטעט. די רוימער האָבן דאָ געוועלטיקט, טעמפּלען פאַר זייערע געטער אויפגעשטעלט און פּאַלאַצן פאַר זייערע הער־שער. די רואינען דערהויבן זיך נאָך ביי די ברעגן פון כנרת, וואו די געסלעך פון דער אַלטער שטאָט שליסן זיך. די ווענט פון איינער פון די פעסטונגען זיינען ווי אין כנרת אַריינגעוואַקסן. דאָס וואַסער, וואָס שלאָגט זיך אָן אין זיי טויזנטער יאָרן, האָט זיי נישט אויפ־געגעסן. און אויך די טורעמס און באַסטיאָנען און בריקן שטייען ווי אַמאָל. מ׳וואוינט נאָך אַפילו אין מאַנכע טיילן. ביינאַכט שיינען אַרויס פייערלעך דורך די קליינע שייבלעך, וואָס זיינען מיט גראַטעס פאַרצויגן.

די גאַנצע עפּאָכע פון הורדוס און פון די רוימער איז אָט אויף

די געפּלעך דורכגעגאַנגען. און אויך דער גאַנצער קאַמף פון די אידן געגן די רוימער. אין די היילענדע קוואַלן פון טבריה, די „חמי טבריה", וואָס שטראָמען אויך היינט ווי אמאָל פון די בערג, איז יוחנן מגוש חלב געקומען קורירן זיינע וואונדן און אָנשעפּן זיך מיט פרישע כוחות אין זיין קאַמף געגן די רוימער.

ווען איך האָב אויפן צווייטן טאָג געבאָדן זיך אין די „חמי טבריה", געלעגן אויסגעצויגן אין דער וואַנע פון קאַכלשטיינער אין דער פיינער, מאָדערנער באַדהויז, וואָס אונדזער „ריכטער" ראָ־זענבלאַט פון אמעריקע האָט געהאָלפן אויפבויען און וואָס ער האָפט נאָך צו אַנטוויקלען אין א צווייטער קאַרלסבאַד,—האָט זיך מיר גאָר נישט געגלויבט, אַז פאַר מיר האָט יוחנן מגוש חלב זיין לייביקן גוף אין אָט די וואַרעמע, היילנדע, דערפרישנדע וואַסערן געטונקען. ער וואָס האָט אינאיינעם מיט זיין חבר שמעון בר גיורא אָנגעפירט די מחנות פון אידישע גבורים, וואָס האָבן פאַרטיידיקט מיט אַזאַ אומפאַרגלייכלעכער העלדישקייט דאָס אידישע לאַנד געגן די רוימישע אַרמייען.

און דער שאָטן פון בר כוכבא שוועבט איבער דער דאָזיקער שטאָט. און די היילִיקע געשטאַלטן פון רבי עקיבא, רבי מאיר, ר' יוחנן בן זכאי, ר' שמעון בן יוחאי, דער רמב"ם און נאָך און נאָך.

רעדט זיך עס אַזוי גרינג „טבריה", פונקט ווי אין יעדן אות פון די פינף אותיות פון אָט דעם נאָמען וואָלטן נישט געלעגן אייביקייטן.

וואָרים „טבריה" דאָס איז „חכמי־טבריה" און דאָס זיינען „די חסידים פון טבריה". די שטאָט איז געווען דער ליכטיקער בריק, וואָס האָט געפירט צו די נייע אויפשטראַלונגען, וואָס האָבן זיך שפּעטער באַוויזן דורך די קבלה־שאַפער אין צפת.

און טבריה האָט אויך גערעדט פון אידישער אַרבעט און אינ־דוסטריע, פון בויען און שאַפן, וואָרים ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „כי איש טבריה לא בבטלה ניחא ליה" — א מענטש, וואָס קומט פון טבריה, איז נישט קיין ליידיקגייער. זיינען טאַקע דאָרטן נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן געווען ווערקשטאַטן אויסצו־

ארבעטן לעדער און ווערקשטאטן וואו מ'האט געמאכט די פיינסטע גלאזווארג.

און א ליכטיקער צענטער פון תורה איז די אלטע שטאט געווען. די וואונדערלעכע געשטאלט פון ר' יוחנן, וואס האט דארטן גע־גרינדעט א מרכז; זיין שוואגער ר' שמעון בן לקיש, וואס האט נאר מיט דער הילף פון גייסט געקאנט צוימען זיין בראנדיק־העל־דישע נאטור. דאס האט ר' יוחנן געזאגט וועגן אט דער אלטער שטאט: „טבריה משלמת למשיח".

און טבריה אין די צייטן פון די אראבישע קאליפן און טערקן, דון יוסף נשיא, וואס האט אין דער שטאט נייע לעבן געבראכט. און שפעטער די איינוואנדערונג פון די הונדערטער חסידים פון פוילן, אנגעפירט פון ר' נחמן פון האראדענקא, ר' מענדעלע וויטעבסקער און ר' אברהם קאליסקער.

אט אזוי האבן טויזנטער יארן און דורות איבער דער שטאט זיך דורכגעטראגן.

פארן מיר איצטער דורך איר הויפט־גאס, פארן בארג־ארויף דורך שורות בוימער, וואס שטייען ווי די שומרים פון ביידע זייטן.

מיר פארן צו „זאלצמאנס האטעל", דער גרעסטער האטעל אין דער שטאט, וואו לויט דער פארזיכערונג פון מאקסן און באזי־לאנסקין וועלן מיר קאנען פארברייננגען רואיק און באקוועם נאך אונזער אויסמאטערנדיקער רייזע. ווארטן מיר שוין אויף דעם האטעל, ווי א מידער מדבר־וואנדערער אויף אן אאזיס. ווייזט זיך אבער ארויס, אז דער האטעל איז איבערגעפאקט און אז פאר אונדז איז דארט קיין ארט נישטא.

דידאזיקע בשורה זאגט אונדז אן דער פארוואלטער, א נער־ווועזער יונגערמאן מיט ענערגישע זשעסטן, וואס ווערט בכלל נישט נתפעל פון אונדזער באקלאגן זיך, אז מיר זיינען שרעקלעך מיד, און אויך ניט פון אונדזער אנגעבן אים אין נדן, אז מיר זיינען נישט „גלאט אבי ווער", נאר אמעריקאנער געסט, און דערצו נאך זשורנאליסטן.

„נישטא קיין ארט, — זאגט ער אונדז, — סיידן איר ווילט שלאפן אויף דער פאדלאגע".

איך פרואוו מיינע דיפּלאָמאַטישע פעיאיקייטן מיט דעם איינג־טימער, מר. פיינגאָלד. איז ער אויך פון די אידן, וואָס נעמען זיך נישט צום הארצן. דאָס איז א דיקער פארשוין מיט אן אַקסישן קאַרק, מיט צוויי קליינע פארלאָפענע אויגעלעך, וואָס קוקן ארויס דורך דינע שפּעלטלעך פון אונטער א נידעריקן שטערן.

אונדז ווילט זיך אבער נישט שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע און אויך נישט געפינען רו ביי נאָנעס, איבערהויפּט דייטשע, וואוהין דער מר. פיינגאָלד שיקט אונדז. פאַראַנען, אגב, א דייטשער האָ־טעל אין טבריה, וואָס איז לעצטנס געוואָרן א נעסט פון נאַציס.

זיינען מיר ווידער אין אויטאָמאָביל. מיר פאָרן דאָס מאָל באַרג אראָפּ. מיר שטעלן זיך אָפּ ביים האָטעל „אייראָפּא". דער בעל־הבית, א ביאַליסטאָקער איד, א היימישער משכיל, דערלאַנגט אונדז א ברייטן „שלום־עליכם". ער האָט פאר אונדז א גוטן צימער, און וועטשערע? געוויס! אין קיך זיינען שוין פארטיק די פיש, וואָס מען האָט ערשט היינט געכאַפּט אין „כנרת", און א שטיקל עוף און אנדערע גוטע זאכן, און א שנעפּסל וועט אויך נישט פעלן.

אין שפּייז־צימער זיצן עטלעכע מענער און פרויען. עס נעמט נישט לאַנג און מיר געפינען אויס, אז דאָס זיינען דייטשע אייַנגע־וואַנדערטע. זיי פירן צווישן זיך א שטילן שמועס. זיי גיבן דעם געפיל פון מענטשן, וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין א פרעמדער וועלט.

אויף „קבר אבות"

איך גיי ארויס אויפן באַלקאָן הינטער דעם האָטעל וואו מיר שטייען איין. א מויערל שלאָגט אָפּ מיט ווייסקייט אין דער פינצטער. איך דערהער טריט הינטער זיך, און דערזע דעם בעל־הבית פון האָטעל. ער זאָגט צו מיר:

„אָט דאָס איז דעם רמב"מס קבר..."

„דעם רמב"מס קבר?"... אזוי נאָענט ווי מיט דער האנט צו דערלאַנגען. שיילט זיך ארויס פון דער פינצטערניש זיין לע־גענדארע געשטאַלט אין כאַלאַט און טארבוש, מיט דעם הויכן, פארטראַכטן שטערן. שיילט זיך אויך ארויס אין דער פינצטערניש זיין לעבן און ווירקן: שפאַניע, מאַראָקע, עגיפּטן, דערנאָך ארץ־ישראל וואו ער האָט זיין קבר געפונען. ער, וואָס איז אריין אין דער געשיכטע מיט די ווערטער „ממשה עד משה לא קם כמשה".

שפּעטער זיינען מיר געגאַנגען צו דעם קבר. ס'איז געווען גאַנץ פרי און דער טויער איז נאָך געווען פארשלאָסן. זיינען מיר גע־שטאַנען ארום פארקאַן און געוואַרט. א אידענע איז געקומען מיט א בינטל שליסלען און דעם טויער פאר אונדז געעפנט. א באַשיי־דענער קבר און א באַשיידענע מצבה, נישט גאָר ווי עס פּאַסט זיך פאר אים, דעם פרינץ פון גייסט. פריער איז אבער געווען נאָך ערגער. דער קבר איז א לאַנגע צייט געווען פארלאָזן און אראַבער פלעגן פּאַשען דאָרטן זייערע ציגן.

און אויך דאָס פייערל וואָס צאַנקט אויף דעם באַרג אנטקעגן, קוקט אויס אזוי נאָענט, כאָטש דער באַרג איז ווייט, פארלירט זיך אין דער נאַכט א פארהוילענער. זאָגט צו מיר ווידער דער בעל־הבית:

„דאָרטן איז דער קבר פון ר' עקיבאן, ביי די זייטן — די קברים פון א פּאָר טויזנט פון זיינע תלמידים".

„און דאָס פּייערל?"

„מן הסתם בעדואינער".

די אויפגעוואכטע וואכזאמקייט אין מיר נעמט זיך ראנגלען מיט דער מידקייט, וואָס דער שווערער טאָג האָט געלאָזן. ניין, איך וועל אזוי גיך נישט גיין שלאָפן. אין שפּייז־צימער טרעף איך מר. שאפּיראָן פירן א שמועס מיט צוויי ענגלישע גרעניץ־באאמטע, וואָס זיינען געקומען פארברענגען א פּאָר טעג אין טבריה. איינער ווייזט אים די מציאה וואָס ער האָט איינגעהאנדלט ביי אן אראבער — א פעלץ פון שעפּסענע פעל. פיר פונט האָט ער באצאָלט, און ער גייט עס שיקן א מתנה צו זיין פאָטער אין סקאָטלאנד. ער דער־מאָנט סקאָטלאנד, און א שטילער אומעט פארציט זיך איבער זיין אָפּגעברענט פּנים. ער איז א הויכער, ברייטפּלייציקער בחור מיט א דיקער אויבערשטער ליפּ און לאכעדיקע אויגן. דער צווייטער א ברונעט מיט קליינע, שווארצע וואָנצעלעך און א געפּאקטער פיגור. ביידע זיינען שוין עטלעכע יאָר אין ארץ־ישראל, פאר־בריינגען אין די מדבריותן און אראבישע דערפלעך. „אזא פעלץ קומט גאנץ צוניץ אין די פאלעסטינער נעכט", דערקלערט מיר דער ברונעט, „ווען מ'פאָרט אום אדער מ'שטייט א גאנצע נאכט אויף דער וואך, ווערט מען דורכגענומען פון קעלט..."

„און ווי קומט איר דורך מיט די אראבער?"

„אז מ'האָט ביי זיך אָט דאָס", און ער ווייזט מיר אָן אויף דעם רעוואָלווער אין דעם לעדער־טאַש ביי זיין גארטל, „קומט מען מיט זיי דורך".

„דאָס איז דער איינציקער וועג". גיט צו דער אנדערער.

מר. שאפּירא גייט שלאָפן און ראָט מיר צו טאָן דאָס זעלבע. מאקס כראָפּעט שוין פון לאנג אין זיין צימער. באזיליאנסקי זיצט נאָך און רויכערט, און פון מיר האָט זיך דער שלאָף אינגאנצן אָפּ־געטאָן.

לאָזן מיר זיך אוועק איבער טבריה, פארלירן זיך באלד אין דעם פארצווייגטן וואלד פון אירע שמאָלע געסלעך. מיר גייען אום ווי אין א הייל וואָס איז צעשניטן פון קאָרידאָרן, פון איין געסל ארויס אין א צווייטן אריין. די שטיבלעך צונויפגעדריקטע, איינגע־

נורעטע איינער אין אנדערן, קוקן מיט בלינדע אויגן. א אידענע שעפּט וואַסער פון א פּלומפּ. פון אן אָפן פענסטערל טראָגט זיך א שטיל מיידעלש ליד און דאָס קלאַפּן פון א ניי־מאַשין. די ווערטער אראַבישע, דער ניגון אן אומעטיק־אויסגעצויגענער ווי דאָס מיידל וואָלט ביי דער נאַכט איר יונג הארץ אויסגעוויינט. און א צווייטער ניגון פון א צווייטן, א מאנסבילש קול, אן אלט־איבערגעבראָכענס, און די ווערטער אלט־אַלטע:

„אזכרה אלהים ואחמיה בראותי כל עיר על תלה בנויה ועיר אלוהים משפלת עד שאול תחתיה".

נעמט מיך ארום א מין פארביטערניש. ס'איז דאָך נישט אמת, די „עיר אלוהים" איז נאָר נישט דערנידעריקט עד שאול תחתיה. עס ווילט זיך מיר אריינגיין און דערציילן דעם אידן, אז ערשט נעכטן האָב איך זי געזען אן אויפס־ניי צעבליטע, א וואקסנדיקע... ווייסט ער עס אליין נישט? ווי ווייט איז טבריה פון ירושלים?

און די אידענע ביים פּלומפּ, מיט וועלכער מיר צורעדן זיך, באקלאָגט זיך פאר אונדז אויף די היגע ספרדישע אידן: זיי זיינען ניט פרום, ערגער פון די אראַבער... זי אליין איז אן אשכנזישע, איר זיידע איז נאָך געקומען קיין טבריה, פון פּוילן. איר אידיש איז א פּויליש־זינגעוודיקער.

מיר זיינען אויף א געסל וואָס איז נאָך לעבעדיק. קרעמלעך זיינען אָפן. א חלפן זיצט ביי א טישל און ציילט מטבעות ביים שיין פון א לאָמפּ. די לאנגע, ווייסע באָרד פארשטעלט זיין פּנים, איך זע נאָר די באָרד, די לאנגע פּאות אונטערן קאַפּעלוש און די שפּאקולן וואָס היינגען אויף בענדלעך. א זקנה אין א טשיפּיק ברייננט אין אָרדנונג איר שפּייז־קרעמל. א גאנצע ריי שיך־קרעמלעך. אידן אין יאַרמולקעס און בחורים זיצן איבער קאַפּולן און קלאַפּן פלעקלעך אין פּאדעשוועס. איינער נייט זוילן. שיך און לעדערנע פּאַנטאָפל זיינען אויסגעהאנגען אויף שטריקלעך ווי בייגל. סטאָליארעס ארבעטן אין זייערע ווערקשטאַטן.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי א שיך־קראָם און פארפירן א שמועס מיטן בעל־הבית. ער איז א יונגער ספרדישער איד מיט א קיילעכ־דיק, ראַזיט פּנים און קוים־אויפגעשפּראָצטע וואָנצעלעך. אין דעם

גרויסן חדר הינטערן קרעמל ארבעטן צוויי אינגלעך. זיי קלאפּן מיט די האמערן אויף די זוילן און ברומען אונטער א לידל.

דערציילט ער אונדז: געשעפטן זיינען נישט שלעכט. ער מאכט שיך און פאנטאָפל נישט נאָר פאר טבריה, נאָר אויך פאר תל־אביב, כאָטש אין דער לעצטער צייט האָט שוין תל־אביב געגו־מען מאכן אירע אייגענע שיך און פאנטאָפל. אָט דאָס שטיבל באַ־לאנגט טאקע צו אים. דאָ וואוינט ער מיט זיין יונג ווייבל.

און ער באַקלאָגט זיך אויף די אשכנזים.

„וואָס איז, זיי זיינען נישט פרום?" פרעג איך מיט א שמייכל.

„זיי זיינען נישט גענוג פריינדלעך", ענטפערט ער, און א קאלט פייערל באווייזט זיך אין זיינע טונקעלע אויגן. „האלטן זיך פרעמד פון אונדז; מיר קומען שוין בעסער דורך מיט די אראבער".

ביים קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס

מיר זיינען ביים קבר פון ר׳ מאיר בעל־הנס. א גרויסער הויף מיט געביידעס. איין געביידע ביי דער זייט, ווי אין א וואנט אריינגערוקט, איז די אשכנזישע שול, די צווייטע אין פראָנט, צו וועלכער טרעפּ פירן, איז די שול פון די ספרדים. געפינט זיך דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס אין דער ספרדישער שול.

דער קבר איז באַלד ביים אריינגאַנג. א גרויסע, געקאַלכטע מצבה, ארומגעצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס. אויל־לעמפּלעך פלאַמען מיט זייערע קנייטלעך אין בעקנס ארום די גראַטעס, ביי די געזימסן ארום דעם געוועלבטן סופיט און ארום דער גרויסער מנורה, אומצייליקע אויל־לעמפּלעך וואָס ציטערן אין טונקעלן חלל מיט זייערע דינע, שמינקעלדיקע פייערלעך. און א גרויסע, אייזערנע פּושקע אָנגעקלאַפּט ביי דער זייט מיט די ווערטער „קופּת ר׳ מאיר בעל־הנס״. באַטראַכט איך אָט די פּושקע — דעם זיידן פון מיליאָנען ר׳ מאיר בעל־הנס פּושקעס, וואָס זיינען איבער אידישע הייזער צושפּרייט אומעטום וואו אידן געפינען זיך נאָר.

אין שול דרייען זיך אום א פּאָר ספרדישע אידן אין פאַרביקע כאַלאַטן מיט טאַרבושן ארום די קעפּ. איינער אַן עלטערער מיט א גרוי געדיכט בערדל ארום דעם קופּער־הויטיקן פּנים און גרויסע, פאַרטונקלטע אויגן איז דער „חכם״. מען גיט אונדז שלום עליכם. איינער דערלאַנגט אונדז שווייגנדיק ליכטלעך אין די הענט, הייסט זיי אונדז אָנצינדן אין דעם פייער פון א לעמפּל. דערנאָך צינדן מיר אָן לעמפּלעך אין דעם גרויסן בעקן. פלאַמען אויף נייע קנויטלעך, זינגט אויף דער אויל מיט א שטילן זשומען ווי זומער־פליגן. און מ׳מאַכט פאַר אונדז „מלא׳ס״ פאַרן ארון קודש. מ׳זינגט אויס די נעמען פון די נאָענט־פאַרשטאָרבענע. מיר וואַרפן אריין געלט אין דער גרויסער פּושקע. הענט שטרעקן זיך צו אונדז, דערלאַנגען מיר יעדן א נדבה. די ערשטע קריגט דער „חכם״ וואָס שטייט ביי

דער זייט און באטראכט אונדז מיט זיינע קלוגע אויגן. דערנאָך די אנדערע דריי.

שטייען מיר אין דער שול וואָס איז אויסגעהאנגען מיט פאר־ביקע טעפּיכער אויף די ווענט. אין דרויסן שרפהט די זון און דאָ איז קיל ווי אין א קעלער. דער „חכם" און די דריי אידן באוועגן זיך מיט די ווייכע פּאנטאָפל איבערן שטיינערנעם דיל. שפּאצירן אום מיט א פאָרזיכטיקייט ווי זיי וואָלטן מורא געהאט אימעצנס מחשבות איבעררייסן, אדער די רו פון דעם הייליקן ר' מאיר בעל־הנס שטערן. הערשט א שטילקייט צווישן די מויערדיקע ווענט, א שטילקייט אן אומערדישע. עס הערט זיך נאָר דאָס זשומען פון דעם אויל אין די לעמפּלעך און דאָס שארן זיך פון ווייכע פּאנטאָפל אויף שטיינער.

מיר גייען אריין אין דער ישיבה. א חדר מיט פּריזבעס ארום די ווענט, איבערגעפּאקט מיט ראָנאָזשעס. די זון ברעכט זיך דורך קליינע פענצטערלעך מיט גראטעס. אויף די פּריזבעס זיצט מען און מען לערנט. ארום פינף־און־צוואנציק ספרדישע אידן קומען אהער לערנען יעדן טאָג. ס'איז שוין אבער שפּעט און מ'איז זיך צוגאנגען, זיינען פארבליבן נאָר דער „חכם" און די דריי שמשים.

זיינען מיר אויפן הויף און שטעלן זיך אָפּ ביים סלופּ מיטן ברייטן שטיינערנעם בעקן. אָט דאָ צינדט מען יעדן יאָרצייט פון ר' מאיר בעל־הנס די הדלקה. טויזנטער אידן פארזאמלען זיך. תפלות און מזמורים פארקלינגען די לופט, און מען טאנצט א גאנ־צע נאכט ארום די פייערן. און געזאנג און פלאם צעטראָגן זיך איבער די ארומיקע קברים, העט־וויייט איבער די גליל־בערג.

ס'איז שוין שפּעט צו באזוכן די אשכנזישע שול און מיר לאָזן זיך צום טויער. אונדז שטעלט אָבער אָפּ א איד אין א לאנגער קאפּאָטע און פּאות און בעט אונדז אריינגיין אינעווייניק. „א שאָד, וואָס ס'איז שוין קיינער נישטאָ אינעווייניק, איר מעגט אָבער אריינגיין סיי־ווי־סיי, זאָגט ער צו אונדז, היינט א נדבה"...

„א נדבה מהיכה תיתא", זאָגט מר. שאפּירא, און נעמט שלעפּן פּאפּיר־געלט פון בוזים קעשענע, „אריינגיין אבער? צו וואָס? ס'איז דאָך קיינער נישטאָ..."

נעמט דער איד צו די נדבה. ער האָט אבער, קענטיק פאַר־איבל, וואָס מיר ווילן נישט אריינגיין אינעווייניק. ער קוקט אונדז אָן מיט אומעטיקע אויגן, דאָס אויסגעצערטע פּנים בלייכט זיך, און ער מורמלט ווי צו זיך: „אשכנזישע אידן האָבן קיין מזל נישט, מען גייט נאָר צו די ספרדים, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען די בחירי האומה".

געפינען מיר אויס שפּעטער, אז א ביטערע קנאה הערשט ביי די אשכנזישע קעגן די ספרדישע. די ספרדים זיינען די מערהייט. זיי האָבן פינף־און־צוואנציק לומדים און די אשכנזים נאָר פופצן. און אין זייער שול געפינט זיך דער קבר פון ר' מאיר בעל־הנס. קומט מען צו זיי און זיי קריגן אריין די גרעסטע הכנסה. די אשכנזים ווערן אבער באהאנדלט ווי יתומים.

* * *

שפּעטער האָט מיר דער בעל־הבית פון האָטעל, וואָס וואוינט שוין צוועלף יאָר אין טבריה, דערציילט טשיקאווע זאכן וועגן די חלוקה־אידן, וואָס לעבן פון ר' מאיר בעל־הנס.

אין דער גאנצער וועלט זאמלט מען פאר ר' מאיר בעל־הנס, וואָס איז ביים לעבן נישט געווען קיין גרויסער בעל־הוצאה. ער און זיין געטרייע פרוי ברוריה האָבן געלעבט מן הסתם גאנץ באַ־שיידן. שוין יאָרן און דורות ווי אין יעדער פרומער אידישער הויז געפינט זיך א ר' מאיר בעל־הנס פּושקע. און ביי יעדער געלעגנהייט וואַרפט מען אריין א מטבע אין דער פּושקע. קלייבן זיך אָן די מטבעות אין א גרוים פאַרמעגן. ווי קומט אבער אהין דאָס געלט? וויפיל דערגרייכט קיין טבריה? דאָס ווייסט קיינער נישט. וואָרים ס'איז נישטאָ קיין חשבון. וואָס דער טבריהער האָטעל אייגנטימער און אנדערע טבריהער אידן ווייסן יאָ איז, אז עטלעכע צענדליק ספרדישע „חכמים" און גלאַט בטלנים מאכן א פיין לעבן פון דער חלוקה. פאַראַנען אידן אין טבריה, וואָס האָבן אייגענע הייזער, קראָמען, און דאָך זאָגן זיי זיך נישט אָפּ פון חלוקה. זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיי עס געלאָזן „בירושה".

האָב איך זיך געטראַכט: ווער ווייסט וואָס פאר א ביטערע ווערטער ס'וואָלט געזאָגט ר' מאיר'ס פריינט, דער שאַרפער, סקעפּ־

טישער אלישע בן אבויה, ווען ער וואָלט געזען, וואָס מען טוט אין נאָמען פון דעם הייליקן ר' מאיר.

די חלוקה־אידן וואָלטן אבער אים געווים אפגעפטרט מיט דעם זידל־וואָרט „אחר".

גייט אבער אונטער לעצטנס ביסלעכווייז אויך די חלוקה. די אלטע חלוקה־אידן שטארבן אוים. זייערע קינדער שעמען זיך מיט דער שנאָרעריי זיי גייען בעסער ארבעטן אין די קאָלאָניעס און קבוצות אדער זיי לערנען זיך מלאכות.

אזוי אין טבריה, אזוי אין צפת און אזוי צווישן די חלוקה־אידן אין ירושלים.

דער נייער גייסט פון שאפן און בויען, וואָס האָט ארומגענו־מען אונזער לאנד, שווענקט אָפּ ווי א פרישער פרילינגס־רעגן דעם אלטן שטויב און שימל, וואָס די חלוקה האָט געלאָזן.



א שול אין טבריה

אין אן אַראַבישן „קאַבאַרעט"

מיר דערזען זיך ביים ברעג פון „כנרת". אראבער טרעפן אונדז אָן. קלאַנגען פון מוזיק דערטראָגן זיך צו אונדזערע אויערן און קולות פון אָפן־באַלויכטענע פענצטער.

גייען מיר אריין אינוויניק, און געפינען זיך אין אן אַראַבישן שענק, וואָס איז א מין „קאַבאַרעט". אראבער זיצן ביי נאַקעטע הילצערנע טישלעך. אנדערע אויף נידריקע בענקלעך האַרט ביי דער ערד. אנדערע גלאַט אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך. עס שטייען אויך עטלעכע לאַנגע בענק. די אַראבער ברודיקע און פארשוויצטע, רויכערן, זופן קאַפע פון שוואַרצע טעפּלעך. איינער זיצט מיט א גרופּע ביי א טישל, א שוואַרצער כאַלאַט כאַפּט ארום זיין דינעם, ביינערדיקן גוף. אויף דעם קאָפּ א ווייסער טאַרבוש. זיין פּנים גלאַנצט ווי א געפּוצטער שטיוול. גרויסע, שוואַרצע אויגן בליצן ארויס פון אונטער בושיקע ברעמען, און געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס איבער דיקע ליפּן.

„ער קומט פון דער מדבר", זאָגט צו מיר באַזיליאַנסקי. און ס'אָטעמט פון אים טאַקע מיט ווילד־מדברדיקס. ער טראַקטירט די אנדערע אַראבער וואָס רינגלען אים ארום מיט „סאַדאַ און וויהיסקי". ער איז שוין שיכורלעך און די אויגן ווערן ביי אים מיט א הייטל פאַרצויגן. די אנדערע באַטראַכטן אים מיט דרך־ארץ, לאַכן פון זיינע באַמערקונגען, קוקן אים אריין חניפהדיק אין די אויגן. פאַראַן עפּעס הערשנדיקס אין זיין האַלטונג. ס'איז קענטיק, אַז ער איז נישט גלאַט אבי ווער, אפשר א שעיך, דער אָנפירער פון א שבט. ער נעמט ארויס א פּעקל פּאַפּיר־געלט און צאָלט מיט א זשעסט פון איינעם ביי וועמען געלט שפּילט א קנאַפּע ראָל.

אן אלטער אַראַבער ציט פון א נאַרגילאַ, באַטראַכט מיט איינ־עסנדיקע אויגן דאָס וואַסער וואָס בולבעט אין דער פלאַש יעדן מאָל ווען ער פאַרציט זיך, און שפּייט אלע ווייַלע אין דער לופטן. אין א ווינקל בראָטן זיך אויף א קוילן אויוועלע צעשניטענע שטיק־

לער שאָפּן־פּליש, וואָס זיינען אָנגעשטעקט אויף שפּיזן. א יונגער אראבער דרייט די שפּיזן איבערן פייער. און ווען דאָס פליש ווערט פּארטיק טראָגט ער עס פּאנאנדער צו די געסט וואָס האָבן עס באַשטעלט. די געסט שארן־ארונטער אויף די טעלערלעך די שטיקלעך פליש מיט די הענט פון שפּיז און טראָגן עס צום מויל. אן אראבער גייט אום מיט ניסלעך אין א קוישל. אן אנדערער שלאָגט פּאָר א בינטל באַנאַנעס וואָס זיינען נאָך גרין.

א יונגע אראבערקע באווייזט זיך. זי איז מיטלוואוקסיג און לייביק, מיט א ברייטער, פלאַטשיקער נאָז. זי איז אנגעטאָן אין א רויט־זיידן קלײדל מיט א פּעלצן רעקל. דער יונגער שעיך שמייכלט צו איר. זי גיט א בליץ אויף אים מיט אירע שווארץ־אונטערגעפּירטע אויגן און ווייזט אים אירע פּעדערשטע גאָלדענע ציין. עס נעמט נישט לאַנג און זי איז ביי זיין זייט און ער טראָגט צו אירע ליפּן די „ווהיסקי און סאָדא" פון זיין גלעזל. די אנדערע שטשירען מיט די ציין.

מ'שטעלט אָן די אויגן אויף דער קליינער, ברודיקער בינע מיט אן אָפּגעקראַכענעם, פּארביקן לייוונט אין הינטערגרונט. דאָרטן זיצן פיר מוזיקאנטן, איינער שפּילט אויף א גיטאר, א צווייטער אויף א מין באסון, דער דריטער קלאַפּט־צו מיט א פּייקל. דער פערטער בלאָזט אין אן ערדן פייפל וואָס זעט אויס ווי א קרוג. שפּילן זיי א ווייל אליין, שפּילן א לאנגע, מאָנאָטאָנע מעלאָדיע אָן אן אָנהויב און אָן א סוף.

מיטאַמאָל באווייזט זיך פון א זייטיקער טיר א טענצערין. איר פליישיקער קערפּער איז צעשוואומען אין דעם פּארביקן, צעפלאַכטענעם קלייד. די פולע, געפּארבטע באקן ווי מיט מעל איבערגעשאָטן. נעמט זיך איר קערפּער באוועגן. זי שטייט ווי צוגענאַגלט צו די בינע־ברעטער און ציטערט נאָר אויף מיט איר פליישיק לייב, צוערשט באוועגט זיך איר קאָפּ מיט די קלימפּערן פון די רינגען אין די איינגעפלאָכטענע צעפּ, דערנאָך איר האלז, די פולע, רונדע בריסטן, ביז איר גאנצער קערפּער צאַפּלט זיך אין קאָנוואולסיעס. די אראבער עסן זיך איין אין איר מיט גיריקע אויגן, שרייען, טופּען מיט די פיס. די קאָנוואולסיעס פון דער טענצערין פארשטארקן

זיך. דאָס ברינדזשענדיקע רימפּלען פון די מוזיקער ווערט האַס־טיקער. מיטאַמאָל בלייבט זי שטיין אַ פאַרגליווערטע, די מוסקולן ווי פאַרשטייפט, נאָר דאָס פולע פּנים איז אין אַ שמייכל צעגאָסן און די גאָלדענע ציין פינקלען.

נאָך איר אַן אַנדער טענצערין מיט אַ ניטאַרע אין דער האַנט. זי איז דין און הויך און אין שוואַרצן געהילט. אַ שוואַרצער טוך נעמט אַרום איר ווייס־געפּודערט פּנים. די רויט־זאַפטיקע ליפּן זיינען צונויפגעטראָגן אין אַ שמייכל. אויך זי האָט גאָלדענע ציין. ווייס איך, אַז אַ סך יונגע אַראַבערקעס וואָס זיינען שוין מיט דער ציוויליזאַציע פון שטאָט אָנגעשטעקט לאָזן זיך אַרויסרייסן די געזונטע ציין און שטעלן אַריין גאָלדענע.

די טענצערינס גייען דערנאָך אום מיט אַ בלעכן טעצל צווישן עולם, קוקן אַריין אין די אויגן פון יעדן גאַסט און מען וואַרפט אַריין פּיאַסטערעס. דער שעיך גיט אַ צי צו זיך די בלייבע טענצערין און זי דרייט זיך אַרום שלאַנגיש פון זיינע הענט. זי וואַקסט אויס ביי מיין זייט, רוימט מיר עפּעס איין אין אויער. איך פאַרשטיי יאָ און פאַרשטייט נישט דעם מיין. גיכער פאַרשטיי איך יאָ. איינער פון די ענגלישע גרעניץ־באַאַמטע וועמען איך האָב פריער ניט באַמערקט, גיט מיך מיטאַמאָל אַ צי ביים אַרבל און אַ זאָג אין ענגליש:

„זייט מיט זיי פאָרזיכטיק... די דאָזיקע פריילעכע מיידלעך זיינען נישט פאַר אונדזערע מענטשן...״ ער שמייכלט דערביי פיל־באַדייטנדיק.

פאַרלאָזן מיר דעם שענק. דאָס מיידל מיטן פּלאַטשיקן נאָז גייט אונדז נאָך, זאָגט אונדז עפּעס און קוקט מיר אַריין אַרויס־רופנדיק אין די אויגן. מיר זיינען שוין אָבער אויף יענער זייט שוועל, מאַכן זיך אַ וועג צווישן די אַראַבער וואָס באַלאַגערן דעם שענק. דער „כנרת״ ליגט אַ דרימלענדיקער, דער בלייכער לבנה־סערפּ וואָס הייגגט איבער די גליל־בערג שניידט זיך אַריין אין זיינע וואַסערן. אַ שיפל מיט אַ לאַמטערן איבערן זעגל גליטשט זיך שטיל. אַ וואָיענדיקער געזאַנג פון די בערג. אַ ליכט אין איינעם פון די טורעמס פון דער אַלטער, רוימישער פעסטונג. אַ פאָרל שלייכט זיך דורך. „זי״ וואַרפט אַ העברעאישן וואָרט אין דער לופט.

טבריה שלאָפֿט. נאָר אין דעם נייעם קאַפֿע וואָס א דייטשער איד האָט געעפֿנט נישט ווייט פֿון שטאָטישן פּארק זען זיך נאָך מענטשן. גייען מיר אריין אינעווייניק. מיידלעך און יונגעלייט זיצן ביי טישלעך: פּוילישע, דייטשע, אונגארישע. א פּאַנאָגראַף שפּילט אויס אלערליי מעלאָדיען. צוויי בחורים זיינען פּארטיפט אי־בער א ברעט מיט „דאמקעס". א מיידל מיט א הויכער פריזור קוקט אריין פארליבט א בחור אין די אויגן. צוויי מיידלעך ריידן פּויליש אויפֿן קול. דער בעל־הבית, נאָך א יונגער מענטש, גייט אום מיט פארלייגטע הענט.

מיר לאָזן זיך צוריק צום האָטעל. איך גיי איבער דער שלאָ־פֿענדיקער טבריה פֿון היינט און די טבריה פֿון ווייט־ווייטן אמאָל וואכט־אויף, גייט מיר נאָך. די דורות וואָס זיינען דאָ דורכגעגאַנ־גען. די שאָטנס פֿון אירע העלדן און קדושים באגלייטן מיינע טריט.

א פריילעכע נאַכט אין א פריילעכער שטאָט

דער גרוי־פאַרנעפּלטער נעכטן און רעגנבויגן־בליציקער היינט גיסן זיך צונויף אין איין קאָביק־שטראָמיקן טייך איבער דער אַל־טער קאירא.

אָט זיינען קברים און מאָנומענטן, וואָס די געשיכטע פון טוי־זנטער יאָרן רעדט פון זיי ארויס.

און אָט זיינען אייראָפּעאישע פּאַלאַצן, לוקסעריעזע האָטעלן, וואו די ווערענדעס זיינען אָנגעפילט מיט א יום־טובדיקן עולם. קראָמען מיט בלאַנקנדיקע שפּיגל־פענצטער, וואו די מאָדעס פון פּאריז און לאָנדאָן זיינען אויסגעשטעלט.

אָט שפּאַצירן עגיפּטער אין זייער פארביקער טראַכט. פרויען אין שווארצן מיט ארונטערגעלאָזענע שלייערס איבער די פּנימער, און זייט ביי זייט עלעגאנט־געפּוצטע „ווייסע" מענער און פרויען.

אָט שלעפּן זיך אייזלען מיט משאות געלאָדן און באָרוויסע אראבער גייען זיי נאָך און קעמלען וויגן זיך ביי די זייטן.

און אָט בליצן פארביי אָטאָמאָבילן, ענגלישע, פראנצויזישע, אמעריקאַנער.

אָט דאס איז קאירא, וואו דער אָריענט און אָקסידענט האָבן זיך צונויפגענומען אין איין פייערדיקן שטראָם, וואו די גרעניצן פון „נעכטן" און „היינט" זיינען אָפּגעווישט געוואָרן.

* * *

מיר שיפן זיך אריבער אויף א קליינעם אינזל און בלייבן שטיין אין שאָטן פון „משה רבינוס בוים".

„צי דאָס איז ווירקלעך משה רבינוס בוים, קאָן איך אייך נישט גאַראַנטירן", זאָגט אונדז דער ערלעכער, אביסל סקעפּטישער גאַלד־בערג. ער וויל בכלל נישט, אז מיר זאָלן אים האלטן פאראנט־וואָרטלעך פאר דער ריכטיקייט פון קאירא'ס אידישע היסטאָרישע מאָנומענטן.

זיינען מיר אבער נישט קיין אפּיקורסים. מיר צווייפלען נישט אויף א מינוט, אז אָט אונטער דעם אלטן בוים, וואָס היינגט ארונ־

טער מיט זיינע פּאַרוויינטע צוויינג אין די מוטנע וואַסערן, איז געזעסן משהס שוועסטער, מרים, און געהיט דאָס קעסטל מיט איר ברודערל משה, וואָס איר מאַמע יוכבד האָט אַריינגעוואָרפן, צו ראַטעווען אים פון פּרעהס הענט.

און אין אָט די וואַסערן האָט פּרעהס טאָכטער זיך געבאָדן. זי האָט דערזען דאָס קעסטל מיט דעם קינד און אַרויסגעצויגן עס פון וואַסער. זי האָט אים געבראַכט דערנאָך אין איר פאָטערס פּאַלאַץ, וואָס איז אויף דעם דאָזיקן אינזל געשטאַנען. אַזוי איז דאָס געווען.

האָט דאָ דער אידישער באַפרייער זיין יוגנט פאַרבראַכט.

האָט דאָ דער יונגער, רעוואָלטירנדיקער משה געחלומט דעם חלום פון זיין פאָלקס באַפרייאונג.

און ביינאַכט, אַ רייזע איבער דעם טייך נילוס.

אַ זעגל־שיף פירט אונדז איבער די שטילע, פאַרגליווערטע וואַסערן. אונדזערע צוויי אַראַבישע מאַטראָסן בייטן זעלטן די זעגלען זיי לאָזן די כוואַליעס טרייבן די שיף, אליין זיצן זיי פאַררוקט אין ווינקלען ווי אויסטערלישע געשטאַלטן, נאָר די פונקען פון זייערע ציגאַרעטלעך טויכן אויף און לעשן זיך, טויכן אויף און לעשן זיך.

טינטיק־שוואַרץ איז דער נילוס. זיינע וואַסערן שלאָגן זיך אָן מיט אַ קוים־געהערטן מורמל אין די זייטן פון דער שיף. אַ טיף־אויסגעשטערנטער הימל איבער אונדזער קאָפּ. ווייטע פייערן מינען פון די ברעגן. האָבן מיר דעם געפיל, ווי אונדזער שיף וואָלט נישט אויף דעם נילוס זיך געגליטשט, נאָר צווישן הימל און ערד געשוועבט מיט אַ לייכט, פויגלדיק שוועבן.

מיר זיינען אָבער אויפן נילוס, דערזעלבער אַלטער נילוס, וואָס האָט איינגעזאַפּט די טרערן פון אידישע מאַמעס, וועמעס קינדער מ׳האָט אין די דאָזיקע טינטיק־שוואַרצע וואַסערן געוואָרפן.

מיר זיינען אויפן נילוס, — דער לעבנס־נערוו פון מצרים פון די אַלטסטע צייטן ביז היינטיקן טאָג.

היינט, ווי אַמאָל, טרינקט אָן דער נילוס די פעלדער און די גערטנער פון מצרים.

זאָל דער נילוס אויסטריקענען און מדבר וועט זיך נעמען שפּרייטן איבער מצרימס דערפער און שטעט.

איז עס דער נילוס, וואָס גיט היינט, ווי אמאָל, לעבן און בליאונג.

גליטשט זיך איבער דעם פלאַך פון דער אייביקייט.

* * *

איז אונדז באַשערט געוועזן צו האָבן אויך גרויס צער אין קאַירא.

גאָלדבערג זאָגט אונדז אָן מיט גרויס שמחה, אַז מאָרגן וועלן א גרופּע ארץ־ישראלדיקע פוס־באָל שפּילער, וואָס זיינען ספּעציעל געקומען קיין קאַירא, שפּילן קעגן די עגיפּטישע פוס־באָל שפּילער און ווייזן וואָס זיי קאָנען.

און גאָלדבערג איז אויפגערעגט, און נישט נאָר ער, כמעט אַלע אידן אין קאַירא און אויך די עגיפּטער.

גייען מיר זען דעם שפּיל. דאָס ספּאָרט־פעלד איז באַלאַגערט פון טויזנטער מענטשן. הונדערטער עגיפּטישע פּאָליציסטן אויף פערד. א וואַלד מיט אָטאָמאָבילן. מיר מאַכן זיך קוים א וועג.

מיר זיצן צווישן דער גרופּע ארץ־ישראלדיקע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס זיינען געקומען בייוואוינען דעם שפּיל. די אַרענע איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. די גאַנצע עגיפּטישע אַריסטאָקראַטיע איז פאַרזאַמלט. דער פּרינץ, מיניסטאָרן, הויכע ענגלישע באַאַמטע, און אפילו דער „גראַנד ראַבין" חיים נחום פעלט נישט.

איז מען נערוועז אין אונדזער אידישן ווינקל. וואָרים מ'ווייסט, אַז די עגיפּטער זיינען גוטע שפּילער, די ענגלישע פוס־באָל שפּילער האָבן זיי נישט געקאָנט באַזיגן.

„מ'דאַרף זאָגן א קאַפּיטל תהלים", באַמערקט צו מיר גאָלד־בערג.

אויפן פעלד פלאַטערן צוויי פאָנען, — די עגיפּטישע אויף איין זייט, און אונדזער ווייס־בלויע אויף דער צווייטער זייט.

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, וואָס אונדזער נאַציאָ־נאַלע פאָן פלאַטערט דאָ", רוימט מיר איין גאָלדבערג מיט שטאָלץ.

און מען שפּילטביידע נאַציאָנאַלע הימנען, — די עגיפּטישע

און אונדזער „התקוה"; די אידן אַפּלאָדירן, שפּרינגען ענטוזיאַס־טיש פון די ערטער. ביי די ארץ־ישראלדיקע בליצן די אויגן.

הויבן אָן די אידישע שפּילן גאַנץ גוט. קיין „גאָול" מאַכן זיי טאַקע נישט, דאָס שפּילן אליין איז אבער שיין, געשיקט, אייג־פאַלעריש.

ס'ווערט אָבער ביסלעכווייז שלעכט. די עגיפּטער מאַכן זייער ערשטן „גאָול". הויבן זיך אָן געשרייען פון ארץ־ישראלדיקן עולם:

„שמואל, לך שמאלה!" (שמואל, גיי לינקס!)

„השלך את הכדור אחורנית!" — ווארף דעם באַל הינטער־ווײַלעכס.

אָט אזוי גיט מען פון אונדזער ווינקל אַלץ עצות די אידישע שפּילער.

ווי שטייט אבער אין פּסוק: „אין עצה ואין תבונה" — קענען שלעכט שפּילן העלפן נישט קיין עצות און א סברא א קאַ־פּיטל תהלים אויך נישט.

ס'ווערט קלאָר, אז די עגיפּטער זיינען אמתע מייסטער אין פארגלייך מיט די אידישע שפּילער.

ארץ־ישראל האָט אפילו געשיקט אירע בעסטע פוס־באַל קינסט־לער. מען האָט אויסגעקליבן די סאַמע מובחרים פון „הפועל" און „המכבי", — ביידע ארץ־ישראלדיקע ספּאָרט אָרגאַניזאַציעס, — די פּראָלעטארישע און די בורזשואזע האָבן געשלאָסן שלום כדי צו באַזיגן די בני מצרים.

ס'איז אבער אומזיסט. די עגיפּטער מאַכן איין „גאָול", מאַכן א צווייטן און אזוי זיבן צוזאַמען, און די אידן — קיין איינעם נישט.

פילן מיר זיך ממש אבל וחפוי ראש.

ס'איז אַן אמתער תשעה באב אויף דער אידישער זייט.

א תימנער אינגל, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון אונדז, האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין.

נאָלדבערג מיידט אויס זיך צו באַגעגענען מיט אונדזערע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר אונדז.

זיינען די עגיפּטער אמתע ספּאָרטלייט. זיי האָבן געמאַכט אַן

אָוואַציע פאַר די באַזינגטע ארץ־ישראל שפּילער, וואָס האָבן פאַר־לאָזן דאָס פעלד מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ.

אין אָוונט האָט מען געמאַכט פאַר זיי א באַנקעט, וואו אַלע נאַטאַבלען זיינען געקומען.

„און איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן קאָנען שיקן א קייבל אין „טאָג" אָנצוזאָגן די בשורה פונם אידישן זיג", זאָגט צו מיר מר. שאַפּיראָ.

גייען מיר פאַרנאַכט אין טעמפּל. ס'איז פרייטיק צו נאַכטס. דער שיינער טעמפּל אין מורישער אַרכיטעקטור איז האַלב־פול. דעם חזנס ספּרדישער זינג־געזאַנג, וואָס קלינגט אויסטערליש פאַר אונד־זער אשכנזישן אויער, הילכט אָפּ אונטערן הויכן, געוועלבטן סופים. דער גראַנד־ראַבין חיים־נחום דאַוונט ביחידות ביים ארון־קודש. ווען דאָס דאַוונען ענדיקט זיך, לאָזט זיך דער עולם צו אים. ער שטייט אויף דער בימה אין זיין לאַנגן, שוואַרץ־זיידענעם כאַלאַט מיט א רונדן היטל ווי א שטריימל, וואָס איז אַרומגעזוימט מיט א רויטער סטענגע. זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט, גייען צו אים די יונגע און די עלטערע, פאַרבויגן זיך לייכט און קושן זיין אויסגע־שטרעקטע האַנט. באַטראַכט איך די אידן. אייגענע בלוט פון אונ־זער בלוט. אייגענע, און דאָך ליגט עפּעס צווישן אונדז און זיי. ווייס איך וואָס דער „עפּעס" איז. צייט, דערווייטערטקייט, גלות.

* * *

פאָרן מיר אום און גייען אום איבער די גאַסן און געסלעך פון קאַירע. מיר באַגעגענען דאָ דעם מזרח און דעם מערב שפּאַ־צירנדיק זייט ביי זייט, אָפּטמאָל אָרעם־און־אָרעם. האָט מיר קאַירע געוויזן, אַז קיפּלינג האָט נאָר נישט רעכט מיט זיין באַמערקונג, „מזרח און מערב קאָנען זיך נישט באַגעגענען". אפשר אין אינדיע אַזוי, אפשר אין אַנדערע מזרח־לענדער. אָבער נישט אין עגיפּטן.

און אַזוי אויך אין דעם קאַבאַרעט, וואו מיר זיינען געגאַנגען אין אָוונט. דער עולם, וואָס פּאַסט אָן דעם האַלב־טונקעלן זאַל — א געמיש פון מזרח און מערב. אַראַבער אין רויטע פעסקעס און כאַלאַטן, און אייראָפּעאיש־געקליידטע. און „ווייסע" מענער און פרויען פון אַלערליי לענדער. איך זע לעבן א יונג עגיפּטיש בחורל

מיט לויפנדיקע אויגן. מיר פאַרפירן אַ שמועס, פאַרטרויט ער מיר שטיל: „מיר ווילן דאָ נישט די ענגלענדער... וועה דאַרף זייער פּאָליציי און מיליטער? מיר קאָנען זיך אַליין רעגירן".

„איר האָט דאָך אַן אייגענעם פּאַרלאַמענט?"

„אַ פּאַרלאַמענט," גיט דער בחור אַ ברום צווישן די ציין און זיין פּנים קרומט זיך איבער אין אַ פאַרעכטלעכן שמייכל, „אַ פּאַרלאַמענט... נו, יאָ, דאָס גיבן זיי אונדז אַ שפּילצייג... אָבער, שטיל, מ'קאָן אונדז נאָך הערן"... ער קוקט זיך אַרום פאַרזיכטיק.

ס'שפּילט אַן אָרקעסטער. אַ פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. עטליכע מוזיקער שפּילן אויף דער בינע. באַווייזן זיך דערנאָך די שווישפּילער. ס'קומט אַרויס אַ פרוי, נישט קיין ערשטע יוגנט, אָבער דאָך אַ שיינע, מיט אַ סך רייץ אין איר פול־ווייבער פיגור, און אַ שמייכל האָט זי אַ רייצנדיקן, און ווען זי צענעמט די ליפּן, ווייזט זי בלאַנקנדיק־פּערלדיקע ציין. זי איז די אייגנטימערין פון אָט דעם וואָדעוויל־הויז, און לויט די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס ברעכן אויס, איז צו זען, אַז זי איז זייער פּאָפּולער ביים עולם. איז זי אַ טענצערין פון דעם מין, וואָס איז זייער פּאָפּולער אין מזרח. נישט די פיס טאַנצן, זיי באַוועגן זיך קוים, נאָר דער בויך און די היפטן הויבן אָן אויפצוציטערן, צעצאַפּלען זיך אַלץ מער, צעציטערן זיך מיט יעדן מוסקול, שלאָגן אויף פייער־רינגען מיט יעדן ריר און קער. און די טענצערין אַליין שטייט ווי צוגענאָגלט צו די בינע־ברעטער, ווי איר בויך און היפטן וואָלטן גאָר נישט מיט איר קערפּער זיך אָנגעקערט. זי שטייט נאָר און שמייכלט מיט איר כישופדיקן שמייכל, פינקלט מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן אונטער די לאַנגע, געדיכטע ווייעס. און אויך די ציין אירע פינקלען מיט אַ ווייס־בליאַסקענדיקן אָפּגלאַנץ.

דערנאָך זינגט זי טערקישע און אַראַבישע לידער. איר שטים איז אַ ברוסטיק־קלינגנדיקע. פאַראַן אַ סך וואַרימקייט און האַרציקייט אין איר נעזאַנג.

און נאָך בויך־טענצערינס. און אַ דין, שלאַנק, האַלב־נאַקעט מיידל שפּרינגט און פליט ווי אַן אַקראָבאַט איבער דער בינע, און

א קאָמישער אקט, פון וועלכן דער היימישער עולם האלט זיך ביי די זייטן. מיר פארשטייען נישט, אין וואָס דער קאָמיזם באשטייט, זופּן מיר גלייכגילטיק די משקה, וואָס א באדינער טראָגט אונדז צו אויף א טעצל.

* * *

און א באזוך אין העליאפּאָליס, די נייע וואונדער־שטאָט, וואָס איז אויסגעוואקסן ארום קאירא. א בעלגישער גראף האָט פאר־פלאנצט אָט דעם גן־עדן אויף די ווייס־וויסטע ברענענדיקע מדבר־זאמדן. זיין לעגענדארער פּאַלאַץ הויבט זיך ארויס פון אָט די זאמדן ארום געפלאסטערטע גאסן, וואָס באָדן זיך אין דער זון, פּאַלמען־גערטנער און גרינס, ווילאס שאָטענען זיך — און אביסל ווייטער דער מדבר.

דער בעלגישער גראף האָט געליטן פון שווינדזוכט, האָט ער זיך דאָ באזעצט. ער איז אבער געווען א גוטער געשעפטסמאן, האָט ער געגרינדעט א געזעלשאפט, וואָס האָט אויפגעבויט אָט דעם גן־עדן און טאקע געמאכט דערביי א פארמעגן.

און דער וואונדער־האָטעל אין העליאפּאָליס — נאָר די פאנ־טאזיע קאָן אזוינס מאָלן.